STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02907

YUNG AMERIKA

Noah Steinberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נח שטיינבערג

יונג אמעריקא

פערלאג לעבען

ניו יארק, 1917.

הויפט פערקויף

מייזעל'ס פערלאג

424 גרענד סט. ניו יארק

אינהאלט:

	זייט
פאָרוואָרט	3
דוד איגנאַטאָוו	5
זישא לאנדוי	39
א. ראבאי	61
מאני לייב	85
יוסף ראָלניק	105
י. אפאטאשו	127
משה נאַדיר	149
ר. אייזלאנד	183
מ. ל. האלפערן	201
ה. לייוויק	233
ביבליאָגראפיע	256

Copyright, 1917
by
N. STEINBERG

פאָרוואָרט.

דאָס בוך וואָלט זיך ניט געגויטיגט אין קיין פאָרוואָרט, ווען „ליט וואַלטען זיך ניט צוגעאיילט מיט בייזווילינע פאָרערעס אין די צייטונגען, אום דעם בוך צו פערלויפען דעם וועג.

עס איז קלאָר, אז דאָס בוך, וואָס איז געווידמעט „10 יונגע שריפט־שטעלער“, וועט אויפוועקען כעס און שנאה ביי די געשוואָרענע בייזע פאַסטוכער פון אונזער ליטעראַטור: ביי די, וואָס האָבען זייער קאַריערע אַלס קריטיקער געמאַכט דוקא דורך פערשרייען אַט די 10 יונגע שריפטשטעלער, וועמען דאָס בוך איז געווידמעט —

צו דעם פּראָפעסיאָנעלען קריטיקער־פעראיין, וואָס האָבען זייערע צייהן זיך קאליע געמאַכט מיט טעמפּע זידלערייען, וועלען נאָך צוקומען די אַלט־געזעסענע אין אונזער ליטעראַטור, וואָס גלויבען, אז „על פּי שכל און יושר“ וואַלטען נור וועגען זיי געמעגט אַזעלכע ביכער געשריבען ווערען —

א טייל פון די אויסגערעכענטע האָבען שוין אָנגעגרייט פולע מיילער און וואַרטען נור אויף דער געלעגענהייט זיי פונאַנדער־צו־עפענען. און אייניגע האָבען אפילו קיין צייט ניט געהאַט צו דערוואַרטען זיך...

דעם לעזער, וואָס שטעהט נאָהענט צו דער ליטעראַטור־קאָפּען, וועט די פאַסקווילן־שטימונג ארום בוך ניט אויפפאַלען. ער פערשטעהט גוט די אורזאַכען און די מאָטיוועז. אָבער פאַר דעם ברייטען לעזער־קרייז, וואָס האָט קיין זכיה ניט פערזענליך צו קענען אונזערע ליטעראַטען, וועט דער קינסטליך־געשאַפענער פ א ר א ו ר ט י י ל זיין א שטער, וואָס וועט איהם צום בוך ניט צולאָזען. און דאָס וועט זיין א שאַד, דאָס בוך פערדיענט א פ ר י י נ ד ל י כ ע אויפנאַהמע.

דאַרום פיהל איך, כאָטש א זייטיגער מענש צום בוך, אויף זיך די פליכט צו זאָגען א פּאָר ווערטער וועגען בוך, וואָס דער פערפאַסער אַליין וואַלט זיי ניט געקענט זאָגען...

דאָס בוך איז פריהער פון אַלץ א ב ו ך, ד. ה. אַן ארבייט. ביז איצט פלעגט מען יוצא זיין געגען די יונגע מיט לייכטינקע רעצענזיעס, פון דעם סאָרט וואָס מען שיט פון אַרבעל אַרויס. דאָס איז צום ערשטען מאָל דאָ ביי אונז, וואָס מען געהט צו צו א שרייבער מיט אַזוי פיעל כבוד. איהר קענט אפשר אַמאָל ניט איינשטימען מיט די אָבשעצונגען פון דעם פערפאַסער, דערפאַר גיט ער אָבער פון דעם שריפטשטעלער גופא איבערגענוג, אז איהר זאָלט זיך קענען שאַפען אייער אייגענע מיינונג. ער האָט אין זיין מאַטעריאַל אַזוי פיעל אַריינגעגעבען, אז דער מאַטעריאַל קען שוין בעשטעהן אָהן איהם אויך. אייניגע פּאָעטען וועלען זיך ערשט פון דעם בוך אַליין אויסגעפינען. ניט נאָר איז יעדען פון זיי געווידמעט א 30 זייטלאַך, נאָר 30 טעג, און 2 און 3 מאָל 30 פון מיטדענקען, מיטפיהלען און מיטלעבען מיט זיי.

דעריין איז נח שטיינבערג א פּיאָנער. ער האָט מיט זיין ערשטען שריט אַריבערגעיאָגט אַלע יענע היגע קריטיקער אונזערע, וואָס זייער איינציגע מעלה איז געווען דאָס ביסעלע האַרעוואַניע. זיי פלעגען צונויפסקראַבען א מיינונג דאָ און א מיינונג דאָרט, און זיי צוזאַמענקלעפּען מיט א טראָפּעלע שווייס. אָבער ער איז אָהן א פערגלייך העכער פון זיי — סיי די אוועקגעפאָהרענע און סיי די נאָך געבליבענע — ווייל איהר געפינט ביי איהם אַן איינגענעם קעהר און ווענד, א פלינקע באַוועגונג, א פלוצלינגען איינפאַל, א בליץ, א שיין... פיעלע זייטלאַך פון דעם בוך זיינען געשריבען מיט אָריגינעלען שוואונג...

ווי ער וואָלט געגעבן א ראָמאַן. ווי ער וואָלט געקומען ניט צו שאַצען, נאָר צו פּ ע ר א י נ ט ע ר ע ס י ר ע ן. דאָס איז ניט קיין מבינות־זאַגעריי אויף די שרייבער, נאָר א צוזאַמענלעבען מיט זיי: צו וועלכען דער לעזער ווערט אויך איינגעלאַדען אלס דריטער צו מזומן.

שטיינבערג דערצעהלט פערבייוועגס א געשיכטע, פערפיהרט מיט דעם שרייבער א שמועס, כדי צו געבען דעם לעזער א געלעגענהייט צו שליסען בעקענטשאַפט מיט'ן שרייבער אונגעצוואונגענערהייט.

בעת ביי יענע קריטיקער־הארעפּאשניקעס אונזערע, האָבען אָט די אלע גוטע זאַכען אבסאָלוט געפעהלט. אין טעמפּער אונבעוועגליכקייט פלעגען זיי אקערען מיט דער נאָז, אין שוויס פון זייער פּנים — און איהר פלעגט מיט זיי בלייבען דאָרט, וואו איהר זייט פון אָנפאנג געשטאַנען — ניט א טריט ווייטער. מיט זייער אומגעלומפּערטען קלעטערען אויפ'ן שרייבער, פלעגען זיי זיך קיינמאָל ניט אויפהויבען העכער פון אייגענעם נידעריגען שטערען. און דאָס זיינען זייערע סמנים: א בערישער שטעל, א בערישע טובה אָדער אן עזעלשער בריק.

נח שטיינבערג מיט די ערשטע פּאָר זייטלאַך איבער יעדען שרייבער וויעגט אייך פונאַנדער, און איהר קענט זיך שוין אליין בעוועגען איבער'ן שרייבער און זיינע ווערק. אויב איהר ועט זיך דערמאַנען, האָט איהר פון יענע קריטיקער קיינמאָל די טובה ניט געהאט. ער איז געקומען ניט נאָר פערנעהמען זייער פּלאַץ; נאָר, ניט האָבענדיג עס אפילו אין זינען, האָט ער געמאַכט, אז זיי זאָלען זיך שוין קיינמאָל ניט קענען צוריק אוועקזעצען אויף זייערע פּלעצער. מיר ווילען צו זיי זאָגען: זיצען איז קיין קונץ ניט, קענט איהר זיך אָבער אויפהויבען? נח שטיינבערג קען עס.

דאָס בוך איז געווידמעט "צעהן יונגע שריפטשטעלער". מעגליך אז עס האָבען בעדאַרפט זיין 12 אָדער 16, איהר קענט מיט איהם אין דעם ניט איינשטימען. זיין מיינונג. אָבער די ארייגענומענע זיינען זיכער בערעכטיגט צו זייער פּלאַץ צווישען די צעהן יונגע שריפטשטעלער אין אמעריקא. יעדער פון זיי — און נח שטיינבערג האָט עס בעוויזען און דאָס איז זיין פערדיענסט — יעדער פון זיי האָט פערוויקעלט אן אייגענעם קנויל, וואָס הויבט זיך אָן אין איהם גופא, ניט אין וועלכען עס איז עלטערען שרייבער. און ער קען מיט רעכט זיך אָבוואַרפען פון דעם יחוס, וואָס דער אָדער יענער עלטערער שרייבער וויל אויף איהם ארויפצווינגען.

די אויפגאַבע פון קריטיקער פון די יונגע איז דעם קנויל פונאַנדערצוּוויקלען. נח שטיינבערג טהוט עס אויף זיין שטייגער. ער האָט אָנגעכאַפּט א פאָדעם ביי יעדען פון די יונגע, ציהט איהם פון קנויל אראָב — און וועבט אויף איהם בילדער און שטימונגען, טיילווייז דעם שריפטשטעלערס, טיילווייז זיינע אייגענע. און פאַר יעדען פון די שרייבער בעקומט זיך א בעזונדער וועלטעל, וואו ער, שטיינבערג, וואוינט בשותפות מיט דעם שרייבער, און וואו אייך, דעם לעזער, ציהט מיט נייגעריגקייט אריינצוקוקען.

דאָס איז אן אויפטהו. קיינער פון די פריהערדיגע קריטיקער — סיי די גוטע און סיי די שלעכטע, סיי די וויציגע און סיי טעמפּע — האָבען קיין שכל און קיין ווילען ניט געהאט דערצו.

א בוך מיט צעהן וועלטען איז נח שטיינבערג'ס בוך וועגען די צעהן יונגע שריפטשטעלער. מען וועט עס פון בוך ניט אוועקנעהמען.

ב. ריווקין (אבא ליליען).

דוד איגנאטאָוו

מיר שטרעבען היינט מעהר צו דעם אייביג מיסטישען
ווי אַמאָל. און כאָטש מיר גלויבען מעהר ניט אין
איבערנאַטירליכע ערשיינונגען און אין מעשות וועגען
גייסטער, גלויבען מיר אָבער דערפאר אַז מיר אַליין
זיינען גייסטער און — זעהר אונבעגרייפליכע...

נח שטיינבערג.

1.

איבערלעזענדיג דוד איגנאטאוו'ס „פיבי" בין איך זעהר פער־אינטערעסירט געווארען אין פערפאסער און איהם געוואלט קענען פערזענליך.

ווען איך בין געקומען אין ניו יארק, בין איך אוועק אין דער ליטערארישער קאפע דארט צו טרעפען איגנאטאוו'ן, אבער אויף מיין מזל איז ער פונקט דעמאלט ניט געווען.

ביי זיך אין גערדאנק האב איך שוין געהאט אויסגעמאלען א בילד פון איגנאטאוו'ן. אין אויסזעהן, האב איך זיך פארגעשטעלט, מוז ער זיין עהנליך צו א יונגען אפיציר, וואס האט ליעב צו רייטען אויף א שעהן פערד און איז שטארק געבויט, אין טעמפעראמענט איז ער אודאי עהנליך צו זיין העלד „ברוך" פון זיין ראמאן „אין קעסעלגרוב".

אריינקומענדיג אמאל אין קאפע, האב איך דערזעהן א גרופע יונגע דיכטער ביי א טישעל. די מעהרסטע — צארטע, מיט בלא־סע געזיכטער, מיט א מילדען אויסדרוק אין זייערע אויגען. נאר איינער זיצט צווישען זיי א בייזער, אנגעבלאזען, מיט א הארט גע־זיכט און שטייפע האר אויפ'ן קאפ, מיט ברייטליכע פלייצעס און א געזונטען קארג. ער האלט אין איין שארען די שווארצע שטייפע האר זיי זאלען זיך אוועקלעגען, נאר זיי בלייבען עקשנות'דיג שטעהן אויף זיין קאפ, ווי זיי וואלטען געווען נאדלען.

מיר איז איינגעפאלען אז דער מיט די שטייפע האר מוז זיין איגנאטאוו.

לאנג איז ער ניט געזעסען. ער האט זיך אויפגעהויבען, זיך גע־דרעהט פון איין טישעל צום צווייטען און איז באלד אוועק.

פון דעמאלט אן פלעג איך איהם פון צייט צו צייט טרעפען אין קאפע. ער פלעגט שנעל אריינשפרינגען, אנשטעלען אויף אלע־מען זיינע שארפע אויגען, אריינווארפען דא און דארט א ביין

ווארט: זעלטען געדערט צו עמיצען געמיטליך, נאָר זיך געדרעהט מיט שטייפע גלידער אהין און צוריק און שנעל ארויסגעלאָפען.

איך האָב געקראָגען דעם איינדרוק, אַז דאָס איז אַ מענש מיט אַן אייביגע אונרוה. ער האַלט נאָר אין איין לויפען...

דער פערלאַנג זיך מיט איהם צו בעקענען האָט זיך ביי מיר איבערגעביטען אויף אַ מאָדנעם געפיהל צו זיין מיט איהם פון דער ווייטענס.

צו עס איז מיר געווען דערווידער זיינע שטעהענדיגע האָר, צו זיינע שפּיזיגע אויגען, אָדער זיין דרעהען זיך מיט שטייפע גלידער: אפשר זיין געצוואונגענער שווייגען? —

ווער ווייס. נאָר איין זאַך האָב איך געפיהלט, אַז ס'איז בעסער מיט דעם מענשען ניט צו האָבען קיין סך צו טהאָן. אָבער מערק־ווירדיג, יעדעס מאָל ווען איך האָב איהם געזעהן, האָב איך געמוזט פון איהם טראַכטען. ער האָט אין זיך אַזאַ שאַרפקייט, וואָס מאַכט אייך פיהלען, אַז ער איז דאָ.

איינמאָל האָב איך איהם געטראָפען אין אויפגערעגטען, מיט גליהענדיגע אויגען. דאָס איז אַ שטורם־מענש, האָב איך געטראַכט. ער קען אַ ליאַדע מינוט ארויספּלאַצען. עפּעס טראָגט ער ארום אַ פערבאָרגענעם כעס אויף דער גאַנצער וועלט. איז אימער קריעגס־לוסטיג, גלייך יעדער איינער וואָלט איהם געווען אַ שטערונג אין וועג...

אַ לאַנגע צייט האָב איך זיך מיט איהם פּערזענליך ניט גע־קענט. ביז ארום יענער צייט, ווען אַ גרופּע פון די גאָר יונגע דיכ־טער האָבען זיך צוזאַמענגענומען און ארויסגעגעבען דעם זאַמעלבוך „פון מענש צו מענש“. האָב איך דעמאָלט וועגען דעם געשריבען אַ רעצענזיע. פּונקט ווען מיין רעצענזיע איז געווען געדרוקט, קומט איג־נאַטאָוו אריין אין קאַפע, שטעלט זיך אוועק און קוקט און שווייגט. אַ בעקאַנטער דיכטער שטעלט מיר איהם פאָר:

„דאָס איז דוד איגנאַטאָוו“.

ער דערלאַנגט איהם מיין קריטיק. איגנאַטאָוו גיט אַ נעהם אין האַנד און לייענט.

איך זעה, ווי זיינע אויגען ווערען גרעסער און שפּיזיגער. נאָר די ליפּען ווערען וואָס אַמאָל קלענער און פעסטער צוגעשלאָסען, און אויפהויבענדיג זיין קאָפּ ווענדט ער זיך צו מיר:

„דאָס האָט איהר געשריבען ?!"

„יאָ", האָב איך געענטפערט.

„א נייער בעל דעה!" וואָס פאַר א רעכט האָט איהר צו שריי־בען קריטיק?"

„וואָס דען, נאָך אייער מיינונג דאַרף מען גאָר ניט קיין קריטיק?"

„א קריטיק דאַרף מען שוין גאָר האָבען, אבער א שאַפענדע, א בויענדע; א קריטיק וואָס זאָל אויפהויבען דעם גייסטיגען פאַרהאַנג פונ'ם נייעם דור".

ער האָט ווייטער געלעזען און זיינע נאָזפליגעל האָבען גענומען ציטערען, ער איז געוואָרען אין גאַנצען אָנגעצונדען מיט כעס און גענומען שרייען:

„וואָס האָט איהר זיך אָנגעזעצט אויף דער אידישער ליטעראַ־טור? וואָס גיט איהר איהר? וואָס ווילט איהר? קריטיקער!"

איך האָב איהם געוואָלט איינשטילען צוגעבענדיג, אז ס'איז אמת. יעדער פּאַפּוגאַי, וואָס האָט זיך אויסגעלערענט האַלטען א פעדער, שרייבט ביי אונז קריטיק. אבער מיין אבזיכט איז ניט צו שרייבען די אזוי גערופענע „קריטיק" נאָר איך וויל נעהענטער בע־קענען די אידישע לעזער מיט די שאַפונגען פון די יונגע שרייבער. ער איז אבער געווען צופיעל אויפגערעגט, ניט געוואָלט הערען וואָס איך זאָג, נאָר געהאַלטען אין איין שרייען, געגעבען א וואָרף די צייטונג אויפ'ן טיש און איז אַרויס.

הערענדיג אַזעלכע טענות, האָט זיך מיר געדאַכט אז ער וויל אימיטירען זיין זעהר ניט קלוגען העלד פון „קעסעלגרוב". וואָס „דערפיהלט ווי אריינצורייסען זיך אין קאָפּ מיט ריטער אין די הענד און זיי נעהמען שמייסען איבער די קעפּ, איבער די פּנים'ער: אַרויס! אַרויס פון דאַנען! געהט צום טייוועל, טהוט עפּעס."

„ברוך" איז דאָך איגנאַטאָוו אויס'ן אויג. ער איז אויך אימער אַזאַ בייזער, אזא אָנגעבלאָזענער ווי זיין בעשעפער, האָב איך גע־טראַכט.

פון דאַמאָלט אָן ווען איך האָב געטראָפען איגנאַטאָוו'ן, האָב איך אויסגעמידען מיט איהם צו רעדען. נאָר עפּעס איז ער מיר ניט געווען פערשטענדליך. מיר פלעגט זיך שטעלען די פראַגע: ווי קומט דאָס, אז דער פּערפאָסער פון דער עלאַסטיש בויגזאַמער ער־

צעהלונג וועגען דער קאפריזנער „פיבי“ זאל זיין אזא שטייפער ? כמעט אלע יונגע שרייבער זיינען אזעלכע מילדע געמיטליכע מענ־שען און ער געהט שטענדיג ארום מיט אן אנגעשטרענגטען בליק ווי ער וואלט זאגען :

„איהר פיהרט זיך ניט אויף ווי גרויסע מענשען דארפען זיך פיהרען“.

און ביי מיר האט זיך אבגעשטעלט אזא מיינונג : דעם מענש דאכט זיך, אז ער ווערט ניט פערשטאנען. ער האט ניט וועמען זיינע עצות צו געבען. און געבען ווילט זיך איהם דאך... דאס איז אזא נאטור. ביי איהם איז דא א פערלאנג צו זיין א פיהרער. לאזט מען איהם ניט, ווערט ער קריעגעריש, געהט ארום אנגעלאדען, וואס ער האט ניט וועמען צו פיהרען — ווייל יעדער איינער קען זיך היינט בעגעהן אהן א פיהרער...

און אפשר נאך דערפאר איז ער אזוי ביין אנגעלאדען, ווייל ער טראגט זיך ארום מיט בויענדע פלענער און קען זיי ניט דורכפיה־רען און דורך דעם זיין געצוואונגענער שוויגען.

און נאך וואס האב איך פאר דער צייט געהאט די געלעגענ־הייט צו בעמערקען : איגנאטאוו, אפילו ווען ער זיצט אין געזעל־שאפט און רעדט, איז ער אויך ווי אליין... איך האב איינגעזעהן אז ער קען זיך ניט צונויפמישען מיט די איבעריגע. ער איז פון די עקסטרעם איינזאמע... ער לאזט זיך דערפאר שווער דערקענען.

ביי מיר איז דערפאר געווארען שטארק דער פערלאנג צו ווי־סען : ווער איז איגנאטאוו ? !

ווי אזוי איז ער אין זיין פערזענליכען לעבען ?

וואו איז די עהנליכקייט צווישען דעם אויפגערעגטען צוטרא־גענעם מענשען און דעם פערפאסער פון דער טאקטפולער ערצעה־לונג „פיבי“ ? און ווי אזוי קען איינער, וואס איז אלעמאל אנגע־שטעלט, פערשטעהן מענשען און זיי מאהלען ?

כדי אין דעם קלעהרער צו ווערען האב איך אנגעווענדט די אלטע מעטאדע : אום דעם דיכטער צו פערשטעהן איז דאס בעסטע צו געהן צו איהם א היים.

ביי א געלעגענהייט האב איך אבגערעדט מיט איגנאטאוו׳ן זיך צו טרעפען ביי איהם אין הויז.

2.

ס'איז געווען א קיהלער זומער טאג. איך האב זיך געפיהלט פריש און אויפגעלייגט. נעהם איך די קאר און זי פיהרט מיך צו איגנאטאוו'ס הויז. דער וועג, וואו מען פאהרט צו איגנאטאוו'ן, איז זעהר א שעהנער. די קאר פאהרט פערביי דעם פראספעקט פארק מיט זיין גרויסען טריאומפולען טויער מיט די בראנזענע פיגורען. די בוימער פליהען פערביי, און דאס אויג רוהט דערווייל אויף די גרינע גראז וואס איז פאר זיי אויסגעשפרייט.

און איך האב זיך אנגענומען מיט אן איגנאטאוו־שטימונג:

פונקט ווי איגנאטאוו האב איך ליעב מיינע אויגען זאלען קוקען פריי און זיך ניט אבשלאגען אן די הויכע גרויע ווענד פון די ריעזיגע געביידען. וויל אין דער נשמה פון יעדען איינעם פון אונז ליגט דאך די בענקשאפט צו „רוים און ווייטקייט“, ווענען וועלכער איגנאטאוו רעדט אזוי פיעל אין זיין ראמאן „אין קעסעלגרוב“. צו מיר ווייסען, צו מיר ווייסען ניט, בענקען מיר דאך אלע צו די ברייטע פעלדער, וואו דאס אויג קען זעהן פריי און ווייט... אונטער א פרייען הימעל פיהלט זיך דער מענש גרוים. אין דער שטיינערנער ענגשאפט פון דער גרויסער שטאדט ווערט דער מענש קליין... די נשמה פיהלט זיך ענג, אלט און פערלוירען אין דעם כאאס פון שטיין און אייזען... מען ווערט אליין א מילב צווישען מיליאנען רוישענדע מילבען־מענשען...

האב איך שוין געהאט א פארטיגע ערקלערונג ווארום איגנאטאוו וואוינט ווייט פון רוישענדען צענטער פון שטאדט.

איגנאטאוו וואוינט אין פלעטבוש. איינער פון די שעהנסטע ווינקלען אין גרויס ניו יארק. גאסען ווי בולווארען שעהנע, ציכטיגע קאטעדזשעס, בלומען, בוימער פאר די הייזער און א ברייטער פרייער הימעל.

אז איך בין צוגעקומען צום הויז, וואס איז איינגעהילט אין

שאטענס פון בוימער און אנגעקלאפט אין טהיר איז מיר איגנאטאוו ארוים אנטקעגען מיט זיין אינגעלע אויף דער האנד. דורך א שעהן פאדערהויז, אויסגעצירט מיט שפיגלען, האט ער מיך אריינגעפיהרט אין זיין שרייב־צימער. גרוים, ליכטיג, די פאדערשטע וואנד בלויז פענסטער. די זון צושפרייט איבער׳ן גאנצען טיש, דערלאנגט מיט איהרע שטארהלען צו דער פיאנע, זיך שפיעלענדיג מיט די ווייסעביינדלאך.

איך קוק זיך ארום. אויף די ווענט הענגען רעפרעדוקציעס. ביי דער לינקער זייט וואנד שטעהט א שראנק מיט געבונדענע ביכער. אויפ׳ן שאפע מארמארנע סטאטועז. אויפ׳ן טיש ליגען זשורנאלען און ביכער. צווישען זיי א באנד דע־לוקס פון קראפאטקינ׳ס „מעמוארען פון א רעוואלוציאנער“. עס ווארפט זיך אין די אויגען א פיגור, וואס ווידערהוילט זיך אויף די פערשיעדענע בעציהרונגען פון שרייב־טיש — שלאנגען. און אלס הערשענדער סימבאל איבער זיי אלע, דאס אינטערעסאנט בילד פון דעם יונגען מאהלער ליכטענשטיין — „א געשלעג פון שלאנגען“. נעבען ראנד פון טיש שטעהט א בראנזען פערד ווי עס וואלט האלטען אין איין לויפען... איך דערמאן זיך גלייך אן דעם פערד, וועגען וועלכען איגנאטאוו רעדט מיט אזוי פיעל פאטהאס אין זיין ערצעהלונג „גאט בעהיט און בעשיץ“.

„עס איז שפעט ביי נאכט. אויף מיין טיש שטעהט אויף א קופערנעם פעדעסטאל אן אומבעצוימטער ווילדער פערד פון קופער — א מתנה פון א פריינד“.

איך דערפיהל באלד דעם איגנאטאוו וואס האט ליעב אזוי פיעל דעקאראטיווע שעהנקייט אין אלע זיינע זאכען. א קינסטליכע אטמאספערע. די פיאנא און די צושפרייטע נאטען דא און דארטען, גיבען דעם צימער א הויך פון מוזיק. איך האב שוין פון פריהער געוואוסט אז איגנאטאוו׳ס פרוי איז א מוזיקערין.

בעת איך בעטראכט אלעם געהט איגנאטאוו ארום איבער׳ן צימער, זיין אינגעלע אויף דער האנד, אין א ווײלע ארום לאזט ער איהם אראב אויפ׳ן ווייכען קארפעט. וויל ער זיך אליין ניט שפיעלען, שלעפט דעם טאטען פאר דער האנד. לייגט זיך דער טאטע אויף אויפ׳ן קארפעט און קאטשעט זיך מיט׳ן קליינעם זוהן אהין און צוריק. זיינע האר ווערען צושויבערט, די אויגען קליין און

שמייכלענדיג... איך קוק מיט הנאה אויף דעם גוטען טאטען וואס שפיעלט זיך מיט זיין קינד... גאר ניט דער זעלבער איגנאטאוו! דאס קינד רייסט איהם ביי די האר, שלעפט איהם ביים אויער און ווייזט איהם מיט'ן הענטעל אז ער וויל עפעס. שטעלט זיך דער טאטע אויף און געהט מיט איהם אריין אין זיין אייגענעם צימער.

דעם קינד'ס צימער איז אויך מיט גרויסע פענסטער. די גרינע צווייגעלאך פון א בוים בויגען זיך אריין אין פענסטער גלייך זיי ווילען ארייקוקען. אין דער זייט שטעהט דעם קינד'ס בעטעל. אויפ'ן דיל ליגען זיינע שפיעלצייגען. אן אנגעשטאפטער בער, א פערדעל, א וועגעלע, און נאך אנדערע שפיעלצייג. דאס קינד זעצט זיך אריין אין דעם וועגעלע. דער טאטע איז דאס פערד. דאס קינד שרייט ער זאל מיט איהם „גיך, גיך" פאהרען, און איגנאטאוו שלעפט דאס וועגעלע אהין און צוריק איבער'ן שטוב.

„איהר זעהט וואס מען דארף זיין, אז מען איז א טאטע?" לאכט צו מיר איגנאטאוו. גאר אן אנדער מענש, טראכט איך ווי־דער.

דאס קינד פערבענקט זיך נאך דער מאמע און פערלאזט דעם טאטען. בלייבענדיג אליין געהען מיר איבער צו ליטעראַרישע ענינים. אין געשפרעך האב איך איהם געפרעגט: וואס האט איהר, אלס רעדאקטאר, בעצוועקט מיט'ן ארויסגעבען די זאמעלביכער „שריפטען"?

„א, דאס איז א לאנגע געשיכטע" מאכט ער צו מיר און ציהט זיך אויס אין דער גאנצער לענג אויף דער זאפע, שפארט אן זיין קאפ אנטקעגען דעם טעפעכעל פון דער מוטער רחל'ס קבר און נאך א לאנגע פאוזע זאגט ער מיר:

„ערשטענס האב איך געוואלט ארויספיהרען די שרייבער, וועלכע האבען זיך ניט געוואלט דרוקען אין די עקזיסטירענדע צייטונגען און זשורנאלען. צווייטענס, האט מיך געלאקט אט דער נייער טאן, וואס קען דורך די מענשען אריינגעבראכט ווערען אין אונזער ליטעראטור".

„און וואס דענקט איהר בעשטעהט אט דאס נייע?" — האב איך געפרעגט.

„הויפטזעכליך ניי איז דאס פערזענליכע, וואס זיי ברייגען

אריין. די דאזיגע שרייבער שרייבען וועגען זיך אליין, וועגען זייער אייגענעם „א י ך".

„רעכענט איהר, אז דאס איז טאקע אזא גרויסע מעלה?" — האב איך ווידער געפרעגט.

„יא, איך האלט דאס פאר א פערדיענסט. איין מענש דאס זעגען אלע מענשען, ווייל קיינער פון אונז איז דאך ניט אראבגעפאלען פון הימעל, מיר זיינען דא אלע געבוירען און אויסגעוואקסען צווישען טויזענטער מענשען פון אונזער מין. הייסט דאס, ווען מיר שרייבען פון זיך, שרייבען מיר צו דער זעלבער צייט פון די אלע מענשען צווישען וועלכע מיר זיינען אויסגעוואקסען".

„יא. אבער ווי באלד אזוי, זיינען דאך די עלטערע שרייבער שוין אויך געווען די פערטרעטער פון זייער דור?"

„אפשר יא און אפשר ניט. יעדענפאלס די פערטרעטער פון אונזער איצטיגען דור זיינען זיי געווים ניט. מיר דאכט זיך, אז זיי האבען איבערהויפט געשריבען פון מענשען, וואס זיינען צו זיי ניט געווען אייגען, און אויך ניט אייגען צו זייערע לעזער. נעהמט אלס ביישפיעל לאמיר זאגען, טביה דעם מילכיגען. עס איז קלאר אז טביה דער מילכיגער אליין וועט דאס בוך „טביה דער מילכיגער" ניט לייענען. און דאס איז אויך ניט שלום עליכם. דאס אייגענע קען אויך געזאגט ווערען וועגען „שלמה נגיד". און כמעט וועגען די מעהרסטע שריפטען פון די עלטערע שרייבער. הייסט דאס, אז דאס זיינען ווערק געשריבען פון זייטיגע מענשען, אז לייענען זאלען דאס ווידער זייטיגע מענשען. אבער דער היינטיגער דור איז א צו פערזענליכער און וויל לעזען וועגען זיך".

יא. האב איך זיך אנגערופען. מען קען דאך זאגען אז טאראס בולבא וועט „טאראס בולבא" ניט לייענען: איז דערפון געדרונגען אז גאגאל איז ניט קיין גרויסער שרייבער?

„א ניין", האט איגנאטאוו ווידער אנגעהויבען. — גאגאל איז שוין גאר א גרויסער שרייבער. ער איז אבער געווען איינער. ער האט דאס גליק געהאט צו זיין אין איינעם מיט פושקין'ען, טורגענע'ז, לערמאנטאוו'ז, אזוי, אז גאגאל האט ביי די רוסען געקענט זיין א גאנץ אנגעלייגטע מתנה. ביי אונז אבער איז די גאנצע ליטעראטור ביז איצט, פול מיט אזעלכע טביה'ס און מיט אזעלכע שלומה נגידס, מיט קרומע פישקעס און אזוי ווייטער. און דאס האט

געבראכט צו דעם, אז דער געזונטער לעבעדיגער לעזער איז אין גאנצען אוועק פון דער אידישער ליטעראטור, ווייל ער געפינט זיך שוין ביי די גוי'אישע שרייבער גיכער, ווי ער קען ערוואַרטען זיך צו געפינען ביי זיינע אידישע".

ער האָט זיך אויפגעזעצט אויף דער זאַפע, זיך צוגעבויגען צו מיר און געזאגט אויף א נידעריגען טאָן:

„אונזער ליטעראטור איז ביז איצט געווען א שבת־אויבס ליטעראטור און ניט מעהר. צו קומען צו דער באבען נאָך שבת־אויבס איז א גאַנץ איינגענעהמע זאַך, שבת איז אבער איינמאל אין וואָך — איהר פערשטעהט? מיר האבען ניט געהאט קיין קינסטלער בעפאָר פרץ'ן. פרץ איז געווען דער ערשטער אידישער קינסטלער".

ער האָט מיר גענומען קוקען גלייך אין די אויגען אריין.

„איך וויל איהר זאָלט מיך פערשטעהן. שרייבער האבען מיר יאָ געהאט בעפאָר פרץ'ן. זיי האבען געשריבען מעשות, אביסעל צו בעלערנען, צו קריטיקירען, אבער דאָס איז ניט געווען קיין קונסט. פרץ איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט בעהערשט יעדער שורה וואָס ער האָט געשריבען. די איבעריגע שריפטשטעלער, מענדעלע און אפילו שלום עליכם האבען געשריבען, ווייל ביי זיי האָט זיך פשוט גערעדט. ס'איז אויך ניט בעסער געווארען מיט אש'ס קומען. אבער אזעלכע האלט איך ניט פאר קיין קינסטלער. זיי קענען ניט בעפריעדיגען אונזער דור. דערפאר ווען איך ביז גענאנגען ארויסגעבען די „שריפטען" איז מיין הויפט אידעע געווען דאָס נייע. דאָס פרישע, דאָס נויטיגע. פערשטעהט זיך, אז איך האָב געהאט גענוג אויסצושטעהן. פיעלע האבען זיך אנגעבאָטען, צווישען זיי זיינען גראד אויך געווען אזוינע פון וועלכע איך האלט, נאר דרוקען זיי אין די ערשטע זאמעלביכער האָב איך פונדעסטוועגען ניט געקענט. ווייל ווי גוט זיי זאָלען ניט שרייבען זיינען זיי אבער בלויז אן אבקלאַנג פון יענע אלטע. און ווען אזוי פיעל מענשען האבען זיך געפונען אלס אויסענגעבליבענע — נו, ווייסט איהר דאָך וואָס פון אזעלכע זאכען קומען ארויס..."

ביי די לעצטע ווערטער האָט זיך איינגעטאַוו אויפגעהויבען פון זאַפע און גענומען שפרייזען אהין און צוריק איבער'ן גרויסען ליכטיגען צימער. א ווייל' האָט ער אזוי אומשפאצירט. איך האָב איהם

נאכגעקוקט און פלוצלונג האט ער זיך צו מיר אהן א פאר וואס א וועגד געטהאן:

„אט איהר ווייסט וואס איך וועל אייך זאגען — זיי שרייען דאך אלע אז מען פערשטעהט אונז ניט, מען ווייסט ניט וואס מיר ווילען; אבער איך גלויב אז דער אומפערשטענדליכסטער קאפריז פון יעדען איינעם פון אונז איז זיי א סך אייגענער און נעהענטער ווי די אלע אזוי גערופענע פשוט'ע און אנדערע מעשות וועלכע זיי פערשטעהן יא".

„מאדנע, אויב אזוי, האבען די „יונגע" שוין לאנג געדארפט פערנעהמען דעם אויבען אן ביים לעזער?"

„א, ווען אלץ וואלט זיך לייכט איינגעגעבען..."

איך האב זיך געגרייט נאך עפעס צו פרעגען — נאר זיין פרוי איז פונקט אריינגעקומען און אונז געבעטען צו געהן עסען.

זיי האבען מיך אריינגעפיהרט אין עס־צימער, וואו די וועגד זיינען פון בלויז פענסטער. אזוי אז ס'קומט אריין זון פון אלע זייטען... ער האט אויפגעפענט א פענסטער עס זאל אריינקומען די לופט פון גארטען. מיר האבען זיך געזעצט עסען. איך בין געווארען ערשטוינט, דערוויסענדיג זיך אז ער איז א וועגעטעריאנער. מילכיגע זופ און אשפאראגען מיט פוטער. בעסער ווי פלייש. נאר דאס וואס ער איז א וועגעטעריאנער איז מיר אויסגעקומען א ווידערשפרוך צו זיין כאראקטער...

ביסלעכווייז האט אנגעהויבען ווערען דונקעל. ווען מיר זיינען שוין געווען פארטיג מיט'ן עסען זאגט ער צו מיר:

„קומט ארויס אין גארטען, איידער ס'ווערט נאכט, וועט איהר קענען זעהן מיינע בלומען..."

מיר זיינען ארויס און שפאצירט אויף דעם נאר וואס געשניטענעם גראז. ער האט מיך צוגעפיהרט צו א בייט בלומען און זיי אנגערופען ביי די נעמען. קיין גרויסע פערנאנדערגעוואקסענע בלומען האט מען נאך ניט געזעהן. ערשט אנגעהויבען שפראצען.. נאר טהייל זיינען שוין געווען שעהן. ער האט מיך צוגעפיהרט צו אן אנדערע בייט און מיר געוויזען. מען האט נאך גאר ניט ארויסגעזעהן.

„די האב איך ערשט נעכטען פערפלאנצט. שפעטער אז זיי וועלען אויסוואקסען, וועלען זיי זיין אזוי גרויס ווי מענשען".

ער האט מיך ארומגעפיהרט איבער'ן גארטען און מיר געהאל־

טען אין איין ווייזען פערשיעדענע איינגעפלאנצטע בוימלאך. טהייל זיינען שוין געוועז היבש אויסגעוואקסען... צווישען זיי האט זיך אנגעזעהן איין בוים, וואס איז געשטאנען אין גארטען ווי א פרעמ־דער.

האט ער מיך א פרעג געטהאן מיט א מיסטעריעזען טאן:

„איהר זעהט דעם בוים? דער איז שוין געוועז פערדארט איי־דער איך האב זיך דא אריינגעצויגען. איך האב באלד געזאגט, אזוי ווי איך האב איהם נאר בעטראכט, אז דער אלטער בוים וועט מוזען אבשטארבען... — איך האב דערפאר גענומען פלאנצען נייע...“

„ווער טהוט דאס אלץ אויף?“ פרעג איך איהם.

„וואס הייסט ווער? איך בעארבייט אליין מיין גארטען“ האט ער מיר געענטפערט פיעלדייטיג. וואונדערליך, א איד זאל זיך אבגע־בען מיט אזוי פיעל ליעבע צו פלאנצונגען... ס׳איז טאקע זעהר שעהן. זעהר שעהן, האב איך געטראכט און די גאנצע וועלט האט מיר אין דעם מאמענט אויסגעזעהן צו זיין שעהנער...

3.

איך האב אייגענטליך נאך פון פריהער געוואוסט, אז איגנא־טאוו איז איינער פון די ענערגישסטע צווישען דעם נייעם דור שרייבער. דאס ארויסגעבען פון די זאמעלביכער „שריפטען" האט געפאדערט פיעל אנשטרענגונג און ער האט געארבייט שווער ביז ס'איז איהם געלונגען דורכצופיהרען די ארבייט אזוי ווי ער האט געוואלט. די זאמעלביכער זיינען טאקע ארויסגעקומען די שעהנסטע וואס איז ווען געווען אין אידיש. צו דעם האט זיך געפאדערט גע־שמאק און כאראקטער.

באלד האבען זיך אבער גענומען הערען פראטעסטען פון די אומצופריעדענע. איגנאטאוו איז אן איינזייטיגער מענש. איינגע־עקש'נט אין זיינע מיינונגען. איז געקומען צו א ריס צווישען איהם און די אנדערע שרייבער. האבען זיי אויך גענומען ארויסגעבען זאמלונגען. דערפון איז ארויסגעקומען דער זאמעלבוך „די נייע היים".

מיט דער צייט זיינען די רייבונגען געווארען מעהר און מעהר. דער נאהענטער קרייז פון די יונגע דיכטער איז זיך אלץ מעהר און מעהר צוגאנגען. יעדער בעזונדער האט גענומען זוכען אייגענע ווע־גען. האלפערן איז געווארען רעדאקטאר „פון מענש צו מענש" און שפעטער צוזאמען מיט מנחם'ן ארויסגעבען א גרעסערע זאמלונג „איסט בראדוויי".

איגנאטאוו האט דערפאר זיין גאנצען פלאן נים געקענט דורכ־פיהרען, ווייל זיין אריגינעלער פלאן איז געווען צום ערשט צו דרו־קען אין די זאמעלביכער טאקע בלויז די נייע שריפטשטעלער און שפעטער ביסלעכווייז אויך נעהמען דרוקען די עלטערע. ער האט געוואלט מיט דער צייט צוזאמענפיהרען אלע אידישע שרייבער, אי די אלטע אי די יונגע און אויף אזא אופן צוגעבען פריש בלוט און פארב צו דער אידישער ליטעראטור.

„עס האָט זיך מיר ניט איינגעגעבן!" האָט ער מיר איינמאָל געזאָגט.

אין אַ קורצע צייט — נאָך מיין בעגעגעניש מיט איהם — האָט איגנאַטאָוו ארויסגעגעבן דעם פירטען זאַמעלבוך „וועלט איין וועלט אויס". איך האָב איבערגעלייענט זיין נייעם „וואָר־וואָר־הו דער שטורם שפּיעלער" און בין געוועזן ענטציקט פון דער שעהנער פאָרם. טרעפענדיג זיך מיט איגנאַטאָוו'ן פרעגט ער מיך:

„נו, ווי געפעלט אייך דער נייער בוך?"

אויסערליך, זאָג איך, זעהר שעהן. אבער דער אינהאַלט איז ניט קלאָר. מען קען ביי אייך קיינמאָל ניט פערשטעהן די אידעע פון דער זאַך.

„נאָך וואָס דאַרפט איהר פערשטעהן די אידעע?" — האָט איגנאַטאָוו געפרעגט מיט אַ בייזען שמייכעל — „אז אַ מענש — ניט קיין פּראָפעסיאָנעלער „חכם" — קוקט אויפ'ן הימעל, פרעגט ער וואָס איז די אידעע פון איהם? בעוואונדערט דעם הימעל און האָט אַ הנאה פון זיין שעהנקייט. און שעהן איז טאַקע דער הימעל דערפאַר, ווייל ער בלייבט אַן אייביגער סוד... דאָס געהיימניספולע, דאַרפט איהר וויסען, איז דער סוד פון שעהנקייט. ווען מיר וואָל־טען אַלעס אָנגעהויבען פערשטעהן וואָלט די וועלט פאַר אונז גע־וואָרען מיאוס..."

לויט איגנאַטאָוו'ן דאַרף דער מענש זיך צוגעוואוינען צו פ י ה ל ע ן די וועלט. ניט בלויז זוכען צו פערשטעהן מיט'ן שכל. ווייל דער שכל איז בעגרענעצט, אבער דער געפיהל איז אונענדליך...

צום ביישפּיעל: ווען איהר שטעהט ביים ראַנד פון ים. די כוואַליעס שלאָגען זיך פאַר אייערע פיס, וועט אייך דען זיין אינטע־רעסאַנטער אַז איהר וועט וויסען, אַז די גרויסע כוואַליעס זיינען צו־זאַמענגעשטעלט פון קליינע מאָלעקולען? אַ טיעפערער אמת איז, אַז די כוואַליעס זיינען ניט קיין מאָלעקולען, נאָר געבונדענע ריע־זען, וועלכע ראַנגלען זיך, קעהרען וועלטען פאַר אייערע אויגען; איהר פערשטעהט זיי ניט — אבער ווערט פון זיי אָנגערעגט און האָט אַ הנאה. אַז איהר קוקט אויף זיי, איז אייך גוט. איהר פיהלט אַ נאָהענטקייט צו זיי און אפשר אויך אַ שרעק. עס בעשאַפט אין אייך אַזאַ בעזונדערע רוה. איהר ווערט בעהעפט מיט דער אונענד־ליכקייט ווען איהר קוקט אויפ'ן ים... און ד אָ ס גיט אייך כח,

אינספּיראַציע! ניט אייער וויסען פון וואָס דער ים איז צונויפגעשטעלט.

דאָס זעלבע וויל איגנאַטאָוו אין דער קונסט. ער שטרעבט אין זיינע ווערק אייך צו אינספּירירען אויף א געהיימניספולען אופן. ביי איהם געהט צוזאַמען דער בעוואוסטזיין מיט'ן ניט־בעוואוסטזיין. ער מישט אַלעמאָל צונויף די ווירקליכקייט מיט'ן חלום. ביי איגנאַטאָוו'ן איז די ווירקליכקייט א וואונדערליכער חלום און דער חלום א מיסטישע ווירקליכקייט... ברוך דער העלד פון קעסעלגרוב לעבט ניט אין דער רעאַלער וועלט. ער שאַפט זיך א טרוים־וועלט. דאָרט זאָלען הערשען זיינע געזעצען. געזעצען געשאַפען פון זיין אייגענעם ווילען און זיין דמיון. ער וויל די ליעבע זאָל זיין אייביג, איז זי ביי איהם אייביג. די ליעבע צו חנה ענדיגט זיך ביי ברוך'ן קיינמאָל ניט. זי מעג חתונה האָבען מיט'ן פּראָסטען בחור מאַקס'ן, זי מעג ווערען קראַנק, אַלט און צובראָכען, ווערט זי פאַר איהם בלויז געענדערט פון דרויסען, וויל אינווייניג איז זי ניט נאָר איין חנה, נאָר א גאַנצער אוצר מיט חנה'ס און חנה'קעס... ביי ברוך'ן איז אַלץ אייביג. ער אַליין אויך. אָט ווי ברוך טראַכט: „גלויבסט — איך בין בעזיעגט, איך בין דאָך אן אייביגקייט. פון מיר געהט דאָך קיין זאַך ניט פערלאָרען — — —"

ברוך איז דער מאַן פון ווילען, אבער א ווילען אין זיך געווענדט. זיין ווילען דאָס איז א אין־זיך־גלויבען. ער גלויבט, אז ביי איהם קען מען קיין זאַך ניט אוועקנעהמען. זיינע גייסטיגע אוצרות קענען ניט געמינערט ווערען. אוועקנעהמען קען מען נאָר דאָס אויסערליכע, דאָס נישטיגע, פערגענגליכע... דאָס גייסטיגע איז אייביג. דער העלד פון ראָמאַן אילוסטרירט זיין שטח מיט א מעשה פון אן איי: „דו מיינסט, אז דו ביזט שוין מעהר ניט שעהן?... פאַר וואָס מיינסטו אזוי שלעכט? — דו געדענקסט דאָך נאָך דאָס פאַרביגע איי, מיט וועלכען מיר האָבען זיך אַמאָל געשפּיעלט?— צועפענט מען דאָס גרויסע רויטע איי, ליגט אין דעם א קליין איי פון אן אנדער פאַרב, צועפענט מען דאָס אנדערע איי, ליגט אין דעם א קליין איי פון נאָך אן אנדער פאַרב, און אויך דאָס איי צועפענט זיך! און אזוי אַלץ ווייטער און ווייטער. — — — און ווען עס האָט זיך אביסעל אָבגעריבען די פאַרב פון'ם ערשטען, גרויסען איי, איז וואָס? — — — מיר האָבען דאָך אבער ביידע געוואוסט,

אז אין דעם ליגט א גאַנצער אוצר פון שעהנע, ריינע אייער — — אייער, אייער און אייערלאַך.

„און ווען כ'האָב אמאָל פּלוצלונג גענומען און פאַר דיר אין די אויגען אריינגעוואָרפען דאָס איי אין פייער — — — ווי דו האָסט דאָס אויף מיר אָנגעשטעלט א פּאָר ווילדע אויגען! האָסטו זיך באַלד צוואויינט און אין מיטען געוויין אוועקגעלאָפען מיך קלאָגען צו דער מאַמען. אבער איך? — פון מיר געהט דאָך קיין זאַך ניט פערלאָרען — איך האָב דאָך נאָך ביז איצט יענע איי און יענע חנה'קע. איך פערמאָג דאָך א גאַנצע טשערעדע מיט חנה'ס, חנה'ס און חנה'קעס — — —".

דאָס איי איז צושטערט געוואָרען, אבער אז אינערליך רייכטום ווערט ניט צושטערט, אפילו ווען דאָס ווערט אין גאַנצען פערברענט, לעבט דאָס נאָך אַלץ אין זכרון. ווי אָבער ווען דער העלד ווערט אַליין פערברענט? מיינט ברוך, אז ער איז פון די, וואָס ווערען פערברענט, כדי נור פון דאָס ניי געבוירען צו ווערען. ער פיהלט אז ער איז אייביג און אַלץ וואָס ער בעריהרט איז אייביג. איגנאַטאָוו דריקט דאָס אוים מיט די ווערטער:

„דאָס, וואָס דו האָסט געוואָלט האָבען, פון וואָס דו האָסט זיך אָבגעזאָגט, וואָס מען האָט ביי דיר צוגענומען, בלייבט אימער און אייביג דיינס. עס לעבט, וואַקסט און צובליהט זיך אַלץ ליעבער און שעהנער פאַר דיר".

די גרונד אידעע פון דעם ראָמאַן „אין קעסעלגרוב" איז, אז די ליעבע ביי אידען איז אייביג. א איד ליעבט ניט בלויז אום צופריעדענצושטעלען זיין תאוה, ווי וויניגער וויל האָבען — נאָר די אידישע ליעבע איז ווי די אידישע נשמה — אייביג!...

אבער אין אַלגעמיין, וואָס פאַר א כאַראַקטער האָט ברוך? קיין פּאָזיטיווער העלד איז ער ניט. אבוואָהל ער האָט א סך ענערגיע, רייסט זיך צו פיעל זאַכען, איז ער אָבער אַליין געבונדען מיט שטריק. ער האָט אידעען דורכצופיהרען און פיהרט זיי ניט דורך. ער איז פול מיט ווידערשפּרוכען. זיי זיינען אין איהם און ארום איהם. ברוך פיהלט מען, האָט א פערגאַנגענהייט, אבער ניט קיין צוקונפט. ער וויל געהן ווייטער. אין איהם ראַנגלען זיך כחות. קומט ער צו א וואַנד. ניטאָ קיין וועג. און-וואוהין דאָס אַלץ וועט פיהרען ווייס ער ניט. ער זעהט ניט פאַראוים. און געהן פיהלט ער

מוז ער דאך. ברוך איז דער מענש וואס די ווירקליכקייט פון היינט איז פאר איהם צו ענג, וויל ער זי אריבערשפרייזען. און אז ער קען נים, איז פערצאהמט, שאפט ער זיך א פאנטאזיע־וועלט און דארט געהרט ער פריי וואו נאר ער וויל, — און נעהמט אן די פאנ־טאזיע פאר א ווירקליכקייט... אבער אויף דעם באדען פון דער פאקטישער ווירקליכקייט קען ער נאך קיין פוס ניט שטעלען.

אבער אין מאמענטען פון גרויס געפאהר און פערצווייפלונג, ווען ער ערוואכט פון זיינע איינבילדונגען, און זעהט ווי ער איז פער־פלאנטערט איבער'ן קאפ און קיין אויסוועג איז ניטא: דעמאלט יואקסט פון זיינע אייגענע טיעפענישען ארויס א צווייטע געשטאלט. (ווייל דער העלד—ברוך, איז אפטמאל א פיעלגעשטאלטיגער) און די געשטאלט ברענגט מיט איהר פערבארגענעם בעוואוסטזיין א טרייסט פון אן אונבעקאנטער וויים, א טרייסט וואס זאגט אן דאס אנקומען פון דעם לאנג־אויסגעבענקטען טאג, און פון דער מיסטישער גע־שטאלט הערט ער א שטימע:

„איך וויל אייך זאגען, אז ווען מיר וועלען בעזעצען דאס לאנד, וועלען מיר אויסבויען א גרויסען טריאומפולען טויער, און א יום טוב וועלען מיר דאן מאכען א נייעם, דעם יום טוב פון אונזער נאציאנאלען ווידערגעבורט! און אין דער נאכט פון דעם יום טוב וועלען מיר ארום דעם טריאומפולען טויער צולעגען גרויסע פייע־רען. אונזערע זיהן און טעכטער אויסגעפוצט אין זייערע שעהנסטע קליידער, וועלען ארויסגעהן אנטקעגען דעם טויער מיט פויקען און מיט טענץ, דאס וועלען זיי געהן בעגעגענען די אלע אנטרונענע, פערשטויסענע און פערוואגעלטע. די אלע, וואס מיר האבען פאר דער לאנגער צייט פון אונזער שווערען גלות, צוזעעט און צושפרייט צווישען פעלדער און פעלקער, צו די אלע וועלען מיר רופען: קומט אריין, איהר זייט אונזערע! קומט אריין און זייט בעגריסט, און זייט געבענשט אין דעם נאמען פון דעם איינציגען גאט, אין נאמען פון זיין ענערגישען, אלט־יונגען פאלק! מיר וועלען אייך אויפ־נעהמען, ווי עס נעהמט אויף א טאטע זיינע קינדער אין דעם טאג פון זיין פרייד, און אין יענעם טאג וועט איהר זיך אומקעהרען צו־ריק צו אייער פאלק. איהר וועט זיך אומקעהרען און איהר וועט געטרייסט ווערען: איהר אלע איינזאמע מידע, פערמאטערטע. אונ־זערע צולעגטע פייערען וועלען ברענען אין דער נאכט און זיי ווע־

לען אייך ציינגען דעם וועג, און איהר וועט קומען צו אונז מתנות־
וויין דורך דעם טריאומפּולען טויער, ווייל איהר זייט אונזערע.
ווייל ווי פלאַמען פייער בעלאַנגען צו דעם ברען־מאַטעריאל, פון
וועלכען זיי קומען ארויס אפילו דאן, ווען זיי רייסען זיך פון איהם
אַב", אזוי בעלאַנגט איהר צו אונז. איהר זייט אונזערע! — פלאַ־
מען פון אונזער הארצען! פלאַמען, וואָס האָבען זיך אָבגעריסען און
קאָנען ניט פערלאַשען ווערען און טראַגען זיך ארום ווי בלאַנדזשענ־
דע שטערען. בלאַנדזשען וועט איהר אבער בלויז ביז דאן, ווייל אין
יענעם טאָג וועלען מיר זיך צוריק צונויפגיסען אין איין פייער.
דאָס וועט זיין דער גרעסטער, דער שעהנסטער פייער, וואָס הימעל
און ערד האָבען ווען געזעהן. טויזענדער און טויזענדער דורות וועלען
דאן אויפשטעהן און צוקוקען, מיט וואָס פאַר א פרייד דאָס
אידישע פאָלק נעהמט צוריק אויף אין זיין שויס זיינע אנטרונענע
קינדער. — — — — — — — —

אָבער דאָס אַלץ איז אין טרוים... אין דער ווירקליכקייט בע־
וויזט ברוך אז דאָ אין אמעריקא קען נאָך ניט געשאַפען ווערען
קיין אידישער העלד. ס'איז נאָך ניטאָ קיין פונדאמענט. דער איד
לעבט נאָך דאָ אזוי ווי אין דער לופט. האָט ניט קיין פערגאַנגענהייט
און ווייס אויך ניט וואָס זיין צוקונפט וועט דאָ זיין. די ברוך'ס
זיינען די אָבגעבראָכענע צווייגען פון דעם אמאַליגען אידישען בוים
געטראָגען פון דעם ווינד אין דעם נייעם לאַנד אמעריקא.

אָבער אפילו אלס א העלד פון אן איבערגאַנגס־צייט איז איג־
נאַטאַוו'ן ניט געלונגען צו מאכען פון זיין ברוך'ן. ברוך מיט זיין
גאַנצער רוהלאָזער ענערגיע, מיט זיינע הערויאישע איינבילדונגען
איז ניט קיין העלד, נאָר אפשר איינער פון איגנאַטאַוו'ס „קינדער־
לאַך מיט בלינדע אויגען וואָס זוכען די לבנה". ברוך דרעהט זיך ארום
אין נויאָרק אַן אַנגעצויגענער און בעגעהט אפילו ניט קיין נארישקיי־
טען ווי אלע שטערבליכע.... און אויב א העלד איז אלע מאָל שטייף,
הויב איך עפּעס אַן צווייפלען אין זיין העלדישקייט. מיט אלע זיינע
מעלות מיט זיין „אייביגער ליעבע", נאַציאָנאַלע שטרעבונגען, רופט
ער ביי אונז קיין סימפּאַטיע ניט ארויס. ער בלייבט אונז פרעמד־
קאַלט און ווייט. עס פעהלט איהם דער חוש פאַר שפּאַס. איהם
פעהלט זעלבסטקריטיק, ווי זיין שעפּפער איגנאַטאַוו'ן אליין. ער
מאכט אַן אנשטעל, אז איהם אינטערעסירען בלויז גרויסע זאכען.

ער איז ניט אינטים. לעבט ניט אין זיך... נאר מיט זיך — ברוך איז אן איינגעגלויבטער ריעז. האלט זיך גרעסער פאר אלעמען. ווייל אלעמען לייטערען, שמייסען — אויך דער העלד פון „פיבי" ווערט אזא ברוך, ווען ער רעדט אראב פון בארג: „זאל פאלען דאס וואס קען זיך ניט אויפהויבען".

דאס קלינגט ווי ניטשעס ווערטער פון „צאראטוסטרא" אי־בערגעזאגט פון א פארם־האנד. א מענש, א געליעבטע פאלט ארונ־טער פון א בארג און ווערט געה'הרג'עט, שטעלט ער זיך אוועק פי־לאזאפירען:

„דאס וואס קען זיך ניט אויפהויבען זאל בעסער פאלען, זאל דאס בעסער פאלען..."

ווען איגנאטאוו'ן פערלאזט די אינטואיציע, ווערט ער פער־פיהרט אין רעטאריקע. איגנאטאוו'ס העלדען קענען ניט פועל'ן ביי זיך צו זיין מענשליך, צו פערשוועכען זיך מיט סימפאטיע אפילו אין די טראגישסטע מאמענטען צווישען לעבען און טויט. זיי זיינען שטענדיג שטייפע, בעפאנצערטע — דראמטענע העלדען...

איגנאטאוו'ן פעהלט פראפארציע. דאס קלענסטע ווי דאס גרעסטע ווערט ביי איהם געשילדערט מיט איין און דעם זעלבען אטהעם.

אבער נאך וואס זיך גריבלען אין חסרונות, אז מען האט נאך איבער איגנאטאוו'ן קיין איין ערנסטען ווארט ניט געזאגט? דער ראמאן „אין קעסעל גרוב" און די אנדערע ערצעהלונגען האבען אהן א צוויפעל חסרונות. אבער איז אין דעם ניט פיעל שולדיג אונזער קריטיק?

און דאך מיט אלע זיינע פעהלערען, ווי ניט קענען איבערגעבען קיין דיאלאג, מיט זיין ניט קלאהרקייט, וועלכע פערקליידט זיך אפט אין געהיימניספולקייט, מיט זיין אנגעשטעלטקייט, ציהט ער דאך מען זאל איהם לעזען. ווייל עס איז ביי איהם פערהאן א פריש־קייט, א פארביגקייט אזוי פיעל דעקאראטיווע, פאנטאסטישעס, בענקענדעס. ס'איז ביי איהם אויך דא אזוי פיעל קאפריז, אזוי פיעל ווייטעס, אונבעשטימטעס, אז איהר פערלירט זיך אין איהם ווי אין א טרוים...

איגנאטאוו האט די שעהנסטע שפראך אין אידיש. זיין שפראך איז אזוי הארמאניש ווי מוזיק. דער סוד פון די שעהנקייט אין איג־

אנטאָוו'ס שרייבן איז זיין טאָן. ער האָט פאַרב, אָבער מעהר פון אַלעם ט אָ ן. און זיין טאָן איז ניט דער שטילער לאַנגזאַמער, נאָר אַ לעבעדיגער רייך קאָלירטער טאָן, וואָס איז נאָך גאָר ניי אין אידיש. זיינע ווערטער וויעגען זיך מיט אַזאַ ריטהם, אַז זיי שלעפּערן איין די גרויע ווירקליכקייט און וועקן אויף אַ וועלט פון טרוימען...

איגנאַטאָוו האָט אַ רייכע פאַנטאַזיע, און דערפאַר שפּירט איהר הערהאַישעם אין אַלע זיינע פיגורען, כאָטש איהר צווייפעלט אין זייער אמת'ער העלדישקייט. ער גיט זיי אונבעזיעגבאַרע ווילענס, ברויזענדע טעמפּעראַמענטען, זיי שטרעבען אַלע מאָל צו שאַפען עפּעס גרויסעס אין דער וועלט. זיי ווילען ניט וויסען פון קיין גרע־ניצען אַזוי ווי זיין „גבור". זיי לאָזען זיך ניט בייגען פון לעבען. נאָר בלייבען אונבעזיעגט אין זייערע איינבילדונגען... זיינע העלדען קלעטערן אַלע מאָל אויף פעלזען, אויף בערג, און אַז זיי פאַלען ווערען זיי אויך ניט ענטוישט. אַזוי ווי זיי דערכאַפּען דעם אָטהעם הויבען זיי זיך ווידער אויף ווייטער צו קלעטערן... דאָס וויל איג־נאַטאָוו אַז זיי זאָלען אַזוי זיין. און ער האָט די קראַפט אונז אָפט־מאָל צו מאַכען פיהלען אַז זיי זיינען אַזוי ווי ער וויל. ער האָט אַן ערצעהלונג וואָס ער רופט אָן אַ קאַפּיטעל פון „אַמאָל איז געווען אַ נאַר". עס זעהט אויס ווי ער אַליין וויל בעטאָנען אַז זיינע העלדען זיינען נאַראָנים, אָט די אייביגע נאַראָנים, וואָס האַלטען זיך אין איין פערלירען און ווידער געפינען...

ליעבער פון אַלע זיינע זאַכען איז מיר „פיבי".

„פיבי" פער'כשופ'ט. דער קינסטלער האָט אייך אין זיין נעץ אריינגעצויגען. איך לייען:

„איך האָב ליעב שלאַנגען", און איך גיב אַ ציטער. צוגעטראָ־פען? ניין. נאָר איך נעהם זיי ליעב האָבען אין דער רגע די כשופ־דיגע שלאַנגען, די וואָס גיסען אריין זייער זיסען גיפט אין די אדע־רען און מאַכען דאָס הארץ שטאַרקער קלאַפּען... לעזענדיג האָט עפּעס טיעפעס אין מיר ערוואַכט... און איך האָב שוין מיט אינטענ־סיוויטעט פערפאָלגט די געשטאַלט פון פיבי, וואָס האָט זיך די גאַנ־צע צייט געוואָרפען, געדרעהט, און געוויקעלט ווי אַ שלאַנג פאַר מיינע אויגען...

פיבי האָט מיט איהר יונגען כשוף פערגיפטעט דעם העלד און זיך אַליין צום לעצט פערגיפטעט. די פיבים קענען ניט לעבען

לאנג אין דער לענג פון דער צייט — נאָר אין דער טיעף...

דער כאראַקטער פון די „פּיבים" איז ווי פון די אייביג יונגע „סאַלאַמאַס", פון די ערשטע חוה'ס וועלכע האָבען זיך געשפּיעלט מיט שלאַנגען און זיינען אליין געווען פער'כשופ'טע שלאַנגען... זיי האָבען מיט זייער שלאַנגישקייט אייביג געשראָקען און געצויגען אין דער זעלבער צייט... די וועלט־מיסטעריע, וואָס מאַכט אונז אַזוי גוט פיהלען און אין דער זעלביגער צייט אַזוי טראַגיש... אַט די שלאַנגען — מיר האָבען זיי ליעב, כאָטש מיר געהען צוליעב זיי אונטער... מיר האָבען זיי ליעב מיט זייערע קאַפּריזען, מיט זייער פייער, מיט זייער גיפט... זיי זיינען דער אייביגער מן פאַר דעם אמת'דיגען קינסטלער.

עס קען נאָך אבער זיין אַן אַנדער אויסטייטש פאַר וואָס די ערצעהלונג „פּיבי" הויבט זיך אָן מיט: „איך האָב ליעב שלאַנגען". דאָס קאָן אָנגענומען ווערען אַלס א סימבאָל צו ערקלערען דעם העלדס בעציהונג צו קריסטענטום. כאָטש דער העלד פון פּיבי איז גראַד ניט געשילדערט אַלס נאַציאָנאַלער איד, נאָר אומגעקעהרט, עס זעהט אויס, אַז איגנאַטאָוו האָט געוואָלט זאָגען: אַט זעהט א אידען, וואָס איז ווייט פון אידישקייט, און קען, ווייזט אויס, קיין אי־דיש ניט רעדען, האָט מסתמא קיינמאָל קיין אידישען ספר אין האַנד ניט גענומען. ווייל פיהלט זיך דער העלד אַמאָל געדריקט און עפענט א בוך כדי דעם אומעט צו פערטרייבען, איז דאָס ניט קיין אידישער ספר, נאָר „דאָס טאָג־בוך פון אַמיעל". אָדער, ער דערמאָנט זיך אַמאָל אַן א קלוג וואָרט, איז דאָס ניט פון קיין אידישען דענקער, נאָר פון מאַרק אורעליאוס, קאַרלייל א. ז. וו. אויך די אידעע אַז דער העלד דערפיהלט פּלוצלונג אַז „זיינע הענד און מוסקלען האָ־בען זיך פערבענקט „נאָך ברייטע און שטאַרקע בעוועגונגען", און דערפאַר פאָהרט ער אוועק ארבייטען אַלס פאַרם־יונג, איז ווייט ניט קיין טיפּיש אידישע מדה. דאָס איז א מענש וואָס איז אַב־זיכטליך געמאָהלען ניט אַלס קרענקליכער נאַציאָנאַליסט, נאָר אַלס פּרעמדער און אָבגעזונדערטער, וואָס וויל זיך לעבען זיין אייגענעם לעבען. ניט נאָר פון נאַציאָנאַלע אידעען וויל ער זיך ניט לאָזען שטערען, נאָר אויך פון פרויען וויל ער זיך בעשיצען. און דאָך וואָס פאַר א אידיש־ביבלישע וויזיאָנען עס וואַקסען ארויס פון זיין דמיון:

„ווען איך בין ארויף אויפ'ן בארג און צושיקט מיינע בליקען צו די בערג פון נאהענט און ווייט, האבען זיך שוין אין דער לופט ארומגעטראגען דורכזיכטיגע וואלקענס, וואס האבען זיך גע־קנייטשט ווי גרויסע און דורכזיכטיגע שטיקער זייד מיט נאך ניט קיין דערוועבטע ברעגען — — — און דער נעבעל האט זיך שוין ווי א רויך גענומען הויבען פון דער ערד. ווי א רויך האט זיך גענומען ארויסשפארען פון די וועלדער — — — און ניט איך בין איצט געשטאנען אויפ'ן בארג מיט דער האק אויפ'ן אקסעל, נאר עמיצער א גרויסער איז אויפגעגאנגען פונ'ם רויכיגען נעבעל. געווען איז ער הויך און שטארק געבויט. לאנג איז געווען זיין בארד און גרוי זיינע האר, גרוים און ווייט זיינע אויגען, זיכער און קלאר זיינע בליקען. און דער נעבעל ארום איהם האט זיך אראב־געלאזט ביז צו דעם זוים פון זיין קלייד, ביז צו די סאנדאלען פון זיינע פיס, און דער נעבעל איז ארום איהם געבליבען שטעהן אין א ברייטען רינג — — — — — — — — — — — — — —

דער איד מעג זיין ווייט פון אידישקייט, אבער דאס קריס־טענטום קען ער פארט ניט פערדייען. עס קען ניט אריין אין זיין בלוט. אויסערליך שיינט דאס קריסטענטום פאר איהם צו זיין שעהן, אזוי שעהן, גראציעז און בויגזאם ווי א שלאנג — נאר אויך גיפטיג ווי א שלאנג, און אט דערפאר קען אויך זיין הויבט זיך אן די ערצעה־לונג מיט: איך האב ליעב שלאנגען" און ענדיגט זיך מיט'ן צלם אן וועלכען די היסטעריש געווארענע פיבי כאפט זיך אן צום סוף פון דער ערצעהלונג: —

„אבער עס איז שוין ניט מעהר קיין צלם, נאר א שלאנג, א גיפטיגע שלאנג. און די שלאנג ווערט אלץ גרעסער און בייזער, און די שלאנג שלינגט זי איין".

און אויך „פיבי", וואס איז שוין א האלבע גוי'ע, קען ניט שלום מאכען מיט דאס קריסטליכע, און אין איהר ביטערקייט געהט זי אוועק אזוי ווייט אז זי זאגט, איהר דאכט זיך שטענדיג, „אז די גויים פערמאגען אין זיך אזא מין סארט ווילד־פלייש וואס קיין ציוויליזאציאן און קיין רעליגיאן וועט דאס פון זיי ניט אויסהיי־לען". און אזוי ווייטער.

עס פערשטעהט זיך, אז דאס אנטיקריסטליכע איז ניט דער הויפט מאטיוו פון דער ערצעהלונג. וויכטיג איז דאס, וואס

פאר אונז איז אויסגעמאָהלען א מענש, אין וועמען עס לעבען צוויי שטראָמען: דער בעוואוסטזיין און דער אונטערבעוואוסטזיין. זיי געהען אין דעם מענשען גלייכצייטיג האַרט איינער לעבען צווייטען אין אַלע ריכטונגען און שטערען ניט איינער דעם אנדערען און פערמישען זיך ניט. אַט למשל דער העלד, געהענדיג אַליין ביינאַכט איבער דער גאַס, דערזעהט ער ווי „פיבי״ פאַהרט אנטקעגען איהם אין אַן אויטאָמאָביל, אין וועלכען עס פלאַצט א ראָד. מיט זיין בעוואוסטזיין, אָדער מיט זיינע פשוט'ע אויגען, זעהט ער אז דאָ איז ניט געשעהן קיין אונגאַטירליכעס, אבער דאָס העלפט איהם ניט. ניט ווילענדיג נעהמט ער וועהמוטיג שמייכלען פון א פארטיגען געדאַנק, וואָס קומט צו איהם כמעט געגען זיין ווילען:

„אז די נאַכט, די שפּעטע שוואַרצע נאַכט, האָט דאָס ארויפגעזעצט פיבי'ן אויף א שוואַרצען אויטאָמאָביל און זי ארויסגעשיקט מיך בעגעגענען אויף אַט דעם לאַנגען און ליכטיגען הייל. און אז דער שאָפער איז ניט קיין מענש, נאָר אזא נאַכט־גייסט, וואָס האָט שוין געוואוסט צו מאַכען אזוי, אז פונקט פאַר מיר זאָל א ראָד פּלאַצען...״

אָדער דער העלד ווייסט קלאָר, אז „אין די מזרח געגענדען פון צפון־אַמעריקא זיינען דאָ אזוינע פויגלען, וועמעס געשרייען עס זיינען עהנליך צו מענשליכע קלאַנגען. ער ווייסט אפילו אז זייער טאָג פאַנגט זיך אָן א פּאָר שעה נאָך זון־אונטערגאַנג״ און נאָך אַזעלכע איינצעלהייטען. נאָר אַט האָבען זיך די פויגלען צושריען, און כאָטש ער האָט, דאַכט זיך, גוט געוואוסט, אז דאָס זיינען ניט מעהר ווי פויגלען, פון דעסטוועגען האָט ער געטראַכט, אז דאָס זייַנען אַזעלכע שטיק פון דעם קליינעם בלאָסען און שטענדיג־לאַכענדיגען מעקס. אז דאָס שפּיעלט ער זיך איצט מיט זיך אַליין, שפּרינגט ארום אין גראָז, בעהאַלט זיך אוים אונטער שטרויכען און פעלזען און שרייט אין דער נאַכט אריין:

שמיים, אָרעמער וויליאַם! שמיים, אָרעמער וויליאַם!!

(וויפּ־פּור־וויל! וויפּ־פּור־וויל!) און אזוי ווייטער.

אָדער אז: „די פויגלען שרייען היינט ווי משוגעים, וואָס האָבען זיך ארויסגעריסען פון ערגעץ א דול־הויז... און דער געשריי פון דעם האַ־האַ־פויגעל איז ווי פון איינעם, וואָס טרינקט זיך — — — יאָ, עמיצער טרינקט זיך איצט אין דער נאַכט ניט ווייט פון

אונז; רייסט זיך פון מאָל צו מאָל ארויס אויף דער אויבערפלעך, כאַפּט אין איילעניש דעם אָטהעם: — האַ, האַ, האַ, האַ, האַ! און ווערט גלייך ווידער ארונטערגעזונקען. און איך האָב זיך געטרייסט: זאָל זיין, אַז אַט די פערשיעדענע געשרייען קומען גאָר פון דעם קליינעם, בלאַסען מעקסעל. זאָל זיין, אַז דאָס שפּיעלט ער זיך דאָס אַזוי מיט זיך אַליין. בעהאַלט זיך אויס, און לאָזט ארויס אַט די פערשיעדענע אויסגעשרייען, אַט פון דאָ, און אַט פון דאָרט — —"

און דער העלד נעהמט גאָר פּלוצלונג מיט ביטערקייט לאַכען:

„די מעשה מיט פּיבי'ן איז ניט געשטויגען און ניט געפלויגען. נאָר דאָ איז אַזאַ געגענד — פויגלען שרייען ווי מענשען. — —".

אין אַן אַנדער אָרט דערצעהלט ער ווי ער האָט געוואוסט, אַז אין שטאָל איז קיינער ניט געווען, נאָר פונדעסטוועגען, ווען ער האָט גענומען געהן אויף די טרעפּ, וואָס פיהרען צו זיין געלעגער, האָט ער פאַר זיך דערזעהן פּיבי'ן — — — „זי האָט זיך הילכיג צולאַכט, זיך האַלטענדיג מיט איין האַנד ביים האַרצען. פונקען האָבען מיר אַ פליה געטהאָן פון די אויגען. נאָר איך בין געגאַנגען גלייך אויף איהר — — — ווייל איך האָב ג ע ו ו א ו ס ט, אַז דאָס דאַכט זיך מיר בלויז, ווייל איך האָב ג ע ו ו א ו ס ט, אַז אין אמת'ען איז דאָ איצט קיינער נישטאָ".

ס'איז דעריבער נאַטירליך פאַר אַזאַ העלד, אין וועמען עס לעבט גלייכצייטיג דער בעוואוסטזיין און אונטערבעוואוסטזיין, אַז צום סוף כאַטש ער ווייסט אויף זיכער, אַז פּיבי איז ארונטערגעפאַלען פון באַרג און ליגט דאָרט איצט „אויף די אָבגעבראָכענע שטיינער", שוין ניט פּיבי, „נאָר אַ מאַסע רויע פלייש", צו דער אייגענער צייט קען ער זיך פון איהר ניט בעפרייען... זי פער'כשופ'ט נאָך איהם אַלץ ביי טאָג און ביי נאַכט. מיט'ן בעוואוסטזיין האָט ער זיך שוין פון איהר בעפרייט, נאָר זי לעבט נאָך אין זיין א ו נ ט ע ר־ ב ע ו ו א ו ס ט ז י י ן, אין דער נשמה פון זיין נשמה... און זי רעגירט איבער זיינע שטימונגען געגען זיין ווילען...

אין אַלע איגנאַטאָוו'ס ערצעהלונגען געהט דורך אַ בעשטימטער ל ע ב ע נ ס ־ ג ל ו י ב ע ן. דאָס איז דער גלויבען, אַז די וועלט איז ניט, ווי פּ ר אָ פ ע ס י אָ נ ע ל ע ק ל ו ג ע מיינען, אַז זי איז, נאָר דאָס וואָס די אַזוי גערופענע נאַראָנים גלויבען אַז זי

איז. דאָס הייסט אַז די וועלט איז ניט קיין ענדליכע בעשטימטע מאַשין, נאָר אַ לעגענדע, אַ מעשה — אַן אומענדליכע מעשה... איגנאַטאָוו טרייבט אַפּטמאָל זיין גלויבען מיט נאַאיווען ערענסט ביז — פאַנאַטיזם. עס קאָן אבער זיין, אַז אין דער גאָטלאָזער וועלט, אין וועלכער מיר לעבען, איבערהויפּט אין דער הפקר־דיגער אַמעריקאַנער וועלט, איז דאָס אַן ערשיינונג וואָס דאַרף בעגריסט ווערען. אבער ווי די זאַך זאָל ניט זיין, איז דער גלויבען איינער פון די וויכטיגע זיילען, אויף וועלכען איגנאַטאָוו שפּארט אַן זיין טורעם.

איינע פון זיינע ערצעהלונגען, „דאָס גאָלדענע איינגעלע" איז אין גאַנצען געבויט אויף דעם געדאַנק. שמעון, דער העלד פון דער ערצעהלונג גלויבט, אַז די וועלט איז אַ מעשה. רחל, די העלדין פון דער ערצעהלונג, אין וועמען שמעון איז אַזוי שטאַרק פערליעבט, „ווייסט„ אַז די וועלט איז ניט קיין מעשה — „אמת, די ביכער און דער עולם צווישען וועלכען זי האָט זיך געדרעהט האָבען זי געמאַכט אביסעל אומבעהאָלפען, וואַקלענדיג, איהר האָט זיך געוואָלט געוואָלט, אַז עס זאָל זיין אַזוי און ניט אַזוי". איהר געפעלט אפילו זעהר שטאַרק דאָס וואָס שמעון קושט זיך אַזוי הייס, דאָס וואָס שמעון פערמאָגט אין זיך אַזוי פיעל ליעבע און דאָס וואָס זי אַליין ציטערט נעבען איהם אַזוי אָפט אויף און „ווערט אַזוי אָפט רויט". אבער ווער ווייסט צו פון איהם (שמעונ'ען) וועט נאָך עפּעס ווערען? ווער קען וויסען? אפשר יאָ, און אפשר ניט. און טאָמער טאָקע ניט?..." ניט טראַכטען אַזוי וואָלט דאָך געווען ניט קלוג פון אַזאַ מיידעל ווי זי, ווייל דאָס לעבען איז דאָך (אין איהרע אויגען) ניט קיין מעשה... און שמעון, אויף וועמען עס ברענט די הויט פון ליעבע צו רחל'ען, איבערהויפּט ווען ער זעהט זי „אין איהר לייכט געקעסטעלט קלייד, וואָס מאַכט זי אַזוי כשופ'דיג יונג און אַזוי שלאַנגיש גראַציעז": ער, דער נ אָ ר, קומט ניט טרייסטען רחל'ען, אַז זי זאָל זיך ניט זאָרגען, אַז ער איז יונג און שטאַרק און וועט זיך זיין וועג געפינען. נאָר אדרבה, ער נעהמט פּלוצלונג און צוברעכט דאָס שטיקעל קאַריערע וואָס ער האָט פאַר זיך געבויט, דורכ'ן אוניווערסיטעט... ווען די העלדין ווערט פון דעם געוואָהר, פערלירט זי זיך אין גאַנצען און נעהמט פון איבּערעגונג שרייען: „וואָס הייסט?! וואָס הייסט איהר פערלאָזט איצט דעם אוניווערסיטעט?! עס איז

דאָך שוין אייער לעצטער טערמין!...״ אבער איז שמעונ׳ס שמייכ־לען דערקענט זי גלייך צוליעב וואָס ער האָט דאָס געטהאָן... זי דער־פיהלט זיך שלעכט און שרייט אויס רויט ווערענדיג: „כאַ, כאַ! אייך אַ פּנים דאַכט זיך נאָך אַלץ, אַז דאָס לעבען איז אַ מעשה...״ דער „נ אַ ר״ אָבער פערענטפערט פאַר איהר זיין שמייכעל אויף אַזאַ אופן: — „נעהמט ניט פאַר אומגוט, זאָגט ער — מיין שמייכ־לען, דאָס איז איבער אַ פּוסטער נאַרישקייט: — אַ קלוגער האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז ניין און נייציג פּראָצענט פון אונזערע היינטיגע מיידלאַך קענען ווערען ווייבער פון כמעט יעדען מאַן. נו שמייכעלט זיך מיר...״ שמעון איז דאָך אבער איינער פון איגנאַ־טאָוו׳ס נאַראָנים, ענדיגט זיך דערפאַר די ערצעהלונג דערמיט, וואָס עס ווערען צוויי רחל׳ס. די אמת׳ע רחל קומט צו שמעונ׳ען ווי דורך אַ כשוף. ווען שמעון לייד זעהר שטאַרק און קאָן פאַר זיך אין ער־גיץ ניט געפינען קיין רוה, געהט ער איינמאָל צו צום שפּיגעל און קוקט אריין דערזעהט ער דאָרט רחל׳ס אויגען... — „און ער קוקט אויף די אויגען און קוקט, און וואונדערט זיך ווי שטאַרק איהרע אויגען קוקען דאָס ארויס פון זיינע. און ער דערזעהט און דערפיהלט זי אין זיך... זי קוקט דאָס איצט ארויס פון איהם...״

„און ביי דער נאַכט אויף זיין געלעגער. ער שלאָפט נאָך ניט, פּלוצלונג גיט זיך אין איהם עפּעס מיט אַמאָל אַ שלאַנקען ריס — דאָס האָט זיך רחל אין איהם אַזאַ ציה געטהאָן. ער איז דאָס בלויז אַ מין געוועב, אין וועלכען זי האָט זיך אריינגעוועבט און אָט האָט זי זיך איינגעוואָרעמט אין איהר געוועב און האָט זיך מיט אַמאָל אַ ציה געטהאָן, ווי איהר וואָלט זיך וועלען גרעסער ווערען, ווי איהר וואָלט זיך וועלען בעסער דערפיהלען דאָס געוועב ארום זיך.״

די צווייטע רחל, וואָס האָלט, אַז דאָס לעבען איז ניט קיין מעשה, האָט שוין לאַנג חתונה געהאַט מיט אַן אַנדער מאַן און זי איז דאַכט זיך אַ גוטע און איבערגעגעבענע פרוי. נאָר ווען ניט ווען דערמאָנט זי זיך ווי אין אַ מעשה׳לע, אַז אַמאָל איז געווען אַ נאַר אַ בחור, וואָס האָט זיך אין איהר פערליעבט. ווי שעהן דער נאַר האָט דאָס געקאָנט ליעבען!... „אבער? — כאַ, כאַ! דאָס לעבען איז דאָך ניט קיין מעשה, דאָס לעבען איז ניט קיין מעשה!״

עס טרעפט אבער פּאַרט, „אַז שמעונ׳ס בליקען צושפּאַלטען איהר דעם שלאָף אין מיטען נאַכט...״ „אַמאָל נעהמט זי איבער דעם

פון שלאף שמייכלען, און אמאל כאפט זי זיך איבער דעם אויף פון שלאף א צושראקענע..." און „אמאל פאלט איהר אויך איין אויס־זוכען איהר לייבט געקעסטעלט קלייד, דאס קלייד, אויף וועמעס שמעונ'ס בליקען פלעגען זיך אזוי רייך צושפּיעלען. — זי טהוט אן דאס קלייד און געהט צו צום שפּיגעל מיט דעם חשק צו דערקאַ־נען אין זיך י ע נ ע רחל, באלד אבער צושמייכעלט זי זיך פון דעם נארישען איינפאל. — צוויי רחל'ס טראכט זי. עס זיינען גע־ווארען צוויי רחל'ס און בלויז איינע פון זיי שטעהט איצט ביים שפּיגעל און שמייכעלט..." און זי דערפיהלט, ווייזט אויס, אז קיין מענש קאן זיך ניט אינגאנצען בעפרייען פון דער „אייביגער מעשה וואס הענגט הויך איבער אונזערע קעפּ".

עס קען אבער זיין, אז דער לעבענס גלויבען איז אן ארויפגע־ווארפענער פאנצער אויף זיינע העלדען. ס'איז דער ליגען, די מאס־קע, מיט וועלכע ער האט זיי בעקליידט זיי זאלען ניט זיין דורכ־זיכטיג. מען זאל איהם אליין ניט קענען דורכזעהן... אדער אפשר וויל ער מיט זיי זיך אליין בעפאנצערען?... עס קען זיין אז אונ־טער די אלע שטייפע פאנצערס בעהאלטען זיך גאר אונבעהאלפענע צובראכענע, אויסגעשפּיעלטע העלדען... געפּענטעטע אין זייערע איינענע נעצען — וויל מיר זעהען, אז אלע איגנאַטאַוו'ס העלדען קומען אין אנהויב ארויס מיט א שטארקע קראפט, שפּעטער ווערען זיי צובראכען פון זייערע אייגענע כחות. אזוי איז דער גבור, אזוי איז ברוך, אזוי איז אויך דער העלד פון פּיבי. אבער זיי האבען אזוי פיעל אינערליכען גלויבען, אז אויף די חורבות פון זייער אייגענע צובראכענקייט בויען זיי אויף א נייע האפענונג, א מיסטישען טרייסט, וואס גיט זיי כח ווייטער צו לעבען. פון די ע נ ט ו י־ש ו נ ג ע ן וואקסט ארויס א טרייסט. ווייל דער וואס ליידט ד ע ר ז ע ה ט ע פּ ע ס א ז ו י נ ס וואס אנדערע זעהען ניט: און דאס גיט איהם א נייעם כח. אויב א מענש זאל דעם כח ניט האבען אין זיך, וואלט ער ניט געקענט לעבען. און דער פער־בארגענער גלויבען ענטפּלעקט זיך כמעט ביי אלע זיינע העלדען. עס וואכט אין זיי אויף דער אייביגער אידישער אפּטימיזם. און אמ־בעסטען ש י י נ ט א ר ו י ס ד י ט ר י י ס ט פ ו ן ע נ ט ו י ש ו נ ג אין זיין ערצעהלונג „גאט בעהיט און בעשיצ"ט, וואו ער זאגט:

„איך וואָלט וועמען איצט דערצעהלען א מעשה פון איינעם. וואָס האָט געהאַט א גאָלדענע זון — ווי ער האָט זיין זון צו דער ערד געשליידערט, זי איז שטיקער צובראָכען, איצט געהט ער אַרום זיין גאַנצען לעבען און קלייבט, ווי א בעטלער, שטיקלעך זון, — שטיקלעך זון — — — נאָר ניין. — זילבער־ווייסע שטראַה־לען, שטראַהלען פון דער איביגער מעשה, וואָס שפּרייט זיך הויך און ווייט, אין דער בלויקייט, וואָס איבער אַלעמען, הענגען אין א רינג הויך איבער מיין קאָפּ".

עס איז אויך כדי צו ברינגען איניגע ביישפּיעלע צו ווייזען ווי אזוי איינגאַטאַוו מאַהלט:

„די גאַס מיט איהרע עלעקטרישע לאָמפּען, האָט זיך אין דער נאַכט אויסגעשיינט, ווי א לאַנגע און ליכטיגע הייל. (פון פּיבי).

„און דערביי האָט זיך איהר פיגור אזוי שלאַנגיש אַ ציה געטהאָן, ווי זי וואָלט אין גאַנ־צען געוועזען פון שלאַנגען־רינגען". (דאָס גאָלדענע אינגעלע).

„דער ווינד בלאָזט אַריבער דעם פערד'ס גריוואַ איבער זיין קאָפּ און עס דאַכט זיך, אז דעם פערד, האָט דער ווענד געבראַכט. אויפ'ן פערד'ס שטערען איז פאַרהאַן א לאַנגליך ווייסער פלעק און אויך אויף זיין בויך איז דאָ א ווייסער פלעק. — און עס דאַכט זיך, אז דער (שווארצער) פערד איז ווייס, נאָר מען האָט איהם אריבערגעוואָרפען א שווארצע פעל, און אז אַט וועט דער פערד אויפציטערען, א שפּרונג טהאָן און אַרויסלויפען פון זיין שוואַר־צער פעל און וועט בלייבען שטעהן א ווייסער א לויטערער". (גאָט בעהיט און בעשיץ).

„טויזענטער פיילבויגענס האָבען אַנטקעגען זיי געשפּריצט און גערעגענט מיט פיילען, אבער זיי האָבען זיך ניט גע־נומען פאַר די פיילבויגענס, נאָר מיט אויסגעשטרעקטע שפּיזען האָבען זיי זיך געטראָגען גלייך אויפ'ן שונא און האָבען זיך אין איהם אַריינגעשטאָכען בייז און ווילד". (דער גבור).

„יענקעל הויבט אפילו די אויגען ניט אויף (פאַר שאַנדע) נאָר ס'פּנים ברענט ווי א העליש פייער, ווי פייערדיגע

ווערעם וואַלטען זיך אונטער זיין
הויט געוואָרפען. (נאַקעט).

„דער ווייסער הונד אויף זיינע (ברוך'ס) הענד זעהט אויס,— א ווייסער א נאַקעטער".

די געבראַכטע בילדער און פערגלייכונגען, זיינען ניט נאָר בליציג און פול, מיט בעוועגונג, ניט נאָר האָט יעדער פון זיי א בעזונדערע פרישקייט, נאָר זיי צייכענען זיך הויפּטזעכליך אויס מיט דעם וואָס זיי פערמאָגען די אייגענשאַפט פון אָנרעגונג. זיי וועקען אין אונז אויף עפּעס אַזוינס, וואָס איז מעהרער און ווייטער פון דעם וואָס מיר זעהן... אַט איז נאָך אביישפּיעל ווי דער העלד אין פיבי דערצעהלט, אז זיך וואַשענדיג אויפ'ן צווייטען טאָג האָט ער מיט שטוינען דערפיהלט, „אז דער קוש וואָס פיבי האָט איהם געגעבען וואַשט זיך ניט אָפּ, נאָר וואַשט זיך אינ'ם פרישען וואַסער אין איינעם מיט'ן פּנים, מיט די ליפּען".

דער קוש נעהמט דאָ אָן א בעזונדער לעבען. מיר הויבען איהם ממש אָן צו זעהן ווי ער וואַרעמט זיך אויף דעם העלד'ס ליפּען, אז קיינע וואַסערען ווילען איהם ניט אָבוואַשען...

און אַט ווי סוגעסטיוו און מיסטעריעז עס ווערט ביי איגנאַטאָוו'ן אויפגעטרוימט א נאַכט:

נאָך האַלבע נאַכט.

אונטער דעם אָפענעם, פערפינסטעלטען הימעל וויעגט זיך דאָס שטעטעל אין שלומער...

וואו־ניט־וואו בעוויוזט זיך א פערשפּעטיגטער פוס־געהער. די טריט שלאָגען זיך אָב רעגעלמעסיג, גלייך, און עס דאַכט זיך, מען הערט, ווי עס קלאַפּט דער נאַכט'ס דופק:

אה — אה — אה — אה — — — — !

אויפ'ן בערגעל האָבען די בהמות שוין לאַנג פערנומען זייער נאַכט־לעגער: ליגען אויסגעלייגט אויף אַלע פיער", האַלטען וואַכענדיג אויפגעהויבען די קעפּ — זיינען מעלה־גרה. עס הערט זיך א קייען... זייערע אַלעמענס קעפּ, אַלעמענס אויגען זיינען טיעף פערזונקען, זייערע אַלעמענס אויגען זיינען גלייך צועפענט... עס צוואוויקעלט זיך א שווערער זיפץ... איינע פון זיי, א ראָבע מיט א ווייסען פּנים, שוואַרץ אַרום די אויגען מיט גרויהע צודרעהטע קנעבלען... אַט שטעהט זי שוין פעסט אויף איהרע פיס, ציהט זיך

אוים אין איהר גאנצער לענג. ס'פאלען צונויף די ראבע זייטען, ס'דרעהט זיך אוים דער עק, אט צועפענט זי דאס ווייסע מויל, צושפרייט די נאזלעכע. און שרייט אוים: מהא — א — אה! מהא — הא — הא! ממה־א — !

דאס שטעטעל גיט זיך א דרייפאכען וויעג.

די פערפינטעלטע נאכט הילכט אב דאס געשריי פון דריי פער־שיעדענע פלעצער: פון ערגעץ טיעף, ווייט און נאהענט...

חלומות ווערען דורך דעם איבערגעריסען... חלומות ווערען דורך דעם געבוירען... קינדער ציטערען אויף אין די וויעגען, קינדער הערען פלוצלונג אויף צו זויגען, לאזען פלוצלונג ארוים די מאמע'ס ברוסט פון מויל. („פון גאט'ס וואונדער").

איגנאטאוו האט אויך אנגעשריבען אייניגע זאכען, וועלכע מען קען אפשר אנרופען ליעדער. אט איז:

ס'איז א נאכט.
דאס צימער מיינס איז פינסטער,
דער דרויסען איז גרויס.
און האט א הימעל.
און האט א לבנה.

בענק איך דען נאך וואס?...?
א ווייסער שטראהל קומט צו. —
די בלויע נאכט קלאפט אן צו מיר אין פענסטער,
און עמיצער א נאהענטער פון דער ווייטען רופט:
— קעניג, דו האסט אזוי פיעל ווייסע פערד!"

— — — — — — — — — — — — — — — — —

יא, איך האב אזוי פיעל ווייסע פערד.
און דער דרויסען איז גרויס,
און האט א הימעל,
און האט א לבנה".

4.

ווען איך בין צום צווייטען מאָל געקומען צו אינגנאַטאַוו׳ן, האָט ער מיר געזאָגט, אז ער האלט אין פערענדיגען א ראָמאן, וועלכער וועט וואהרשיינליך הייסען „אבגעריסענע בלעטער". ער דענקט אז דער ראָמאן וועט שוין אלעמען „געפעלען". ווייל ער וועט זיין „צוגענגליך" צו פערשיעדענע קלאסען לעזער. ער האלט אויך אין שרייבען אנדערע ערצעהלונגען. נאָר ער איז צופיעל בע־גרעניצט אין צייט, דערפאר קען ער זיי ניט ענדיגען. פיעל זאכען ווערען ביי איהם גאָר צורינען, ווייל ער האָט קיין צייט ניט זיי אויפ־צושרייבען. דאָס זעלבע, האָט ער בעדויערט, איז מיט אלע יונגע שרייבער. זיי וואָלטען געקענט פיעל מעהר שאפען, ווען זיי זאָלען ניט זיין אזוי פיעל פערנומען מיט טעגליכע דאגות.

מיר האָבען באלד איבערגעריסען דעם שמועס און אנגעהויבען רעדען וועגען פאָעזיע — די בעסטע פון די „יונגע" זיינען ביי איהם מאני לייב, לאנדוי, אייזלאנד און ראבאי. זיי קומען אלע מאָל מיט עפּעס נייעס. די איבעריגע דיכטער שרייבען אויך גוט, נאָר זיי אינ־טערעסירען ניט, ווייל אזעלכע גוטע זאכען איז שוין דאָ איבעראַל.

איגנאַטאַוו האָט מיר איבערגעלעזען אייניגע ליעדער און נאָך דעם ווי מיר האָבען ארומגערעדט וועגען פערשיעדענע פּאָעטען האָט ער מיך מכבד געווען מיט דזשאהן גאלד פלעטשער׳ס „אינדיאנער גע־זאנגען" וועלכע ער האָט איבערזעצט אין אידיש פאַר זיין נייעם זאמעלבוך: „וועלט איין וועלט אויס". דער כבוד איז מיר זעהר געפעלען. נאָך אַ היימישען אבענד ברויט, האָב איך זיך דערמאָנט אַן זיינע פערפלאנצטע בלומען. זאָג איך צו איהם, וואָס מאכען עפּעס אייערע בלומען?

„אדרבה, קומט ארויס, בעקוקט זיי מיינע פּריצטעס".

מיר זיינען געגאנגען אין גארטען. די בוימער האָבען זיך שוין געהאט ברייט פערנאנדערגעשפרייט און די בלומען זיינען איצט

שוין געווע זאויסגעוואקסען, טאקי אזוי הויך ווי מענשען... דאס ערשטע מאָל האָב איך געזעהן אזעלכע גרויסע בלומען, זיי זיינען געווען פרעכטיג, נאָר וואָס פערנאַנדערגעבליהט. איך האָב זיך גע־פיהלט גוט ארומשפאַצירענדיג אין דעם שעהנעם פיעלפאַרביגען גאָרטען.

איגנאַטאָוו האָט זיך איינגעבויגען צו די בלומען, ליעבליך אבגעריסען איינע און זי מיר אריינגעשטעקט אין לאַץ.

איך האָב זיך מיט איהם געזעגענט און בין אוועק אין זעהר א גוטע שטימונג. פאָהרענדיג אויפ'ן טראַמוויי, האָב איך די גאַנצע צייט געטראַכט פון דעם, וואָס מיר האָבען גערעדט. א מערקווירדי־גער מענש — ניט זייענדיג קיין רייכער, מאַכט ער דעם איינדרוק פון א גרויסען עושר.

אז איך בין אהיים געקומען, האָב איך נאָך אלץ געטראַכט פון איגנאַטאָוו'ן, פון זיין געפיהל פאַר א שעהנעם גאָרטען. זיין אָב־געבען זיך מיט בוימער און בלומען. און יעדעס מאָל ווען איך טראַכט וועגען איגנאַטאָוו'ס שריפטען, זעה איך איהם שטעהן א שטאַלצען צווישען יענע בלומען, וואָס זיינען אזוי גרויס ווי מענשען...

זישא לאנדוי

דער מענש דארף זיין אַ בעוואונדערער.
ז׳ער שעפּפערישער מענש אונטערשייד זיך
פון דעם געוועגליכען מענשען דערמיט וואָס ער
וואונדערט זיך איבער אַלץ — איבער דאָס
קלענסטע ווי דאָס גרעסטע.
וואונדערען זיך הייסט גלויבען. האָפען.
זיך צוהערען צו דער שטילקייט.
זעהן די נ ש מ ה פון זאַכען —
ניט נאָר דעם חומר...

נח ש.

1.

פיעלע יאָהרען האָבען דיכטער בעזונגען געטער און נימפען, שטערען און בלומען, און די מאָהלער האָבען בעהאַנגען די מוזע־אומס מיט אידעאַליזירטע שעהנהייטען, און מען האָט די שעהנ־הייטען שוין אַזוי פיעל בעוואונדערט, אַז מען פיהלט שוין מעהר קיין טעם אין זיי.

די קינסטלער האָבען דאָס דערפיהלט און אַנגעהויבען עקספע־רעמענטירען מיט נייע פאָרמען, זוכען אַ פרישען אינהאַלט. זיי האָבען גענומען קוקען מיט אייגענע אויגען אויפ'ן לעבען און דערזעהן פּאָעזיע אין אַזעלכע מענשליך טעגליכע זאַכען ווי אַר־בייטען, עסען, שלאָפען און גענעצען.

זיינען דאָס צו געוועהנליכע זאַכען פאַר דער קונסט?

פאַר וואָס?

איז דען ניט דאָס סאַמע געוועהנליכע אינטערעסאַנט?

בעשטעהט דען ניט אונזער לעבען פון געוועהנליכקייטען?

מעטערלינג האָט שוין לאַנג געזאָגט אַז אין די געוועהנליכע ווערטער פון אַ אינגעל, וואָס קלאָגט זיך אַז ס'איז איהם קאַלט, איז פאַרהאַן מעהר זין ווי אין די בעהויפּטונגען פון אַ מאַרק אַר־רעליאוס.

די וואָס זוכען דאָס אויסערגעוועהנליכע אין לעבען פערשטע־העין ניט דאָס לעבען... ווייל די קלענסטע ערשיינונגען ווערען אינ־טערעסאַנט, ווען ס'איז נאָר דאָ ווער עס זאָל זיי אינטערעסאַנט אויפפאַסען... דערפאַר איז ניט פאַרהאַן קיין צו געוועהנליכעס פאַר פּאָעזיע — עס דאַרף נאָר זיין דער פּאָעט...

אַלעס וואָס עקזיסטירט, האָט זיך זיין שעהנקייט. די אונבע־דייטענסטע ערשיינונגען וואַרטען אויף זייער דיכטער. ער זאָל קומען אַרויסזאָגען זייער סוד. דער פּאָעט געפינט פאַר זיי דעם ריכטיגען נאָמען און ווערטה. די וואָס קוקען אויפ'ן היינטיגען לע־

בען מיט אמאליגע אויגען און פערשטעהן ניט דעם נייעם זין, שפעטען פון דיכטער וואס שרייבען וועגען עסען און גניצען. עס איז אבער א פרימיטיווער געפיהל, וואס טרייבט צו פערגרעסערען און איבערשעצען וואס איז ווייט און פרעמד און איגנארירען אדער אונטערשעצען וואס איז נאהענט ארום זיך. דער מאדערנער מענש פערטיעפט זיך אין זיך און אין אלעם ארום זיך און פיהלט די וויכטיגקייט פון דאס קלענסטע.

צום ביישפיעל: ס'איז וויכטיגער צו שרייבען וועגען גניצען ווי וועגען געטער און מלאכים, וועגען פאהרען אויפ'ן „על" ווי וועגען פליהען פון א מלאך. ווייל דאס לעצטע איז א ליגען פאר'ן היינטיגען מענשען, דאס ערשטע א שטיק לעבען. און דער מענש, וואס לעבט און פיהלט מיט זיינע אייגענע חושים, גיט איבער זיינע איינדרוקען אמת'דיג, אזוי געטריי, ווי ער האט זיי בעקומען. עס איז היינט ניט נויטיג אויסצוטראכטען אויסערגעוועהנליכע פאנטאזיעס צו וועקען הויכע שטימונגען; מענשען זיינען היינט העכער און עמפינדליכער ווי אמאל. א לייכט סוגעסטיווער ריהר איז גענוג צו בעוועגען מיין געמיטה. און „וואס א געפיהל איז אינטימער אלץ אוניווערסאלער איז ער" — זאגט לאנדוי.

דער היינטיגער פאעט דריקט דערפאר קודם כל אוים זיך. און אויב זיינע עמאציאנען זיינען טיעפע, וועלען זיי מיט דער צייט ווערען אלעמענס... ווייל דער אמת'ער פאעט איז דער טיעפסטער מענש פון זיין צייט... ער שרייבט דערפאר ניט פאר'ן פאלק. די היינטיגע פאעטען געהען טיעפער, זיי שרייבען זיך... דערפאר זיינען זיי אזוי נאהענט צום הארצען די וואס האבען זיך — און ווייט פון יענע, וואס זיינען בלויז גלגולים פון אנדערע...

די אמת'ע קינסטלער פון אונזער צייט זיינען געקומען צו זיך, צום פרייען אויסדרוק פון זייער אינדיווידואליטעט. און וואס עס איז מיט די קינסטלער פון דער וועלט, איז אויך אן עהנליכען אופן מיט אונזערע.

וואס פאר אן ענדערונגען איז פארגעקומען אין דער אידישער פאעזיע?

בעפאר די נייע דיכטער זיינען געקומען איז די אידישע פאעזיע געווען פערטהאן אין קלאגעריי. אונזערע אלטע פאעטען זיינען צוגעגאנגען צו אלע ערשיינונגען מיט א פארטיגען בליק: אז אלעם

אין דער וועלט איז שלעכט און מען דארף אלץ בעוויינען. און זיי האבען טאקע געוויינט. אויף ענטוישטע ליעבע, אויף די ענטוי־שונגען פון לעבען, אויף די אייגענע יאהרען, וואס געהען אוועק ווי רויך, אויפ'ן בייזען מזל פון אידישען פאלק און אויף די צרות פון די ארעמע ארבייטער. ווינטער האט מען געקלאגט וואס ס'איז קאלט, פריהלינג וואס די נאטור לעבט אויף, די בוימער צובליהען, די גראזען גרינען. נאר דער מענש קען ניט אויפלעבען פריי ווי שוואלבען, און אין הערבסט האט מען דאך אודאי גע־האט אויף וואס צו קלאגען, די בלעטער פאלען דאך —

מיט דער צייט איז אבער דאס לעבען געווארען אנדערש. איז מען מיעד געווארען פון אזא וויינערײ. פאעזיע איז ניט געוויין, נאר געזאנג. א געזאנג פון דער יום טוב'דיגער נשמה. ניט פון פערטערעהרטע זיפצען. אין אמת'ע פאעזיע ווערען אפילו די ליידען פערוואנדעלט אין פריידיגע מוזיק.

די פאעזיע איז געבוירען פון לעבען, אבער זי הויבט זיך אויף העכער. די פאעזיע פון די אלטע דיכטער איז אבער געשטא־נען נידעריגער, איינזייטיגער. זי האט זיך בלויז פערנומען מיט דאס שווארצע, קלאגעדיגע פון לעבען. דערפאר האט זיך געגנויטיגט אן איבערבייט. און אן איבערבייט איז טאקע געקומען. די צייט האט ארויסגעבראכט נייע אידישע דיכטער. איינער צווישען זיי איז זישא לאנדוי.

לאנדוי האט אריינגעבראכט אין דער אידישער פאעזיע נייע מאטיווען. ער זאגט אז ס'איז ניטא אויף וואס צו קלאגען. ס'לעבען איז גאר ניט אזוי שלעכט, ווי מען האט אונז איינגערעדט. די מעהרסטע ליידען זיינען איינגערעדטע. קינדער, ווייבער, און נארא־נים האבען ליעב צו וויינען. א פערשטענדיגער מענש לערענט זיך אוים צו לעבען. יא. לעבען איז א קונסט. מען דארף עס לערנען... ארעמקייט? ס'איז גאר ניט אזא טראגעדיע ווי מען מאכט דערפון.

אין א בריעף שרייבט ער מיר:

„בכלל איז די גאנצע געשיכטע פון ארעמקייט און רייכקייט א פיקציע, דאס האבען סאציאליסטישע אגיטאטארען אויסגע־טראכט".

די מאדע צו בעשולדיגען אין אלעם בייז די שלעכטע ארד־נונג איז געמאכט געווארען פון שלעכטע מענשען, וועלכע פערדי־

גען אונצופריעדענהייט — די סאָציאַליסטען, טענה'ט לאַנדוי. און ער איז ניט בלויז א געגנער פון סאָציאַליזם, נאָר א שונא פון יעדען ראַדיקאַליזם. (זאָל מען איהם גלויבען?) ער גלויבט ניט, אז אן אנדערע געזעלשאַפטליכע אָרדענונג וועט פערבעסערען דאָס לע־בען. ער האָט מיר איינמאָל ציטירט א געדאַנק פון זיין פריינד ד'אבּרוצי: „אז מען דאַרף איינפיהרען דעם סאָציאַליזם פּשוט דער־פאַר אום זיך צו איבערצייגען, אז ניט די אָרדנונג, נאָר דער מענש אליין איז שולדיג אין זיינע ליידען".

לאַנדוי זאָגט, אז די וועלט איז אין אָרדענונג!

אין דעם זעהען מיר לאַנדוי דעם עקסטרעמיסט. דעם צו־להכעיס־מענש וואָס וויל מיט א כיון זיין פערקעהרט ווי אנדערע. ווייל די מעהרסטע פיינערע נאַטורען זיינען געגען אָרעמקייט, וויל ער זאָגען פערקעהרט. ווייל די רעכטדענקענדע ווייזען אויף, אז די היינטיגע אָרדענונג — וואָס איז אין דער אמת'ן אן אונאָרדענונג— איז א שלעכטע, ווילט זיך איהם זאָגען פערקעהרט.

לאָמיר פערשטעהן. עס מיינט ניט, אז ער וויל זיין אנדערש ווי ער איז. דאָס וואָלט געהייסען זיין ניט ערענסט. און דאָס קען קיינער ניט זיין. יעדער מענש איז ערענסט, אפילו אין זיין אונ־ערענסטקייט וואָס מיר רופען... נאָר דאָס איז אזא נאַטור. — באַדלער האָט אויך געוואָלט דאָס פערקעהרטע — אזוי איז לאַנ־דוי'ס כאַראַקטער. ער האָט ליעב די זיגזאַגען פון דער נשמה. דער־פאַר האַלט ער זיך ניט צוריק אפילו פון ווידערשפּרוכען.

אין זיינס אן ארטיקעל אין „ליטעראַטור און לעבען", פּאָלע־מיזירענדיג מיט עמיצען זאָגט ער:

„יא, יא — אבער ווידערשפּרעכען זיך? און טאַקע באַלד אויף א צווייטען זייטעל אבלייקענען דאָס, וואָס דו האָסט נאָר וואָס גע־זאָגט? שעהן אזוי? א שאַנדע. אפשר — א צופאַל?

„ניין, דוקא ניט קיין צופאַל און קיין שאַנדע ניט: איך האָב געזעהן די ווידערשפּרוכען: וואָס איז מיר אייער לאָגיק? ווידער־שפּרעכען זיך איז די לאָגיק פון מ י י ן נ ש מ ה, מ י י ן ב ע ד י ר פ ע נ י ש, מיין געוואוינהייט.

„א פילאָזאָף הייסט דענקען קלאָהר און מיר הערען איהם ניט. די שוהל־לאָגיק האָט פערבאָטען און מיר ווערען ניט נתפּעל:

שוהל־ביכער זייענן ניט פאר עלטערע מענשען. אין אונזערע גע־גענדען גילט אן אנדערע פילאָזאָפיע".

און אזעלכעס אויפשרייבען דארף מען זיכער האבען א סך מוטה און אויך ניט וועניג שארפזין:

„מיר וואָס האָבען עפּעס אן אינדיווידואַליטעט, לעבען אין אינערען געזעץ און פיינע קולטור, שרעקען זיך ניט פאר דעם אונערוואַרטעטען און ניט־פאראויסגעזעהענעם. מיר, די וואוילע יונגען און מוטיגע אוואַנטוריסטען, מיר מעגען טרעטען מיט אונ־זערע פלינקע פיס יעדע לאָגיק און קולטור און בעגעהן זיך מיט די אלע שטאַנדפּונקטען, אידעען, מיינונגען און איבערצייגונגען — סיי פרעמדע, סיי אייגענע — ווי מיט קינדערשע שפּיעלצייג:

„איבערגעוואַקסען.

„אויסגעוואַקסען.

„אויך א לאָגיק — האַ?"

ווי מיר זעהן פון זיין פּראָזא האָט לאַנדוי א גאַנץ שאַרפע פען. אז ער וויל זאָגען עפּעס שטעכיגעס קען ער. ביי איהם קומט עס ניט פלוצלונג, אונבעוואוסט ווי ביי אנדערע. ער איז פול בע־וואוסטזיין. ניטאָ ביי איהם קיין צופעליגקייטען. אונטער אלע זיינע כלומר'שטע קאַפּריזען ליגט די קאַלטע אויסגערעכענקייט. לאַנ־דוי'ס האַרץ איז זיין קאָפּ. ער שרייבט ניט, ווייל אזוי שרייבט זיך איהם. ביי לאַנדוי איז אלעס א שטה. ער האַלט ניט פון קיין שטי־מונגען. ער האָט איבערצייגונגען. ניטאָ ביי איהם קיין צופעליגע ליעדער. ער האָט עפּעס צו זאָגען אין יעדען ליעד. אמאָל א קרי־טיק, א נייעם געדאַנק. ער ווייס אלע מאָל וואָס ער וויל זאָגען און קען אויך זאָגען וואָס ער וויל...

לאַנדוי, ווי געזאָגט, האָט גענומען אריינברענגען נייע מאַטי־ווען אין דער אידישער פּאָעזיע. אייניגע נייאַזגקייטען זיינען אונז צום האַרצען, אנדערע ניט. אנדערע זיינען ווידער בלויז צופריעדען וואָס ער האָט גענומען זוכען נייעס. זאָל זיין סאַטירישע גימנאַס־טיק, דאָס רייצען זיך מיט אונז — שפּיעל, שפּרינגען זיינען אימער אינטערעסאַנט. און לאַנדוי איז איינער פון די געוואַגטסטע דערצו. ער האָט געביטען אינהאַלט, געביטען פאָרמען. שוין לאַנג האָט ער גענומען בענוצען דעם סאָנעטען פאָרם. באַלד איז איהם ניט גע־

פאַלען צו גראַמען בלויז צום סוף פון דער שורה, האָט ער גענומען גראַמען אין דער מיט, געמאַכט פערשיעדענע וואַריאַציעס מיט גראַמען און אַלעמאַל געזוכט נייע. ער איז אויך אַריבער די גרענ־צען פון דעם מעכאַנישען סטראָף, וואו יעדער שורה איז געצוואונ־גען אויסצוהאַלטען דעם ריטהם און מעטער. ער האָט אין אידיש אַריינגעפיהרט דעם פּאָליפאָנישען סטראָף, וואו פערזען טאַנצען אין גרויסע און קליינע קרייזען, שטאַקאַטאָ געמישט מיט לעגאַטאָ אין איין און דעם זעלבען ליעד.

אין אונזער ליטעראַטור איז דאָ גרויסע מעגליכקייטען פאַר גאָר פרישע נייעקייטען. אונזער שפּראַך האַלט זיך ערשט אין ענט־וויקלען. האָט לאַנדוי גענומען זוכען נייע ווערטער, בענוצען אַלטע ווערטער וועלכע מען האָט שוין געהאַט פערגעסען. ער האָט גענו־מען בייגען ווערטער אויף אַ נייעם אופן. ווי „פערגראַזטע געגענד, פערטאַלטען פערבערגטען פעלד, נעכט בעווינטיגטע, טעג בעזונע־נע". און שאַפענדיג נייע ווערטער קאָמבינאַציעס, שאַפט ער אָפט אַ נייעם בעגריף, ווי מיט דער קאָמבינאַציע „ניטדאַאיג גליק". ווי שעהן עס קלינגט דאָס „ניטדאַאיג גליק" אין דעם ליעד:

„אַ, וויג מיך, וויג מיך וויג,
אַ, וויג מיך שעה נאָך שעה,
דו, מיין ניטדאַאיג גליק,
ווי לאַנג איך בין נאָך דאָ.

איך פיהל אין יעדען ריהר,
אַ, גוטע, ווייטע פרייד,
אַז דו האָסט איבער מיר
די פליגעל אויסגעשפּרייט.

ס'ווערט גוט אַזוי און לייכט,
(אַ, וויג מיך, וויג מיך, וויג!)
גלייך ווי פון טוי איז פייכט
און גלאַנציג מיין בליק —

אַ, ווייט, ניטדאַאיג גליק."

2.

לאנדוי איז דער גייסטיגער אוואנטוריסט, ער האלט אין איין זובען, דערמיט נעהמט ער אונז. אמת, אז איך האב איבערגעליינט דאס ליעד „נענעריגס" און דאס צווייטע:

„און מיט שמיראכצען אזוינע
טוען זיך די ווייבער שמירען.
אז מען זאל דעם שלעכטען ריח
וואס עס געהט פון זיי ניט שפירען".

האב איך געפיהלט א ביטערע זויערקייט: אבער זיי האבען געצוואונגען צו לייענען זיי נאך אמאל. ווייל ווי געוועהנליך, אז איך האב אנגעהויבען לייענען א ליעד האב איך כמעט אימער געוואוסט וואס ס'וועט זיין דער סוף. ביי לאנדוי איז אבער טייל מאל ניטא ניט קיין אנפאנג און ניט קיין סוף. נאר עפעס אזא „מיטען", וואס מען קען ניט פערגעסען.

וואס פאר א בעזונדערע אייגענארטיגע בעציהונג לאנדוי האט צו פרויען.

ביז איצט האבען דיכטער געהאלטען אין איין גלארעפיצירען פרויען. וואס פאר דעם געוועהנליכען מענשען די קירכע, איז פאר דעם דיכטער געווען דער פרויען קולט. מען האט די פרוי פערגעטערט. דער גרעסטער טהייל פאעזיע פון דער וועלט איז פול מיט ליעבעזאנגען צו דער פרוי. לאנדוי האט אבער פיינט אויסגעטראטענע וועגען. ער האט זיך ליעב צו פערקוקען אויף א זייט. איהר זאגט, אז די פרוי איז דאס שעהנסטע וועזען אויף דעם פלאנעט? זאג איך: זי איז פון פלייש און ביינער. און „פלייש און ביינער מוזען פוילען" דערפאר דארפען זיי „שמיראכצען מען זאל דעם שלעכטען ריח וואס עס געהט פון זיי ניט שפירען".

פאר פרויען און זייערע פערגעטערער קלינגט דאס שטארק בעליידיגנט.

לאנדוי וויל האבען, אז די פרוי איז ניט און קיינמאל ניט געווען ווי די דיכטער האבען איהר פארגעשטעלט. „ניט די אדער יענע פרוי איז שלעכט. דער מין! — ערדיש. געשלעכט. זינדיג. ווייסט ניט פון עפעס העכערס ווי לייב. מיר, מענער אונשולדיג און ריין, און קיין אויסוועג איז ניטא ווי זיך צו בעפרייען, ווייל טויזענדער וועגען האבען זיי ווי אונז צו פאנגען... דארפען זיך צוגעוואוינען זעהן דעם אמת, וועלען מיר וויסען צו ריכטען אונזערע בעציהונגען".

די פרוי איז א קראפט וואס איז זעהר שעדליך אין אונזער אומוויסענהייט... דער מאן איז בלויז צייטענווייז ליידענשאפטליך. די פרוי איז בלויז ליידענשאפט. און דערפאר האט זי בלויז א זינליכע בעציהונג צום לעבען:

„עס נעהמען די אויגען זיי ברענען,
זיי ווערען פון גלוסטונג פערצעהרט;
די תאוה פון ווייבער — זי האט דאך
פערלאשען דאס ליכט פון דער ערד.

נאר וואהרהאפטיג זיינען מיר מענער,
צו זינד פיהרען אונז ניט די טריט,
עס גלוסט ניט צו תאוה דאס הארץ אונז,
עס ברענען די אויגען אונז ניט".

מען קען ניט זאגען, אז די וועלט האט נאך אזוינס ניט געהערט. שוין די אמאליגע אידען האבען געהאט די זעלבע בעציהונגען. דער בליק אויף דער פרוי איז שוין אן אלטער, רעליגיעזער. אפילו אין דער ביבעל ווערט די פרוי פארגעשטעלט אלס זינדיגע, וואס לאזט זיך פערפיהרען פון שלאנג דורך איהר שוואכען ווילען.

נאר אזוי ווי אנדערע האבען איבערטריבען מיט לויבען, אזוי האט לאנדוי מיט קריטיק. אין תוך איז ער גערעכט, אבער אין ארט און ווייזע — אונגערעכט. א געדאנק קען ווערען אויסגעדריקט אויף פערשיעדענע אופנים, דער פאעט דארף איהם אויסדריקען אויפ'ן שעהנסטען אופן. לאנדוי האט געטהאן דעם געגענטהייל. אפילו די שפראך איז אין דעם ליעד ערגער ווי אין די אנדערע. „שמיראכצען

אזוינע" איז אפילו מיאוסע פראזא, אבגערעדט פון פאעזיע. פארם איז מעהר בעליידיגענד ווי געדאנק. פיעל מאל איז ניט וואס מען זאגט, נאר ווי אזוי. און מיט דעם ניט שעהנעם פארם האט לאנדוי בעליידיגט זיין טהעמא. ס'בעווייזט אז געצוואונגענע אריגינאליטעט קען ארונטערפיהרען פון וועג אפילו א פיינעם דיכטער. ווייל לאנדוי האט ניט געוואלט בעליידיגען די פרוי, ער איז נאר געווען צו עקסטרעם. דער זעלבער וואס האט געשריבען דאס ליעד פון שמיראכצען, האט אויך געקענט אזוי שעהן איינרוימען:

„אין דער פינסטער זיינען דיינע אויגען שענער —
און עס וועהט פון דיר אזוי פיעל פרייד און רוה.
דאמאלס איז דיין קליינער פוס נאך קלענער,
ציטעריגער, בויגזאמער ביסטו — — — —

אין דער פינסטער קלינגט דיין ווייכע שטימע ווייכער.
דאמאלס וועהט פון דיר אזוי פיעל פרייד און רוה.
דיינע פינגער ווערען ווייכער, בלייכער,
ציטעריגער, בויגזאמער ווערסטו — — — —".

אין דעם ליעד זעהען מיר לאנדוי דעם ראפינירטען פארם־מייסטער, ניט דעם פלינקען שפיץ־קאפ, וואס וויל אריבערשפרינגען זיין אייגענעם שאטען...

אבער שלעכט צו גוט. איין זאך איז זיכער וועגען לאנדוי. ער האט יענעם כח צו פעראינטערעסירען. זיינע שורות ברענגען זיך איין אין זכרון צו זיי געפעלען צו ניט. עס איז שטענדיג ביי איהם דא עפעס אזוינס, וואס איהר מוזט געדענקען. אזעלכע זיינען געבוירען צו שרייבען. זיי האבען אין זיך פערבארגען עפעס, וואס מאכט זיי אנציהענד. דערפאר איז לאנדוי אפשר מעהר אינטערעסאנט אלס כאראקטער ווי אלס פאעט. אלס פאעט האט ער נאך וועניג געשאפען. די ליעדער אין „ארבייטער" קענען ניט האבען קיין פרעטענזיע אויף פאעזיע. ערשט אין די זאמעלביכער „שריפטען" טרעפען מיר זיך מיט דעם קינסטלער פון ראפענירטען פערז. אבער דאס בעסטע וואס לאנדוי האט ביז איצט געשריבען געפינט

זיך אין „ליטעראטור און לעבען“ און אין דעם נייעם זאמעלבוך „וועלט איין וועלט אויס“.

אבער שוין אין די ווייניגע ליעדער קען מען זעהן, אז לאנדוי האט אן אייגענעם בליק אויפ׳ן לעבען. ער האט דערזעהן דעם וועג אויף וועלכען ער דארף געהן. און ער איז צו עפּעס דערגאנגען. ער איז געקומען, לאמיר עס אנרופען, צום פילאזאפישען אפּטימיזם. ער גלויבט אז א מענש געפינט סוף כל סוף וואס ער זוכט. זוכט איינער קריעג וועט ער דאס זיכער געפינען. און זוכט איינער פריע־דען וועט ער דאס אויך געפינען. ביי זיך... ווען ער האט נאר גלוי־בען. גלויבען איז א הייליגע זאך. אז מען גלויבט אין עפּעס ווערט פרעהליך אויף דער נשמה... מען פיהלט זיך געשטארקט פון א קראפט, וועלכע מיר פערשטעהן ניט. נאר פיהלען איהר נאהענט־קייט:

„וואהרהאפטיג, עס שטארקט אונז דאס ווארט דיינס,
ווי גוטער און גאר אלטער וויין:
אז וואויל איז צו דעם, וואס איז זוכה
אין נאה׳נטקייט אין דיינער צו זיין.
עס קוקען די אויגען איהם אנדערש,
ער זעהט דאס, וואס מיר זעהען ניט,
זיין הארץ איז א נעסט בלויז פאר פריידען,
עס זינגט און ווערט קיינמאל ניט מיעד.
— האסטו ניט געהייסען זיין פרעהלאך?
ווי זאלען מיר פרעהלאך ניט זיין!
עס שכור׳ט אונז און בערוישט אונז
דאס ווארט דיינס, ווי גאר אלטער וויין“.

ווי פיעל גלויבען, פרייד, און האפנונג ליגט פערבארגען אין דעם פאטעטישען ליעד?

לאנדוי האט מיר איינמאל געזאגט: „מיר לעבען ניט אין דער וועלט עמיץ זאל אונז פרייד פערשאפען. מיר מוזען דאס אליין זיין... דאס גרעסטע פערברעך איז זיך צו לאנגווייליגען“.

ער האלט אויך ניט פון ארומוואנדערען איבער דער וועלט. ער ווייס אז איבעראל איז כמעט דאס זעלבע. פון זיך קען א מענש

ניט אוועקוואנדערען... מען מוז זיך דארום דיסציפלינירען צו קע־נען זיין מיט זיך דארט וואו מען איז און שעצען דאס נאהענטע ארום זיך:

„פערהאנגען לייט וואס ווילען שטענדיג רייזען
און קליין איז נאך פאר זיי גאט'ס גרויסע וועלט,
דאך מיר איז גוט אזוי דא אומצושפרייזען
אין דעם פערטאלטען און פערבערגטען פעלד".

דער וואס האט נאר ארייגעקוקט אין לעבען, ווייסט, אז וואו מען זאל ניט זיין אין דער דרויסיגער וועלט איז ניטא קיין רוה, אויב מען געפינט איהר ניט ביי זיך... דער דיכטער האט זיין רוה אין זיך. דערפאר ווייזט זיך די וועלט פאר איהם אנדערש. ער גע־פינט פרייד אין טרויער און טרויער אין פרייד. אנדערע קלאגען וואס דער זומער געהט אוועק, און ס'קומט דער הערבסט מיט זיינע גרויע טעג, דאן דער קאלטער ווינטער. אבער לאנדוי איז גאר צו־פריעדען וואס דער ווינטער קומט. ער דערפיהלט גאר א היימליכ־קייט אין הויז:

„ערשט איצט האב איך דערפיהלט אז ס'איז אוועק דער זומער און נאהנט איז דער ווינטער שויז; אין הויז איז מיט אמאל גאר היימליכער געווארען. פון יעדען ווינקעל וועהט א ווארעמקייט. מיין ווייב, וואס כ'האב אזוי אויך ליעב, איז מיר אצינד נאך ליע־בער".

אין די גאר איינפאכע ווערטער איז פארהאן א סך — זעהר וויכטיגע פאעזיע. וואלט איך זאגען. ווייל אין זיי מאכט אונז דער דיכטער בעוואוסט איבער די שעהנקייט פון די קלייניגקייטען ארום זיך. די שעהנקייט פון אלע שעה.

מיט א פערטעל יאהרהונדערט צוריק האבען מענשען געגלויבט אז ס'וועלען געמאכט ווערען גרויסע רעוואלוציאנען און די ערד וועט זיך באלד פערוואנדלען אין א הימעל... מען האט אבער באלד איינגעזעהן, אז ס'טהוט זיך ניט אזוי גיך ווי עס ווילט זיך. און דאס בלויזע פאנטאזירען וועגען דער שעהנקייט פון א ווייטע צו־קונפט האט אויפגעהערט צו ווארעמען... דעראיבער דארף מען אנ־הויבען זוכען די שעהנקייט פון דאס נאהענטע, ארומיגע. לאנדוי

האט שוין געפונען: די שעהנקייט פון זומערדיגע טעג, פון קליי־דער. די שעהנקייט פון ווערטער „און פון אלעם טראכטען לייכט אזוי און העל".

און די שעהנקייט פון ווינד, וואס געהט „דורך מיינע האר ווי שלאנקע פינגער". דער פערגעניגען פון זומערדיגען רעגען, זעהן ווי „לייכט די טראפּענס זיינע פאלען ווי דאס פלאפּלען פון א קינד—".

אנדערע רעדען זיך איין שלעכטע שטימונגען אין רעגענדיגע טעג. ער, פערקעהרט, האט ליעב צו שפּאצירען אין די פריש אבגע־וואשענע גאסען:

„די גאסען נאך פון רעגען פייכטע,
ווי אלץ איז נעבעלדיג און גרוי.
עס וועהען ווינדען מילדע, לייכטע,
און מילד און לייכט איז מיר אזוי.

גאס איין גאס אויס געה איך שפּאצירען.
ווי היימליך קלינגט מיין יעדער טראט.
אוי, גאט, אזוי זאל אייביג פיהרען
מיך דורכ'ן לעבען דיין גענאד".

„עס גיבט א גרויס ווארט", האט לאנדוי מיר אמאל געזאגט: „זעלבסט רעגירונג". ניטא קיין אויסרייד: אומשטענדען. ס'איז בלויז דער מענש. און אויב ער וויל קען ער זיך אליין איבערוויני־דען. אויב ס'האט זיך פיעלמאל ניט איינגעגעבען, פערגעס. „וואס איז געווען איז פערביי". לאנדוי זאגט אז ער „וויל מיט'ן מזל זיך ניט קריגען. וואס ס'גיט דער טאג, דאס נעהם איך צו, — פער־וויגען, וויגען און דערוויגען וויל איך די טעג צו העכסטער רוה".

אין די אלע ליעדער זעהען מיר לאנדוי'ס אזוי צו זאגען — איבער־בעוואוסטזיין. זיין אפּטימיזם הייבט איהם אריבער איבער דער גרויער ווירקליכקייט. ער וויל זיך אליין פערטרוימען, פער־וויגען, בעגייסטערען:

„א וויסער פעברואר! איז אבענדען אין דיינע קאלט און שנייאיג איז. אבער איך האב ליעב שפּאצירען געהן און פיהלען ווי די פיס מיינע טרעטען אויפ'ן הארטען שניי. איך געה אזוי ארום שעה איין, שעה אויס, און פיהל ווי ס'ווערט מיין הארץ אונענדליך גרויס און וואונדערבאר..."

דאכט זיך גוט? אבער ערגעץ אין דער טיעף ראנגלען זיך אויף אנדערע שטימונגען וועלכע ער קען ניט פערטויבען מיט זיין אפּ־טימיסטישען בעוואוסטזיין, און ס'רייסען זיך ארויס אזעלכע טיעף מעלאנכאלישע טענער:

און קיינמאל קענסטו ניט ארויס
פון אנגעצייכענטען און לאנגווייליגען קרייז.
יעדער טאג, וואס געהט אוועק איז דאך א שאד.
ער וועט צוריק שוין מעהר ניט קומען.
און גלייך ווי דער וועט דאך דער צווייטער אויך פערגעהן.
און דאס אויף וואס דו האסט געהאפט, געווארט,
האט אבגענארט".

און ער ענדיגט:

די נאכט איז טיעף, די שטערען זיינען גרויס
און דו —
געהסט אוים פון לאנגווייליע און טרויער".

דא וויצעלט זיך לאנדוי ניט מיט דער וועלט. ער קען דעם טיעפען טרויער, נאר ער פערוואנדעלט איהם אפט אין פרייד... לאנדוי פיהלט אויך גאנץ שטארק דעם שרויף פון לעבען, נאר ער וויל עס ניט מאכען נאך מעהר טראגיש מיט געוויין.

ביי לאנדוי'ן איז אויך דא די אידישע רעזיגנאציע. נאר אויף אן אנדערען אופן. ניט די רעזיגנאציע מיט טרויער, ניט פעסימיזם. מיר איז שלעכט, איך האב זיך געמוזט אונטערגעבען; נאר א רע־זיגנאציע מיט א דוקא — מיר איז גוט! און אויב אפילו ניט וועל איך זיך אויך ניט בעקלאגען. איך בין ניט אזוי ווי איהר... „מיין קעניגרייך איז פון אן אנדערע וועלט".

לאנדוי קומט דורך זיין רעזיגנאציע צום אפּטימיזם: אז אלעס דארף זיין אזוי ווי עס איז און אלעס איז גוט, ווייל עס עקזיסטירט און איז שעהן... ווען מען קוקט מיט שעהנע אויגען...

מען קען אפשר זאגען אז דער אפּטימיזם איז ניט טיעף. ער האט אבער די מעלה וואס ער שאפט גלייכגעוויכט אין געמיטה... דער אפּטימיזם איז ביי לאנדוי'ן מעהר פון אלעס א טרייסט...

עס זיינען דא צוויי לאנדוי'ס, איינער: דער פערצוויגענער אין זיך גריבלענדער מאדערניסט, וואס זינגט פון האפענונג אויס פער־צווייפלונג. אזעלכע לידער:

זיינען מיר אלע געבוירען אהן ווילען,
זיינען מיר אלע אונמעכטיג און קליין —
לאמיר ווי קינדער, ווי קליינע זיך שפיעלען
ווען אונזער זון וועט אין הימעל פערגעהן.—"

דער צווייטער לאנדוי איז דער אינטעלעקטועלער גימנאס־טיקער. מאכט פערזען קאזשאלקעס. דערלאנגט אונז שפּיציגע אויס־געטראכטקייטען. וויל רייצען, איבעראשען. לאכט פון עולם אין דעם ליעד: „אודאי וויים איך — " אדער איראניזירט איבער דאס פּוסטע לעבען, איבערהויפּט איבער „ווייבער ארום איבער דרייסיג מיט פערגאנגענהייטען" וועלכע האבען: קינדער, זוניגע, לופטיגע צימערען. עסען בלויז נאהרהאפטע שפייזען, לעזען קלוגע ביכער און לאנגווייליגען זיך".

קיין סאטירע איז דאס ניט. אפשר איראניע. אדער ער וויל איבערשרעקען ווי באדלער מיט „נעגערינס" און נאך אזעלכע אויס־טערלישע איינפאלען... אבער מען דערפיהלט באלד די חכמה'דיגע אנגעשטעלטקיים מיט צוגעטראכטע בייגעדאנקען און הינטערגע־דאנקען...

מיר קענען אבער לאנדוי'ן מיט זיכערקייט ניט קלאסעפיצי־רען, ער וועט ארויסשפּרינגען פון אלע דעפיניציעס, ווייל ער איז ניט בלויז א פּאעט — נאר אויך א מענש מיט א סך אייגענע געדאנ־קען, געשמאקען און רעטעני שען...

לאנדוי איז א קינסטלער נאטור, און פונקט אזוי ווי יעדע קונסט אזוי האט אויך יעדער קינסטלער אין זיך דאס אונבעגרייפ־ליכע. די קונסט האט אין זיך דאס איבערנאטירליכע. דערפאר רופט א קונסטווערק ארוים בעוואונדערונג ווי א גרוים נס. די קונסט אליין איז לויטער נסים. און א קינסטלער איז דער וואס האט דעם כח צו ווייזען עפּעס אזוינס מען זאל זיך וואונדערען...

יעדער נייער פּאעט זעהט די וועלט מיט נייע אויגען. דארום נייע וואונדער... לאנדוי איז דער מאדערנער פּיעטיסט. ער זעהט

מיט פרישע אויגען די וואונדער פון לעבען. מיר זעהען און הערען דאס זעלבע, נאר געהען אונבעוואוסט פערביי און פערגעסען. ביי לאנדוי׳ן ווערט וואס ער זעהט און הערט בעוואוסטזיין. דערפאר ווערט עס ביי איהם פרעזערווירט. נאך מעהר. ער קען זעהן שעהנ־קייט, וואונדער און פרייד דארט וואו מיר זעהן גאר ניט.

צום ביישפיעל. געדאנקען וועגען טויט דערמאנען איהם גאר אז ס׳איז דא אזוי פיעל פרייד אין לעבען. די פרייד פון אלץ זעהן און בעוואונדערען:

„וואו די אויגען נאר געוועגדט,
ווערסטו פון וואונדער באלד פערבלענד.—"

ביי איהם איז אפילו א גרויס וואונדער אז:

„קינדער, וואס קוים קענען שטעהן,
הויבען פלוצלונג אן צו געהן."

אדער ווען מען וועט איינפאלען זיך צו וואונדערען וואס דער טאג איז העל? אדער וואס:

„צווישען דיינע שווארצע האר,
זעה, עס וואקסט א גרויע גאר".

און ניט טרויעריג דארף מען ווערען אז מען זעהט מען ווערט אלט און גרוי. נאר וואונדערען זיך און פרעהען... דאס האט דער דיכטער געמיינט מיט די ווערטער:

„ביז ס׳וועט קומען אונזער שעה,
איז אזוי פיעל פרייד נאך דא."

(צו פריץ׳ס טויט).

דא האבען מיר לאנדוי דעם מיסטיפיצירער פון לעבען, וואס קומט דורך אינטואיציע צו שעהנקייט און פון שעהנקייט צו פרייד...

און אזעלכע ליעדער שרייבט דער זעלבער לאנדוי, דער אוואנ־טוריסט, וואס רייצט זיך מיט ראדיקאליזם און פרויען...

3.

א גרויסע פרייד איז פאר מיר געווען ווען איך האָב צום ערש־טען מאָל געזעהן לאַנדוי'ן. אייזלאַנד האָט מיר איהם פארגע־שטעלט.

לאַנדוי איז א שעהנער. א פריש פארביג געזיכט. רונדע באַ־קען, בלויע אויגען און העל בלאָנדע האָר וואָס זיינען צוואווארפען איבער זיין שטערן. ער איז זעהר עהנליך צו אָסקאר ווײלד'ן אויף די בילדער פון די יונגע יאהרען.

ס'איז אײנגענעם צו זיין אין לאַנדוי'ס געזעלשאַפט און איהם הערען רעדען. ער האָט א מעלאָדישע שטימע. אז ער רעדט זינגט ער זיך. רעדט זעהר שנעל און האָט שנעלע בעוועגונגען. איז אָפט נער־ווען, אבער האָט שעהנע מאַנירען. מען פיהלט זיך אין זיין געזעל־שאַפט אונרוהיג, אבער יום טוב'דיג. ער האלט די גאַנצע צייט געשפאַנט מיט זיינע שנעלע בעמערקונגען, בליציגע איינפאַלען און קאַפּריזנע אויפפאסונגען. פאַרהאַן מאָמענטען ווען ער ער־שטוינט מיט אַן אָריגינעלע רעפלעקסיע. איהם פאַלען איין זאַכען וואָס מען וואָלט זיך קיינמאָל ניט געריכט. און אז ער רעדט ווערט אַלץ אינטערעסאַנט.

דאָס איז אַלץ ווען לאַנדוי איז גוט געשטימט. אבער דאַמאָלס ווען ער איז שלעכט אויפגעלייגט, קענט איהר פון איהם ניט ארויס־קריגען קיין לעבעדיגען וואָרט. דאַמאָלס מאַכט ער אַלעם אוועק מיט א פינטעל פון אויג, און לייקענט אָב אַלעמען, אפילו זיך אליין.

לאַנדוי איז אין פיעלעם עהנליך צו ווײלד'ן. ער איז אין גאַנ־צען ווי ווײלד'ס א פּאַראַדאָקס־שפּיעל. מיט איבערבעוואוסט־זיניגקייט, ליידענשאַפטליכער אָריגינאַליטעט און אויסגעזוכ־טע עסטעטישקייט. איך האָב דאָס איהם אמאָל געזאָגט. האָט ער עס ניט געוואָלט ליידען. ער האָט ניט ליעב ווײלד'ן. אַן אונער־טרעגליכער מענש געווען, האָט ער מיר געזאָגט.

דאָס וואָס לאַנדוי זאָגט מיינט ער ערנסט. ניט ווי אַנדערע מיינען, אַז ס'איז בלויז קונסט־קאַפּריזען. ניט אמת, לאַנדוי שרייבט אַזוי ווי ער דענקט און פיהלט, כאָטש ער גלויבט דאָס אליין ניט. דער אונטערשיעד פון איהם ביז אַנדערע דיכטער איז אפשר אין דעם וואָס ער איז זעלבסט־בעוואוסט און אַנדערע ניט. ס'איז אָהן אַ צווייפעל, אַז דער מענש לאַנדוי אָטהעמט אונטער זיינע ליעדער. מען דאַרף איהם נאָר פערשטעהן, קענען זיין פּערזענליכען לעבען און וויסען ווי אַזוי ער שרייבט, קען מען זעהן ווי זיין כאַראַקטער שיינט דורך אין זיינע ליעדער.

ווילט איהר בעזוכען לאַנדוי'ן אין זיין היים?

„דינסטאָג.

צוויי הייסע גלעזער טיי מיט מילך האָב איך מיר אויסגעטרונקען,

אַ דריי־פיר צוויבאַק אויפגעגעסען;

דערנאָך בין איך אַ לאַנגע צייט ביים טיש געזעסען,

געראויכערט און געקוקט מיר אויף אַ נאָגעל אין דער וואַנד,

פיער ליעדער איבערזעצט פון דייטש,

אַ מיעדער אויף דער סאָפאַ זיך אוועקגעלייגט,

אַרום דעם קאָפּ די הענד פערלייגט

און דריי מאָל צום באַלקען אויסגעשפּיגען.

מיר איז געוואָרען שווער,

פאַר וואָס דער זומער איז פערגאַנגען.

איך וואָלט דאָך איצט שפּאַצירען מיר אין פּאַרק געגאַנגען,

צי נאָר אין שטוב געכאַפּט מיר פליגען.

און נאָך אַמאָל האָב איך צום באַלקען דריי מאָל אויסגעשפּיגען,

און אַלע דריי מאָל נישט געטראָפען,

דערנאָך בין איך מיר איינגעשלאָפען."

ער האָט ליעב איינצולאַדען קאָלעגען אויף זיין „פאַרם" — אַ הייזקע בלע"ז — קומט מיט:

„אַ גרויסע פוהר מיט האָלץ האָב איך
געקויפט מיר און צוזעגט,
צוהאַקט עס אויך, אוועקגעלעגט
און גוט עס צוגעדעקט.

לאנדוי האָט מיר אמאָל געזאָגט אז דאָס שרייבען קאָסט איהם געזונד. ווען ער שרייבט טרינקט ער א סך שווארצע קאַפע און רויכערט זעהר פיעל. ער מוז דאַן זיין אין גאנצען אליין. און אם מעהרסטען שרייבט ער פארטאג, דאַן איז דער געדאנק פריש און אין דרויסען איז שטיל. ער גיט אריין פיעל אין זיין שרייבען. דערפאר אז ס'קומט עטוואס ארויס פון זיין פעדער, איז דאָס קורץ און פלינק ווי דער געדאנק אליין. דאָס איז דער סוד וואָס מען שלאָפט ניט איין ווען מען לעזט איהם. ער רעגט אויף, וואַרעמט. ווייל זיינע זיינען ניט קיין קאלטע ווערטער, נאָר הייסער מענשליכער אטהעם. ניטאָ ביי איהם קיין טויטע געדאנקען, נאָר לעבעדיגער פיבער. דערפאר האָט ער אָנגעמאכט מעהר שטורם און די ליטעראַרישע קרייזען ווי אנדערע שרייבער. מען האָט קריטיקירט, דיסקוטירט, ס'איז געווען לעבעדיג. דאָס איז דערפאר ווייל לאנדוי איז ניט קיין שרייבער וואָס שאַפט ליטעראַטור, נאָר אן ערשיינונג. און אז מען קען איהם פערזענליך זעהט מען ערשט וואָס פאר א מערקווירדיגע ערשיינונג לאנדוי איז.

לאנדוי איז זעהר אויפריכטיג. ער האלט פון געצעהלטע מענשען און געצעהלטע ביכער. נאָר האָט ער ליעב א בוך, קען ער איהם פון אויסענווענינ. האָט ער ליעב א מענשען וועט ער אלעמאָל וועגען איהם רעדען און פאר יעדען לויבען זיינע מעלות.

אין זיין פערזענליכע בעציהונג צו מענשען איז לאנדוי זעהר גוטבערידערליך. ניטאָ ביי איהם די שטייפקייט: איך בין דער דיכטער!

לאנדוי האָט מיר אמאָל געזאָגט, אז ער האָט זיך מיט דער צייט אויסגעלערענט פערברענגען מיט אלע מענשען געמיטליך. אז איך פלעג אריינקומען צו איהם אין הויז, האָב איך געטראָפען גאנץ איינפאכע מענשען: זיי פלעגען איהם דערצעהלען זייערע לאנגע מעשות, ער האָט זיי פריינדליך אויסגעהערט, מיטבעדויערט וואָס די שפייזען ווערען טהייערער, זיי געטרייסט אז ס'וועלען קומען בעסערע צייטען, און זיי מכבד געווען מיט טהיי.

מיט אמאָל געפעלט לאנדוי ניט צו וואוינען אין ניו יאָרק. ער פאָהרט אוועק און בעזעצט זיך אין א דאָרף ניט ווייט פון סטעטאַן איילאנד.

שפּעטער אַז ער האָט זיך שוין געהאַט איינגעאָרדנט אין זיין נייע היים, קריג איך אַ בריוועל: קומט צו פאָהרען, שבת און זונטאג האָב איך צייט וועלען מיר פערברענגען.

מען האָט מיר אָנגעוויזען אויף אַ הייזעל מיט אַ ווערענדע וואָס איז געשטאַנען צווישען צוויי הויכע בוימער. די בוימער האָבען נאָך געהאַט בלעטער אויף זיך, נאָר די הערבסט־זון האָט זיי שוין געהאַט פּערגעלט. ס'גראָז ארום דעם הייזעל איז שוין אויך געווען בלאָס. נאָר דאָס הייזעל אַליין איז געווען פריש גרין געפאַרבט. אַז איך בין אריין אין שטוב האָב איך געטראָפען לאַנדוי'ן שטעהן צווישען אַ סך געקאָכטע פרוכטען. די פריש געפּרעגעלטע פרוכטען האָבען געשמעקט. לאַנדוי האָט געהאַלטען אין איין ארייננגיסען די פרוכטען אין גלעזערנע סלוים, ארויפגעלעגט אַזאַ גומע ביים דעקעל און פעסט צוגעמאַכט.

— איהר זעהט? — האָט ער אָנגעוויזען מיט די האַנד אויף די פערמאַכטע סלוים מיט איינגעמאַכצען — דאָס וועט זיין אויפ'ן ווינטער, איך האָב שוין אָנגעפילט אריבער הונדערט סלוים. וואַרט, איהר וועט באַלד פערזוכען.

— וואָס האָט איהר ליעב? געפּרעגעלטע פלוימען? איינגעמנירטע בארען? איך האָב אויך פיטשעס, לעמענס, איינגעקאָכטע אראַנדזשען. וואָס איהר ווילט.

ער האָט געעפענט איניגע סלוים און מיר געהאַלטען אין איין געבען צו פערזוכען. די פרוכטען זיינעןווירקליך געווען זעהר גוט. אַז איך האָב איהם געזאָגט ס'איז געשמאַק, האָבען זיינע העל בלויע אויגען אויפגעלויכטען מיט פרייד.

אַזוי ערענסט איז לאַנדוי אין אַלעם וואָס ער טהוט.

ווי קומט דאָס אַז לאַנדוי זאָל אָנקוועלען פון אַזעלכע זאַכען?

אינטערעסירט ער זיך מיט אָט די קליינעקייטען ווייל ער וויל אבּרוהען, פערטהון, פערגעסען זיך, — פערשפּיעלען?...

ניט אין גאַנצען דערפאַר.

לאַנדוי שטאַמט פון אַ יחוס'דיגען שטאַנד. די גאַנצע משפּחה איז געווען רביים. ביי זיי האָט זיך געפיהרט אַ ברייטע בעל הביתישקייט. ביי דעם איניקעל איז אפשר איבערגעגאַנגען דער אינסטינקט פאַר ברייטקייט, רייכקייט. דערפאַר קען זיין האָט ער אַזוי ליעב אַז ביי איהם זאָל שטעהן אָנגעגרייט פון אַלדאָסגוטס.

וואלט לאנדוי געבוירען געווארען מיט דורות פריהער, וואלט ער פיליכם געווען א רבי און געהאלפען מענשען מיט קלוגע עצות. אין אונזער דור איז לאנדוי געווארען דער גייסטיגער וואנדערער, גריבלער און זוכער פון נייע שעהנקייטען. דער דיכטער פון דעם מאדערנעם מיעדען, צווייפלענדען און זיך פערלוירענעם מענשען...

לאנדוי איז דער געוואגסטער צווישען אונזערע שריפטשטע־לער. ער האט נאך ווענינ געשאפען. איז נאך יונג. ער האלט אלע־מאל אין איין אנפאנגען. ער איז דער דיכטער פון מארגען. אבער שוין אין די ווענינע ליעדער האט ער געוויזען אז ער איז נאהענט דעם היינטיגען מענשען.

מיר היינטיגע זיינען נים אויסגעהאלטען. ער אויך. מיר קע־נען נים זיין קיין דאגמאטיקער, מיר האבען נים קיין פערשרויפטען סיסטעם. אונזערע אידעען זיינען פראגמענטאריש. מיר געהן וויע־גענדיג אהין, אהער און זעהען שטיקלאך אמת'ן דא און דארטען... לאנדוי אויך. קיין גאנצקייט, קיין אויסגעהאלטענקייט, צוגעבונ־דענקייט; נאר פריי!

לאנדוי גלויבט אויך נים אין קיין אינספעראציעס. אמאל רע־דענדיג וועגען שרייבען און וועגען אינספעראציע זאגט ער מיר: „ווען איך בין געווען א אינגעל האב איך געגלויבט אין דער מוזע. היינט האלט איך מעהר נים פון אזעלכע איינגלערייען — א מענש דארף אלעמאל זיין אינספערירט!“

און אט איז זיינס א ליעד אויף דעם געדאנק:

„איך וויל גאר נישט, און אויב כ'וויל וואס, איז עס גאר נים פיעל:

קיינער זאל אין טיר נים קלאפען, זיין זאל שטענדיג שטיל.
און נים פייפען אין דעם קוימען זאל א ווינד ביי נאכט,
כאטש מיין ליעד אזא מין פייפען שענער וואלט געמאכט“.

לאנדוי איז שוין מיעד פון די „שעהנע“ פאעזיע. ער האלט אז מען האט שוין גענוג אימעטאציעס פון די גרויסע קינסטלער. זאל זיין נים שעהנעם, אבער נייעס. און לאנדוי געהט טאקע ארום בוי־ניג אהין, אהער, זוכענדיג נייע אידעען, נייע האפנונגען, נייע טרוימען... צו מאכען אינטערעסאנטער די טעג פון זיין און אונזער לעבען...

א. ראבּאַי

1.

אויף די פעלדער צווישען בערג און טהאלען, וואו עס לויפען אום אונגעצאמטע ווילדע פערד, דארט געפינען זיך געזונטע מענ־שען.

און די מענשען האבען ליעב די פערד און זיי האבען ליעב די ערד מיט איהרע פרוכטען.

און זיי האבען ליעב די זון וואס גיט דעם הימעל זיינע פאר־בען.

זיי האבען ליעב די ברייטע פעלדער מיט די ווייטע האריזאנטען.

זיי האבען ליעב דעם ריח פון דעם פריש געשניטענעם אל־פאלפא.

און ווען די מענשען קוקען אויף דער גרויסער וועלט, ציהען זיך אן די אדערען אונטער זייער בראנזענע הויט. זיי שטעהען מיט פעסטע פיס אויף דער ערד און הויבען זייערע קעפ אויף אין דער הויך און קוקען ווייט אהין, וואו דאס אויג קען מעהר ניט זעהן...

אט די מענשען זיינען די הויפט העלדען ביי ראבאי'ן.

און פונקט אזוי ווי זיינע העלדען זיינען מענשען מיט געזונדע חושים, אזוי איז אויך ראבאי — זייער בעשעפער.

ראבאי האט אין זיך דעם פרימיטיווען אינסטינקט פון דעם אמאליגען קרעפטיגען מענשען. אז מען גיט א קוק אויף ראבאי'ן, זעהט מען אז דער מענש האט נאך אין זיך די אוראלטע קראפט פון דער ערד. ער איז אויך אזוי ניט ריהרעוודיג ווי די ערד. אין זיין שרייבען, און אלס מענש איז ער אויך אזוי מאסיוו.

אז מען זעהט ראבאי'ן צום ערשטען מאל דערשרעקט מען זיך פאר זיין גרויסען בראנזענעם קאפ, וואס איז גערדיכט בעוואקסען מיט גלאנציגע פעך שווארצע האר, וועלכע ווארפען זיך איבער זיין הויכען שטערען.

זיין פנים: הויכע באקען ביינער, פעסטע ליפען, צווי טיפע קנייטשען ארום זיי און א פאר טיפע אויגען. זיין גאנצע גע־שטאלט זעהט אויס ברייט, שווער און פעסט. אבער מען דער־פיהלט באלד, אז אונטער דער בראנזענער דיקער הויט בעהאלט זיך אן אריסטאקראטישע זעעל. און דאס זעלבע פיהלט מען ווען מען לייענט זיינע שריפטען.

אז ראבאי רעדט, הערט איהר א גראבע מענערשע שטימע. דערפאר האט ער אבער אזא ווייכען געלעכטערעל וואס קאטשעט זיך ביי איהם אין האלז אזוי אז עס מאכט אייך פיהלען ווארעם ווען איהר זעהט אין זיין געזעלשאפט.

ראבאי איז זעהר פלינק אין פערשטעהן מענשען. מען קען איהם ניט זאגען קיין ליגען. אדער בעסער געזאגט, מען קען איהם יא דערצעהלען א ליגען, ער וועט גאר ניט זאגען; ער קען ניט פערשעהמען קיין מענשען, נאר ער ווייסט באלד אז מען זאגט איהם א ליגען. די פאאר ביי אונז, וואס זייער שעפפערישער טאלאנט דריקט זיך אויס אין ליגען זאגען ציטערן פאר איהם. ער לאזט זיי רעדען גלייך זיי וואלטען איהם דערצעהלען אן אמת. ער זיצט זיך שטיל, קוקט זיי גלייך אין די אויגען אריין און גיט בלויז א לייכטען שמייכעל...

ראבאי האט זעהר ליעב אויפריכטיגקייט און איינפאכקייט. איהר דארפט אמאל קומען צו איהם אין הויז. מען דערקענט גאר ניט אז דאס איז די וואוינונג פון א שרייבער. מען זעהט ניט קיין ביכער, עס ליגען ניט אנגעווארפען קיין צייטונגען און זשורנאלען. עס שטעהט ניט קיין טינט און פעדער אויפ'ן טיש. מען טרעפט איהם אויך קיינמאל ניט שרייבען אדער לייענען ווען מען קומט אריין. מען דארף אבער ניט מיינען אז ער לייענט ניט. ער לייענט, נאר זעהר געצעהלטע ביכער. און ער פערברענגט מיט א בוך וואס ער האט ליעב זעהר א לאנגע צייט. ער האט גענומען א ווערק ווי „קריעג און פריעדען" פון טאלסטאי און עס געלייענט א גאנץ יאהר.

2.

וועו שרייבט ראבאי?

ער האט ליעב צו שרייבען וועו אלעם אין הויז איז אין אר־דנונג. וועו זיין קינד שפיעלט זיך נעבען איהם און זיין פרוי איז אין הויז. טאמער איז די פרוי אדער דאס קינד ניטא אין הויז, קען ער ניט שרייבען. אמיינסטען שרייבט זיך איהם אין פריהלינג. און זיין בעסטע צייט צו שרייבען איז ביי טאג, פון ארום צעהן אין דער פריה ביז ארום דריי נאך מיטאג. ביינאכט האט ער פיינט צו שריי־בען. ער האט אויך פיינט צו שרייבען וועו ס'רעגענט. ער נעהמט נאר די פעדער אין האנד, וועו ס'איז דא זון אין דרויסען.

ביי ראבאי'ן מוז אלעם געהן מיט א סדר. אלעם אין הויז איז ביי איהם אין שענסטען ארדענונג. ער פיהרט א רוהיג, נעמיטליך לעבען. אין הויז ביי איהם פיהלט איהר, אז איהר אטעמט א בעזונ־דערע לופט. עס שמעקט מיט אריסטאקראטישקייט. אלעם איז ביי איהם איינפאך, נאר מיט א פיינעם געשמאק. ער איז דער מענש וואס לעבט לויט זיין אייגענעם געפיהל. ער טאנצט קיינעם ניט נאך. ער איז פינקטליך, אפילו אין די קלענסטע זאכען. ער געהט זיך זיין אייגענעם וועג. די ליטעראַרישע קאפע האט ער פיינט און געהט ניט אהין. ער פערברענגט כמעט שטענדיג אין דער היים מיט זיין פרוי און קינד. כמעט שטענדיג וועו איך קום אריין אין הויז שפיעלט ער זיך מיט זיין אינגעלע. מאהלט פאר איהם אוים א פערד, א קאץ אדער א מענש אויף א שטיקעל פאפיר. וויי־פער קענט איהר איהם טרעפען ארומפיהרען זיין אינגעלע אין א שליטעל, אדער זומער אויף א וועגעל.

אבער מערקווירדיג. אז מען קוקט זיך גוט צו זעהט מען, אז עס זיינען דא צוויי ראבאים. איינער דער נאטירליכער פשוט'ער מענש וואס טהוט אלצדינג אזוי ווי אלע מענשען, פון אלע יאהרען. און ס'איז דא א צווייטער, דער מיסטעריעזער, פערשטעלטער, אין

זיך גראבענדער, וואָס רעדט אַלעמאָל דורך סימבאָלען און איז אַפּט מאָל צופריעדען אז מען פערשטעהט איהם ניט...

און דאָס איז אפשר דער סוד וואָס מען ווערט פעראינטערע־סירט אין ראבאי'ן, כאָטש מען פערשטעהט איהם ניט. עפּעס איז ער אַזא מאָדנער מענש. און זיינע העלדען זיינען אויך אזעלכע מאָדנע. ער האָט זיך אין אַלעם זיינע אייגענע געגנעלאָך. און אזוי אויך זיינע העלדען. און אז איך האָב גלעלייענט זיינע ערצעהלונגען האָט זיך מיר זעהר געוואָלט בעקאַנט ווערען מיט איהם.

אז איך בין בעקאַנט געוואָרען מיט ראבאי'ן, האָט זיך מיר זעהר געוואָלט מיט איהם דורכרעדען וועגען זיין שרייבען. נאָר ער איז זעהר בעשיידען, צוריקגעהאַלטען. ער רעדט זעלטען וועגען זיך. און נאָך ווייניגער וועגען זיין שרייבען. אז מען שטעהט שוין גוט צו צו איהם און ער קען זיך שוין ניט ארויסדרעהען, זאָגט ער מיט זיין שמייכעל:

„איך שרייב אביסעל".

אמאָל האָב איך איהם געבעטען ער זאָל מיר לייענען עפּעס. געהמט ער ארויס פון שיפלאָד א דיקען בוך מיט פערשריבענע בלעטער און לעגט איהם אוועק אויפ'ן טיש. פרעג איך איהם וואָס איז דאָס?

— „א, דאָס איז א ראָמאַן וואָס איך האַלט אין פערענדיגען" האָט ער מיר געענטפערט.

— ווי אזוי וועט איהר איהם רופען?

— ער וועט אפשר הייסען „א פּאָס פון ים".

מיך האָט שוין געצויגען צו וויסען וואָס דאָס איז פון דעם נאָמען אליין. אבער ער האָט זיך ניט געאיילט. נאָר לאַנגזאַם גע־מישט די גרויסע בלעטער און מיר אָנגעוויזען:

— דאָס איז דער ערשטער טהייל, דאָס איז דער צווייטער.

— נו, לייענט מיר שוין עפּעס בעט איך זיך.

ער האָט גענומען לייענען. און פאַר מיינע אויגען האָבען זיך לאַנגזאַם גענומען בעוועגען אזעלכע מאָדנע געזונדע שווערע מענ־שען וואָס רעדען אַלע אזוי פאַמעלעך רוהיג, אבער עקשנות'דיג און שטאַרק פערביסען אין זיך... און דאָס וואָס זיי פיהלען איז ניט אויפגעשריבען מיט טויטע ווערטער, נאָר לירישׁ אויסגעזונגען אין אַן אקצענטירטע שטאַקאַטאָ. לויט די ריטמישע שפּראַך און דעם

אינערליכען לירישען טאָן, איז דאָס ניט קיין געוועהנליכער ראָמאַן אין פּראָזאַ, נאָר אַ מוזיקאַלישע פּאָעמאַ.

ער האָט געענדיגט לעזען אַ קאַפּיטעל. איך האָב געפּיהלט ווי נאָך אַ גאַש טהאָן פון גוטען וויין. איך האָב געוואָלט הערען נאָך. נאָר ער האָט מעהר ניט געלעזען.

— וואָס לייענט איהר ניט ווייטער?

— נאָך וואָס וועל איך זיך איצט אוועקזעצען לעזען — האָט ער אָנגעפאַנגען מיט זיין שווערע שטימע. — הלואי וואָלט איך איהם באַלד געקענט אַרויסגעבען וואָלט איהר איהם אַלע אַליין געקענט לעזען.

ער האָט גערעדט ווי אַן אָנגע'ברוגז'טער און געקוקט אַראָב צו דער ערד. זיינע שוואַרץ גלאַנציגע האָר האָבען זיך געוויעגט אַהין און צוריק אויף זיין הויכען שטערען וואָס האָט זיך צונויפגע־דריקט אין דריי גרויסע בייגעל. און זיינע אויגען זיינען נאָך טיעפער געוואָרען...

3.

ראבאי האלט אז די לעזער און די שרייבער וואלטען בעדאר־פען קומען אין א נעהענטערע בעציהונג. די ליטעראטור דארף ניט זיין קיין געשעפט פאר קויף און פערקויף.

שרייבער דארפען ניט צוליעב דעם טשעק־בוך צופיעל פער־שווענדען זייער טאלאנט און שרייבען א סך. א קינסטלער דארף זיך פרעזערווירען. שאפען א פאר זאכען און גוטע. צוליעב דעם וואלטען שרייבער, די אמת'ע קינסטלער, בעדארפען זיך אויסאר־בייטען אן אייגענעם וועג. זיי זאלען ניט דארפען האבען צו טהאן מיט די צייטונגען, מיט די אבגעלעבטע רעדאקטערע, מיט די אונ־ערענסטע „קריטיקער". מען דארף געהן פאר זיך און אליין ארויס־געבען ביכער. ווייל די אידישע צייטונגען ענטוויקלען ניט קיין טאלאנטען, נאר אטראפירען זיי...

דער אומגליק פון דער אידישער ליטעראטור איז וואס שריי־בער קענען ניט לייכט אויסקומען אהן די צייטונגען. דערפאר ווייל ביי אונז זיינען די צייטונגען די איינציגע פיהרער פון אונזער גייסטיגען לעבען. און זיין פיהרען, פערשטעהט זיך אזוי, אז דאס בוך זאל פערנעהמען דעם קלענסטען ווינקעל; כדי עס זאל בלייַ־בען א סך פלאץ פאר זייער גייסטיגע ארעמקייט און ברייטע בי־ליגקייט...

וואס מען דארף זעהן איז, אז דאס בוך זאל קריגען מעהר לעזער. עס דארף ביי אונז צוריק א ו י פ ג ע נ ו מ מ ע ן ו ו ע ר ע ן ד י ה י י ל י ג ק י י ט פ ו ן ס פ ר. די לעזער דארפען קומען נעהענטער צום בוך. וועט דער שרייבער ווי־סען אז ער האט פאר וועמען צו שרייבען.

אבער דא האט ער זיך באלד צוריקגעכאפט און געזאגט:

איהר זאלט ניט מיינען, אז איך האלט אז מען דארף האבען נעהענטערע בעציהונגען מיט די לעזער, מיינט עס אז מען דארף

שרייבען פאר'ן לעזער. שרייבען שרייב איך פאר זיך. אויב עס זיינען פאראַן מענשען, וואָס זיינען פעראינטערעסירט אין מיין שרייבען, זאָלען זיי לעזען..."

ראבאי איז בטבע ניט קיין רעדעוודיגער. נאָר אז מען רעגט איהם אָן צו רעדען האָט ער גראָדע וואָס צו זאָגען. און האָט ניט קיין מורא צו בייטען אין געשפּרעך זיינע מיינונגען. ער האַלט דאָס פאר אזוי נאַטירליך ווי צו בייטען די לופט... ער רעדט פּראָסט, איינפאַך. איהר קענט מיט איהם רעדען וועגען די טיעפסטע ענינים ביז די סאַמע געוועהנליכקייטען פון פּערזענליכען לעבען. נאָר טהיילמאָל זאָגט ער אייך א ווערטעל, וואָס איהר וועט עס געדענקען אויף אייער גאַנץ לעבען...

אז מען זיצט מיט ראבאי'ן האָט ער ליעב צו דערצעהלען מעשות וועגען עפּעס אזוינע מאָדנע פוילע מענשען וואָס לעבען אַנ־דערש ווי אַלע. נאָר אַמיינסטען האָט ער ליעב צו רעדען וועגען פערד. ער האָט א סך צו דערצעהלען וועגען זיי. ער קען גוט זייער לעבען. ער האָט געפיהלט זייערע וועהטאָגען. איך האָב איהם איינ־מאָל געהערט דערצעהלען ווי ער האָט אויסגעהיילט א פערד פון א שווערע קראַנקהייט, ווען ער איז געווען אויפ'ן פאַרעם. ער זאָגט, אז חיות זיינען פיעל קליגער ווי מיר מיינען. זיי לעבען אויך טיעף איבער גרויסע ליידען. ער ווייסט דאָס פון ערפאַהרונג. ער האָט גע־לעבט נאָהענט צו זיי און געליטען מיט זיי. זיין ערצעהלונג „דיקס זעלבסטמאָרד", זאָגט ער, איז אן אמת'ע געשיכטע פון א פערד, וואָס האָט ניט געוואָלט מעהר שלעפּען דעם וואַגען. דער פאַרמער האָט איהם דערפאַר ניט געוואָלט מעהר אריינלאָזען אין שטאַל. איז ער אַוועק אין וואַלד און בעגאַנגען זעלבסטמאָרד...

ביי א געלעגענהייט דערצעהלט אייך ראבאי אזא מעשה:

די חיות זיינען אויפ'ן פעלד געזונטער. א פאַרעם קאַץ איז פיעל שטאַרקער ווי א שטאָדט קאַץ. ער האָט געהאַט א הונד, האָט ער געקענט אַוועקלייגען דעם גרעסטען הונד ווען ער איז געווען אויפ'ן פאַרעם. אז ער האָט איהם געבראַכט אין שטאָדט, איז דער הונד געוואָרען אזוי שוואַך, אז איינמאָל ווען ער איז מיט איהם געגאַנ־גען אין גאַס שפּאַצירען איז צו איהם צוגעגאַנגען א קליינער הונד און האָט איהם א ביס געגעבען. האָט ער דערפון פערלוירען זיין לעבען.

ראבאי רעדט מיט זעהר פיעל ליעבע וועגען די פרייקייט און שטילקייט פון דער אמעריקאנער פרעירי, וואו מען זעהט זעלטען מענשען. זיין בעסטער פערגעניגען פלעגט זיין יעדען פריהמארגען ארויסצורייטען אויף זיין אנגעזאטעלטער בראנקא איבער טהאל און בערג צונויפצוזאמלען די פערד.

און ווי שעהן ער האט זיין פרעירי שטימונג איבערגעגעבען אין זיין ראמאן „הער גאלדענבערג". מיט וואס פאר א קינדערשע פרייד דער פערד־יונג רעדט פון רייטען אויפ'ן פעלד:

„אט באלד, יונגע שעהנע דבורה, גיך וועלען מיר רייטען אין ווייטען פעלד אריין, איבער טהאל און בארג. וועלען מיר זיין אין טהאל, וואו די נאכט שוועבט נאך אום א צומישטע און פערשטוי־סענע".

און מיט וואס פאר א ליעבע ער מאהלט די פרעירי מיט די ווילדע פערד:

„איינגאנצען די פרעירי ווילדקייט האט זיך אין זיי אויפגע־כאפט, און א ווייסער שוים האט זיך בעוויזען אין זייערע מיי־לער און אויף זייערע גלאנציגע קערפערס.

זיי האבען זיך געטראגען אין א פארמע פון א מחנה ווילדע גענז, ווען זיי פליהען איבער פון איין ארט אין א צווייטען: — אט זיך צוזאמענגעצויגען און אט אין א געדיכטען רינג זיך צו־שפרייט".

4.

ווי אזוי שרייבט ראבאי?

לאמיר זעהן וואס פאר אן אינהאלט ער האט געבראכט אין זיין ראמאן און אין זיינע ערצעהלונגען.

הערר גאלדענבארג, א רוסישער איד קומט קיין אמעריקא און נעהמט א פארעם אין די דאקאטאס און בויט זיך דארט אויף אן אייגענע היים. אין הויז איז דא פון אלדאסגוטס, נאר ניט קיין קינדער. נעהמט גאלדענבארג ערציהען פערד און לאזט זיך אריין אין ערד־ארבייט, אבער ער פיהלט אז עפעס פעהלט איהם. ברענגט ער אין זיין הויז אריין זיין שוועסטערקינד. און אין הויז ווערט אביסעל היימליכער.

ארום הערר גאלדענבארג'ס פארעם וואוינען גויאישע שכנים און א זוהן פון איינעם א שכן געפעלט דאס אידישע מיידעל. ער פערליעבט זיך אין איהר אוןווארט אויף א געלעגענהייט איהר צו קריגען. און די געלעגענהייט קומט, ווען דבורה די מיידעל פאהרט ארויס אויפ'ן פעלד און פאלט ארונטער פון פערד. יאהאן ייטענדיג איבער'ן פעלד דערזעהט איהר, הויבט ער איהר אויף און ברענגט איהר אהיים. און פאר זיין העלדישקייט בעט ער איהר האנד.

יאהאן האט אבער א פערדאכט אז דבורה איז פערליעבט אין דעם פערד־יונג אייזיק, וואס ארבייט ביי גאלדענבארג'ן אויפ'ן פארעם. און זיין פערדאכט ווערט נאך שטארקער, ווען ער ברענגט דעם דאקטאר צו היילען דבורה'ס אויסגעלענקטען פוס. אריינקו־מענדיג אין הויז מיט'ן דאקטאר, דערזעהט ער, די שטוב איז פול מיט אייזיק'ן, און ער דערפיהלט פלוצלונג, אז ער איז דארט אן איבעריגער מענש...

פונדעסטוועגען פערלאזט ער דאס הויז מיט דער האפנונג, אז ער וועט נאך אייזיק'ן בייקומען.

אבער די ליעבע צווישען אייזיק'ן און דבורה געהט זיך איהר נאטירליכען געזונטען וועג. ווען אייזיק געהט ביינאכט ארויס אין שטאל ארייז היילען א פערד, געהט דבורה מיט איהם מיט צולייכטען מיט א ליכט... דאמאלט ערקלערט ער צום ערשטען מאל אויף א מאדנעם אופן זיין ליעבע צו איהר: אין דער פריה, ארבייטענדיג אין פעלד, האט ער פלוצלונג דערשמעקט דעם ריח פון איהר יונגען לייב.

פון יענעם אבענד אן האבען זיך זייערע הערצער און זייערע אויגען אנגעהויבען צו דערנעהענטערען און צו פערשטעהן. דבורה האט אנגעהויבען נאכצוקוקען אייזיק'ס אלע וועגען. עס איז איהר געפעלען געווארען דער מיסטעריעזער, געזונטער, פונדעסטוועגען אין זיך גריבלענדער פערד־יונג. זי האט שוין פון איהם ניט געוואלט אבטרעטען. אין דער פריה ווען אייזיק איז ארויסגעריטען צוזאמענצוזאמלען די פערד אויף דער פרעירי איז זי מיט איהם מיטגעריטען. און וואס אמאל האט זיך אנגעהויבען וועבען א שטארקערע נעץ ארום זייביידע, וועלכע יאהאן עלקענס האט ניט געקענט דורכברעכען.

הערר גאלדבארג האט זיך דא דערפיהלט צווישען צוויי שטראמען. פון איין זייט האט ער ליעב געהאט דעם שכן'ס זוהן יאהאן עלקענס, פון דער אנדערער זייט האט ער געזעהן, אז דבורה ציהט מעהרער צו אייזיק'ן ווי צו יאהאנען. איז געקומען יאהאן עלקינס פאטער און געלייזט דעם גאנצען פראבלעם.

ווען דער אלטער עלקינס האט זיך דערוואוסט, אז זיין זוהן איז פערליעבט אין דער אידישער מיידעל איז פארגעקומען א געשלעג צווישען טאטען און זוהן און דער פאטער האט געשריגען: „איך וועל ניט ארייגלאזען קיין אידישע בלוט אין מיינע דורות ארייז!"

איז פאר הערר גאלדבארג'ן געבליבען איין האפענונג, אז אייזיק און דבורה זאלעןביידע פערבלייבען אויפ'ן פארעם און איבערנעהמען אלעס וואס ער האט דא אויפגעבויט. אין זיי האט ער געזעהן א צוקונפט פאר זיין פיעל יעהריגער ארבייט.

אבער אייזיק, האט זיך ארויסגעוויזען, איז ניט אזא מענש ווי גאלדענבארג האט געמיינט. אייזיק איז אן אונרוהיגע נאטור, מיט פאנטאזיעס פון דער פערגאנגענהייט און טרוימען פון דער צו־

קונפט. ער איז איבערהויפט עפעס אזא מיסטישער וויזיאנער, פון וועמענס וויזיאָנען דבורה ווערט פער׳כשופ׳ט, און אז אייזיק בעל־שליסט אוועקצוגעהן, געהט זי מיט איהם מיט.

אָט דאָס איז דער לויפיגער אינהאלט פון דעם ראָמאַן הערר גאָלדענבארג.

וואָס פאר א נייקייט זעהען מיר אין ראבאי׳ס ערצעהלען?

איהר בעמערקט, אז ס׳איז כמעט ביי איהם ניטאָ קיינע צוגע־טראכטקייטען. אלעס פאסירט אזוי נאַטירליך, אונבעשטימט און דאָך אזוי נויטווענדיג פונקט ווי אין לעבען. און אויף אַן עהנליכען אופן ווי עס ווערט דערצעהלט אין דער ביבעל. זיינע מעשות זיינען געשריבען אויף אַן עהנליכען פשוט׳ען אופן ווי אין דער ביבעל. זיין ראָמאן „הערר גאלדענבארג״ לעזט זיך אזוי ווי רות. מען האָט נאָך ביי אונז אזעלכע מעשות ניט דערצעהלט. ביי איהם איז דאָ נייע סביבה, נייע כאראקטערע. און דאָס וואָס ביי אונז אידען איז גאַר ניי, איז ראבאי׳ס קענטנים פון דער ערד און פון איהרע שטומע בעשעפענישען.

ראבאי איז א נאַטור מענש. ער אידעאַליזירט ניט די נאַטור. ער פיהלט איהר מיט זיינע חושים. ער גיט איבער אין זיינע מעשות דעם ריח פון די בוימער און פון די גראזען, ניט ווי איינער וואָס האָט וועגען דעם געלעזען אין ביכער אָדער זיך פאָרגעשטעלט אין דער פאנטאזיע, נאָר ווי ער האָט דאָס געפיהלט מיט זיין נאָז. און מיר, אז מיר לעזען זיינע ערצעהלונגען, פיהלען טאקע דעם אמת׳ן אטהעם פון די פעלדער בעוואקסען מיט אלפאלפא און פון די פרייע פערד, וואָס לויפען אום אויף דער פרעירי.

און איז עס ניט מערקווירדיג? ער שרייבט דאכט זיך אַלץ איבער אזעלכע שווערע פשוט׳ע געגענשטענדען, דאָך לעזען מיר זיינע זאכען מיט טיעפען אינטערעס.

מען האָט מיר דערצעהלט, אז דער יונגער דיכטער זישא לאַנדוי האָט געהאט צוגעזאָגט א חבר׳שע טובה ראבאי׳ן צו העל־פען אין די קאָרעקטור פון „הערר גאָלדענבארג״. אין עטליכע טעג ארום האָט ער בעגעגענד ראבאי׳ן. און זיך געקלאָגט אז ער קען איהם די טובה ניט טהאָן.

„פאר וואָס?״ האָט איהם ראבאי געפרעגט.

זישא לאַנדוי האָט איהם געענטפערט:

„דער ראמאן איז זעהר אן אינטערעסאנטער, איך בין אזוי אריינגעצויגען געווארען אין דעם אינהאלט אז איך האב פערגעסען אז איך דארף קארעגירען".

איך קען נאך צולייגען מיין אייגענע ערפאהרונג, וואס איך האב געהאט לעזענדיג הערר גאלדענבארג. איך האב פון דארט געוואלט ארויסנעהמען א פאר ציטאטען פאר א געוויסע ארבייט. אין יעדעס מאל, ווען איך האב געעפענט דעם בוך, האב איך זיך פערלעזען ביז צום סוף און ניט געקענט ארויסנעהמען קיין ציטא־טען. ווייל מיר האט זיך געוואלט ציטירען דעם גאנצען ראמאן.

מען קען זאגען, אז ראבאי איז דער ערשטער, וואס האט אונז געגעבען א ראמאן וואס לעזט זיך לייכט און אינטערעסאנט פון די ערשטע ביז די לעצטע שורה.

ראבאי האט אויך געשריבען פיעלע קליינע ערצעהלונגען, וועלכע האבען זעהר אן אריגינעלען אינהאלט, אבער מען וועט ערשט קענען אבשעצען זייער ווערטה, ווען זיי וועלען זארגפעלטיג בעאר־ביים ווערען. נעהמט למשל די ערצעהלונג פונ׳ם אידען. ר. אברהם, וועמעס „פנים, אויגען און א יעדע בעוועגונג איז הארט, ווי פון קופער אויסגעשמידט. און ווי דער ים אין א נעבעלדיגען שווערען טאג רוהט זיין נשמה".

די אידעע, אדער ריכטיגער די זעהונג וועגען גאט׳ס הויז, וואס ווערט, אדער דארף אויפגעבויט ווערען אין דער גרויסער שטאדט ניו יארק, איז כמעט א גרויסע נביאה. די זעהונג געהט אבער כמעט ווי פערלוירען אין דער הארטער אונבעוועגליכקייט פון דעם מאניר, פון דעם סטיל אין וועלכען די זאך איז געשריבען. שטרענגט מען זיך אבער אן, זעהט מען וואס פאר א וואונדערבאר שיינענדיגע זאך דאס איז!

דערפאר זיינען אבער ביי איהם אויך פארהאן אזעלכע ער־צעהלונגען ווי „סאלאמאן", „דאס דונקעלע צימער" אדער „איינ־מאל ווען דער זונענשטראהל" וועלכע לעזען זיך לייכט און זיינען גראציעז און שעהן.

5.

מיט וואס פאר א וועגן פיהרט אונז ראבאי צו צו זיינע העלדען?

ראבאי איז געווען איינער פון די ערשטע, וואס האט אנגעהויבען זוכען נייע וועגען; גענומען מאכען עקספערימענטען. ער האט אויף א זעהר געוואגטען אופן אויפגעשריבען „די רויטע בלום" אין דעם זאמעלבוך „די יוגענד". דאן איז געקומען מאני לייב, איגנאטאוו, זישא לאנדוי און שפעטער איז צוגעקומען איינלאנד און אנדערע און פון זיי איז ארויסגעקומען דאס נייע אין דער אמעריקאנער אידישער ליטעראטור. אבער מען דארף ניט מיינען, אז די אלע יונגע שריפטשטעלער שטעלען מיט זיך פאר א שוהלע. אלעם וואס זיי פערבינדט איז דער שטרעבען צום שעהנעם און נייעם ווארט. עהנליך זיינען אלע יונגע אין דעם, וואס זיי פערטיפען זיך אין זיך. דאס וואס זיי שרייבען איז א תפלה פון זייער אייגענעם איך. אויך ראבאי'ס ערצעהלונגען זיינען כמעט אלע אויטאביאגראפיש.

ראבאי האט אריינגעפיהרט א נייע טעכניק אין דער ערצעהלונג. ער שילדערט זיינע מענשען אונדירעקט. ער ווייזט זיי אייך פון דער ווייטענס. פון דער ווייטענס זיינען זיי מעהר אנציהענד, מען זעהט זיי דורך דער פארשטעלונג. זיינע מענשען האבען ניט קיין כאראקטעריסטישע פנים'ער, קיין בארד אדער וואנצען. ער גיט איבערהויפט ניט קיין אויסערליכע סמנים פון א העלד. נאר ער מאהלט איהם אזוי אז דער מענש ווערט פאר אייך לעבעדיג, כאטש איהר ווייסט ניט ווי אזוי... ער דערצעהלט איבערהויפט ניט קיין מעשות ווי אנדערע שרייבער. ער מאהלט בלויז א מענשען, א פערד, אדער א קאץ און אונדירעקט שווימט ארויס א מעשה פון דער זייט.

עס איז אויך כאראקטעריסטיש פאר ראבאי'ן וואס ער הויבט

קיינמאָל ניט אַז פון דעם וואָס ער וויל דערצעהלען, תמיד ווערט מען ביי איהם פערנאַרט. ער הויבט דאַכט זיך אַן מאָהלען ווי עד־ ווארד געהט אַרוים זוכען זיינע אָקסלאָך און עס לאָזט זיך גאָר אויס, אַז ער געפינט פאַר זיך אַ ווייב.

אַז מען קוקט זיך גוט צו זעהט מען ביי איהם אַ מאָדנעם גע־ בוי. זיינע קאַפּיטלאָך פלעכטען זיך און שלענגלען זיך איינער אין צווייטען אַריין אונבעמערקטערהייט.

ער האָט אויך אַ מאָדנעם אייגענעם סטיל. זיין סטיל איז אַ געדרעהטער. ער דרעהט זיך ביי איהם ווי אַן עגבער. ער הויבט זיך אָן דין, נאָך דעם גרעבער אין אַלץ ברייטערע און ברייטערע רינגע־ לאַך, ביז עס דרעהט זיך אַרוים אַ גאַנצע מעשה. און אַלעס איז ביי איהם אַזוי איינפאַך. ניטאָ קיין שעהנע גרויסע פראַזען. די וויכ־ טיגסטע געדאַנקען ווערען ביי איהם אויסגעדריקט ווי מיט אַ קינ־ דערשע שפּראַך.

ביי ראַבאַי׳ן איז אָבער דאָ טאַן אין דער שפּראַך. אַ וואַרעמער, ליעבער טאָן. ער האָט אַ טיעף מענשליכע בעציהונג צו אַלעס, וואָס ער שרייבט. מען פיהלט אַ וואַרעמען אָטהעם אין זיין יעדען וואָרט. ביי איהם איז דאָ ליעבע צו אַלעס, און ליעבע ביי אַ שריי־ בער איז אַ גרויסע זאַך.

אַ קינסטלער מעג האָבען אַ שעהנע פאַנטאַזיע, אַ שטאַרקען ווילען; ער קען מאָהלען ריעזיגע בילדער, דערצעהלען די אינטע־ רעסאַנטסטע מעשות אָדער אויסזינגען די הערליכסטע ליעדער; אויב עס שיינט ניט קיין ליעבע אויף אַלעס וואָס ער שאַפט, איז עס טויט...

ביי ראַבאַי׳ן איז אָבער ניט בלויז דאָ ליעבע צו מענשען, נאָר צו אַלע שטומע בעשעפענישען.

קיינער האָט נאָך ביי אונז אַזוי וועגען חיות געשריבען און מיט אַזאַ נאַטירליכער זיכערקייט ווי ער. נעהמט למשל „טאָם“. די אַלטע קאַץ וואָס איז איבערגעבליבען אין אַ פערלאָזטען הויז, מיט וואָס פאַר אַ רוהיגקייט און סימפּאַטיע ער דערצעהלט די איבער־ לעבונגען פון אַ פערעלטערטע קאַץ וואָס ליגט פויל אויפ׳ן בוידעם און ווייסט שוין אויף אויסענווענינג וועלכע שעה אין טאָג די זון וועט אַריינשיינען דורך דעם אָדער יענעם שפּאַלט פון דאַך. און אַזוי

פאמעליך אינסטינקטיוו גערט זי איבער פון איין זונענפלעק צום צווייטן.

און ווען די אלטע קאץ כאפט א מויז, אדער ווען זי דערפיהלט אן ענדערונג אין די פערלאזטע צימערען, אדער אפילו ווי זי דער־שמעקט דעם פאר איהר מיסטעריעזען פרעמדען וואס צינד אונטער דאס הויז און דער גרויזאמער אופן ווי זי ווערט פערברענט. דאס אלעם איז געשילדערט אזוי אז איהר דערפיהלט אזוי קלאר די נשמה פון אן אלטער קאץ, וואס נאר א דיכטער מיט אזא פרימיטי־ווען אינסטינקט ווי ראבאי קען פאר אונז אויפדעקען. אפילו דער סטיל פון דער דאזיגער ערצעהלונג האט דאכט זיך דעם בעזונדערען כח מיט וועלכען עס קאן דערצעהלט ווערען דאס לעבען פון אן אלטער קאץ אויף א פערלאזטער פארעם. און אזוי אויך די דערצעה־לונג פון דער קאץ מיט'ן אבגעהאקטען עק וואס בעגעהט זעלבסט־מארד. אט שוין דער פאקט, וואס ראבאי קען זיך אויף אזא אופן אריינטהאן אין די איבערלעבונגען פון א קאץ אדער א פערד, בע־וויזט ראבאי'ס בעזונדערע אינטואיציע. מיט וואס פאר א פשוט'ער זיכערקייט ראבאי דערצעהלט ווי אזוי א פערד טראכט:

דער פערד, „דיק איז א פערצווייפעלטער נאכאמאל צוגעקור־מען צום טויער. זיך אוועקגעשטעלט און געקוקט צום ליכט, וואס האט פון א פענסטער פון זיין באלאבאס הויז דורכגעבויערט די פינסטערע נאכט. ער האט שוין ניט געקענט הירזשען, זיינע צייהנער האבען זיך צוזאמענגעדריקט, ער האט געטראכט: געאר־בייט אזוי פיעל יאהרען און עס האט ניט ווער צו עפענען דעם טויער פאר מיר...

ווי עס וואלט גאר קיין צווייפעל ניט געווען אז א פערד טראכט.

עפעס אוראלטעס איז אויך דא אין דעם אופן ווי אזוי זיינע העלדען דערפיהלען ליידענשאפט און ליעבע. זיינע מענשען ער־קלעהרען זיך ניט אין ליעבע. אייזיק, דער פערד־יונג ד ע ר־ש מ ע ק ט דבורה'ס ליעבע און די מאכלים, וועלכע „שמעקען מיט א געהיימע ריח, וועלכען דבורה האט אין צייט פון קאכען פאר איהם אליין דארט פערבעהאלטען."

און געהט צום ברונעם וואסער טרינקען, דערפיהלט ער דעם הויך פון איהרע ליפען אויף דעם זוים פון וואסער־טעפעל. ערשט

ניט לאנג איז דא דבורה געווען און פון דעם זעלבן טעפעל וואַ־
סער געטרונקען...

און אנדער שרייבער וואלט געזאגט: דער פערד־יונג האט איהר געוואלט א גלעט געבען איבער איהרע האר. ראבאי אבער זאגט:

„עס פערשמעקען איהם איהרע ווייכע האר."

שמעקענדע ליעבע געפינט איהר נאר ביי די אלטע העברע־ער אין שיר השירים.

ווי פיעל ליעבע ראבאי'ס מענשען האבען דאס צו דער ערד!

„דעם ערשטען טאג וואס הערר גאלדענבארג האט זיין פרוי אין דער ווייטער וועסט ארונטערגעבראכט, האט ער זי ארומגעפיהרט איבער די פלאכעס און בערגלאך און בערג און טהאלען פון זייער נייער היים.

און לאנג זיינען זיי געשטאנען ביים פעלד פון בולבעס. רחל האט זיך ניט געקענט אברייסען פון דער זויבערקייט וואס איז געווען צושפרייט איבער די רייהען מיט הויכע און ברייט צוואַק־סענע שטאמען פון די דונקעל־גרינע בולבע־פלאנצען. און די ערד איז וואס אמאל פעטער געווארען און וואס א יאהר בעסערע גראַ־זען ארויסגעגעבען.

„עס איז געלעגען גאט'ס ברכה אין דעם היי און אזוי אויך אין דעם פעלד פון בולבעס. פון יעדער רייהע בולבעס האבען זיי ארויסגעגראבען צעהן זעקלאך."

די ערד איז פרוכטבאר ווען מען קען איהר גוט בעארבייטען

„פון א ווייץ אין דער ערד קומט ארויס א זאנג מיט פינף און פער־ציג קערענדלאך..."

ראבאי'ס איד ווייס ווי אזוי צו בעפרוכטען די ערד.

אבער ניט קוקענדיג אויף דעם אידענס פעהיגקייטען קוקען די גויים אויף איהם פון דער זייט.

ראבאי האט מיר אמאל דערצעהלט, אז ווען ער פלעגט פאה־רען מיט א וואגען היי, אדער אקערען דאס פעלד האבען די גויים איהם נאכשפיאנירט יעדען ריהר און קעהר מיט שפאטישע בייזע אויגען. כאטש ער האט געקענט די פעלד ארבייט בעסער פאר זיי, האבען זיי דאך אויף איהם געקוקט ווי אויף א בייז וואונדער. און זייערע אויגען איז געווען: דער איד וועט באלד איבערקעהרען דעם

וואגנו, אט טרייבט ער די פערד אראב פון וועג." זיי האבן נאר געזוכט א געלעגנהייט פון וואס צו לאכן.

ס'איז אויך כאראקטעריסטיש ווי אזוי ראבאי מאָהלט די בעציהונגען צווישען איד און גוי. זיינע גויים ווייזען ניט ארויס קיין בייזקייט דוקא ווען זיי זיינען ווילד אויפגערעגט, נאר גראד ווען זיי זיינען מיט א רוהיג געמיטה, זיינען זיי פערביסען.

אז מען ברענגט ארויס דעם אידענ'ס פערד אויף אינספעק־ציאן „ציהען אלע אן זייערע אויגען און איינער רעדט ארויס :

„דאס בלוט פון יעזוס האט דער איד אין זיין פערד אריינ־געגאסען ווי עס שיינט!...."

אט דאס הייסט אידענפיינדשאפט. צוקומען העלפען דרע־שען דעם אידענ'ס ווייץ, זאגט דער שכן עלקינס אז ער וועט זיין דער ערשטער פון איטליכען; און ער קומט טאקע פריהער, מיט צוויי פערד אין דעם לייטערנעם וואגען איינגעשפאנט — נאר דער אייגענער גוי פערקויפט אויך זיין פארעם, כדי ניט דארפען זיין קיין שכן פון אידען...

דערפאר וויל אייזיק בויען אן אייגענע היים, וואס זאל זיין אן אנהויב פאר'ן גאנצען אידישען פאלק. ער ווייס אזוי לאנג מען האט ניט קיין אייגענעם ישוב קען מען ניט פיהרען קיין אמת'ן פרייען לעבען. מען בלייבט „א פרעמדער צווישען פרעמדע..." און אייזיק זאגט :

„איך בין שוין געווען א פרעמדער אין דער גאנצער וועלט און איך וויל שוין מעהר קיין פרעמדער ניט זיין." ווייל אלע רייכטימער זיינען אין דער פרעמד בלויז א פאטא מארגאנא זיי קענען לאנג קיין קיום ניט האבען. אפילו די צייט וואס מען האט זיי קען מען אויך ניט נעהמען דעם זאפט פון דער ערד און האבען רוה. מען קען ניט ארויסווייזען דעם אייגענעם איך. מען ווערט לייכט מיסגעזעהן און מיסגעפיהלט. לעבען קען מען נאר צווישען אייגענע. צווישען פרעמדע: בלויז ארבייטען , יאגען; און אז מען רוהט זיך אב דערפיהלט מען באלד די פראסט פון דער פרעמדער סביבה און עס קלינגט אלעמאל די שטימע אין די אוי־ערען ווי ביי פרוי גאלדענבארג :

„וואו האסטו זיך פערקליבען אין אזא ווייטען לאנד... צווישען פרעמדע?

●

אז מען פערטיעפט זיך אין ראבאי'ס ערצעהלונגען, זעהט מען אז עפעס אן אונבעשטימטער מזל הענגט איבער אלע זיינע העלדען. אז די קאץ „טאם" האט זיך איינגענורעט אין די שטרוי און זיך צו־גויפגעוויקעלט אין א קנויל," האט זי זיך ניט געריכט אז עמיצער וועט אונטערצינדען דעם שטאל און זי וועט זיין צווישען די פלא־מען. אז „דער איינברעכער" איז געגאנגען צו דער פרעמדער פרוי האט ער זיך אויך ניט געריכט, אז מען וועט איהם זעהן און ער וועט שוין מעהר ניט אהיים קומען א לעבעדיגער.

דער צופאל איז ביי ראבאי'ן אן אקטיווער העלד, נאר אן אונזיכטבארער. אלע זיינע מענשען ווערען אויף א פערבארגע־נעם אופן געפיהרט פון איהם. כאטש זיי זיינען אזעלכע עקשנים, אבער אנטקעגען צופאל זיינען זיי מאכטלאז...

די אונפערמיידליכקייט פון מזל וועהט איהם אן מיט טיעפע מעלאנכאליע. א שטילער, נידעריגער טאן געהט דורך, ווי א באס אין א סימפאניע, אין אלע זיינע שריפטען.

ניט קוקענדיג אויף אלע זיינע העלע פערקליידונגען פיהלט מען אז ביי ראבאי'ן איז ניטא גלאט קיין מעשות, נאר קאפיטלאך פון דעם לעבען פון א נשמה... און מען פיהלט אז די נשמה האט דורכגעמאכט עפעס אזוינס וואס האט איהר געמאכט זעהן דאס וואס אנדערע זעהען ניט...

דערפאר אזא מאדנער אומעט און אזא איינענארטיגער ליריזם, ווי זיינע מענשען וואלטען זיך פרעגען אין דער שטילער איינזאמקייט: ווער זיינען מיר דא? וועלכער גאט אדער טייוועל האט אונז דא צונויפגעבראכט?

מיר קוקען זיך אן איינע די אנדערע און מיר פערשטעהן זיך נישט... מיר רעדען און הערען און קיינער ווייסט ניט דעם צווייטענס אמת'ע פערלאנגען... נאך מעהר, מיר ווייסען אליין ניט גענוי וואס מיר ווילען — דאך ווילען מיר אזוי פיעל... נאר וואס העלפט עס? אז איין ווילען איז געגען דעם צווייטען... בלייבט מען צוריסען... מיר פערגעסען אלע צוליעב וואס מיר לעבען... ווייל: „מיר זיינען דא אלע פרעמדע טייוואלים... די ארבייט צוטהיילט מען צווישען זיך, מען העלפט זיך איינער דעם צווייטען מיט געלד. און ווייטער קען מען שוין נישט געהן, יעדער טייוועל האט זיך זיי־

נע געגנגלאָך... זיי פרעגען פאַר וואָס זאָל דאָס אַזוי זיין? צוליעב וועמען?

וואָס וועלען מיר האָבען דערפון?

ס'איז אָבער ניטאָ קיין ענטפער...

וואָס העלפט גאָלדענבערג'ן זיין רוהם, דער כבוד וואָס מען גיט איהם, אַז ער פיהלט זיך איינזאַם און הילפלאָז?

און די זעלבע געדאַנקען וועבען זיך ביי זיין פרוי.

„אַז זי קוקט אַרוים דורכ'ן פענסטער וועו עס שנייט אויף דער פרעירע, דאַכט זיך איהר אַז קיינער איז נישטאָ אויף דער וועלט אַ חוץ זי און נאָך עפּעס אַן אַלטע ווייס-גרויע פרוי, וואָס זיצט ערגיץ און ציהט אוים ווייסענקע, פלאַקסענע פעדעמלאַך אויף דעם שפּינער...

געלד איז אפילו דאָ, ברויט פאַר זיך און היי פאַר די בהמות אויך גענוג — נאָר איינער אַליין אָבגעשניטען פון אַ גאַנצער וועלט. קיין קינדער איז ניטאָ, האָט מען די קוה אַריינגענו־מען אין הויז אַריין, האָט מען בייגאַכט פערבראַכט מיט דער בהמה..."

* *
*

איינער פון די כאַראַקטער שטריכען פון ראַבאַי איז אויך די עקשנות. די עקשנות פיהלט זיך ניט נאָר אין זיין גערדרעהטען סטיל נאָר אויך אינ'ם כאַראַקטער פון די העלדען. זיינע מענשען ווייזען אַרוים אַזאַ פרימיטיווען כח, אַזאַ איינגעשפּאַרטקייט.

אַז הערר גאָלדענבערג איז מיט צוואַנציג יאָהר צוריק מיט ליידיגע הענד געקומען אין דער ווייטער וועסט, האָט ער אין די דאַקאָטאַס זיך אויסגעקליבען אַ „האָומסטעד" וואָס איז בעשטאַנען פון הונדערט און זעכציג אַקער לאַנד, אויף וועלכער קיין מענש האָט נאָך ניט פון אוראַלטער יאָהרען זיין פוס געשטעלט.

און ער האָט דאָס ווילדע לאַנד בעאַרבייט מיט אַזאַ עקשנות און אַזוי שעהן, אַז זיין פאַרם איז מיט דער צייט געוואָרען דער שעהנסטער אין יענעם געגענד.

די זעלבע עקשנות זעהען מיר אויך ביי אייזיק'ן. אַז אייזיק האָט בעשלאָסען צו פאָהרען קיין פּאַלעסטינאַ, זאָגט ער אַז „קיין זאַך וועט מיך ניט מאַכען צו ענדערען מיין בעשלוס".

ביי איינעם פון זיינע העלדען ווערט עקשנות צו א גאנצער וועלטאנשויאונג:

„באטש, עדווארד שמעקט קיינמאל ניט אריין אין גאט'ס הויז און די שכנים האלטען איהם פאר ניט קיין גלויביגען, פונדעסטוועגען האט ער זיך זיין אייגענע קבלה:

„אז עס איז געוועזען עמיצער, וואס האט געמאכט די ערד און הימעל, בערג און טהאלען, וועלדער און טייכען, און יענער עמיצער האט געמוזט זיין איין איינגעשפארטער בחור, ווי זיין פאטער איז געוועזען איין איינגעשפארטער, און געמאכט שטיינערנע צוימען ביים לבנה שיין, געמאכט די צוימען און זיי איבערגעלאזען אז מען זאל זיי זעהן און געדענקען, אז ער איז דא אמאל געוועזען".

און אויך די חיות זיינען ביי ראבאי'ן אזעלכע פערביסענע עקשנים. אז „דיק" האט א טראכט געטהון, ער זאל זיך אוועקשטעלען, איינגראבען זיינע פאדערשטע פיס אין דער ווייבער ערד און ניט געהן," האט שוין ניט געהאלפען דעם באלעבאס שלאגען, ער האט זיך געשטעלט אויף זיינע פאדערשטע פיס און צובראכען דעם וואגען.

אויך די קאץ אהן אן עק ווייזט ארוים א שרעקליכע פערביסענקייט. דאס ווייסע קעצעלע „קידי" — אנטלויפט פון איהם דערפאר וואס ער האט קיין עק ניט. דערפאר בענעהט ער זעלבסטמארד אויף אזא עקשנות'דיגען אופן. ער געהט אריין אין א לאך וואס איז א נעסט פון זיינע פיינד, די וואלד מייז (וואודטשאקעס) און שלאפט איין מיט א געבעט:

„זאלען מיינע פיינד צוברעכען זייערע צייהן און טהאן מיט מיר וואס זיי ווילען!"

.5

ראבאי איז ניט דער גלות־איד פון די גרויסע שטעדט. איהם ווארעמען נאך די בלוטען פון די אמאליגע געזונדע אידען וואס האבען געלעבט מיט דער פרייער נאטור. ער האט געהאט דעם כח זיך אין גאנצען צו בעפרייען פון די גלות־טראדיציעס און אנ־הויבען אויף דאס ניי. ער איז אוועק פון דער הפקר־גאס. ער האט געזעהן אז אין דעם אידישען לעבען פון די גרויסע שטעדט איז דא צופיעל גרויקייט און וואכעדיגקייט איז ער אוועק אויף דעם פרייען פעלד צו זינגען די שעהנקייט פון דער פרעירי.

אויף דער פרעירי האט ער געפונען א געזונדען פונדאמענט אונטער זיינע פיס. און שטעהענדיג פעסט אויף דער ערד האט ער געקענט געבען א שפרונג אין דער הויך...

זיינע העלדען האבען א פערגאנגענהייט און שטרעבען אויך צו א צוקונפט. וואס די צוקונפט זייערע וועט זיין איז ניט קלאר. אבער מענשען ווי הערר גאלדענבארג און אייזיק וועלכע האבען אייזערנע ווילענס, וועלען צו עפעס דערגעהן...

ראבאי האט אין זיך א בויענדע עקשנות און אזוי אויך זיינע מענשען. הערר גאלדענבארג טהוט אלץ ווי פאר דער אייביגקייט:

„אז עס האט זיך אין די ברויטען דא און דארט א ווילדע קווייט בעוויזען, פלעג זיך זיין פנים פערוואלקענען מיט אן ערנסט. און ער פלעג ארויסגעהן אין פעלד אריין, זי אויך מיטרופען, און מיט די בלויזע הענד האט מען די קווייטען פון דער ערד, יונג־ערהייט, ארויסגעפליקט. זיי זאלען ניט דערלעבען, די ווילדע קריי־טיכער, צו בלומענצייט... האט מען געלאכט:

—דער איד טרעט אויף זיינע ברויטען.

גאלדענבארג האט זיינס געעקשנ׳ט:

—איך וועל פערטרעטען הונדערט ברויט־זאנגען, אבער מי־ליאנען קרייטיכער און דערנער וועל איך אומברענגען...

ראבאי'ם איד טהוט אויף אלץ מיט זיכערקייט, מיט א סדר. אז גאלדענבארג האט פערזועצט בולבעס האט ער עס געטהון „מיט גרויס כונה און פלייסיג די צושניטענע שטיקער זריעה געלעגט מיט דער שאלאבץ ארויף."

גאלדענבארג האט אויף א נעפיחל פאר סימעטריע, פאר שעהנ־קייט:

„אז גאלדענבארג האט א פעלד מיט זומער־ווייץ פערזועט, א צווייטען מיט האבער און א דריטען מיט פלאקס, און אז עס האט אנגעהויבען ארויסצוקומען פון דער ערד, פלעגען מענשען קומען קוקען אויף גאט'ס וואונדער.

פיערעקעכדיגע פעלדער און גלייכע שורה'לאך, ווי מיט א ווירע אויסגעמאסטען, און די שפראצונגען איינע נאך די אנדערע ווי מיט דער געניטער האנד אויסגעזעצט.

ווי מיר זעהן האבען ראבאי'ם מענשען א פונדאמענט. זיי טראכטען אלע פון א תכלית. זיי טהוען אלץ מיט אזא פלייסיג־קייט. זיי ווילען אז אלץ וואס זיי בויען זאל בלייבען פאר די קו־מענדע דורות.

קלאפט גאלדענבארג אריין א טשוואק איז דאס פאר קינדסקינד־ער! — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ראבאי זאגט אונז אז עס מוז און עס וועט אייביג א אידישער דור פערבלייבען. מען מעג וואהנען אין פערשיעדענע לענדער, ביי־טען פערשיעדענע קולטורען, אידען וועלען מיר פערבלייבען. עס אין אונז דא אזא אוראלטער עקשנות'דיגער ווילען וואס וועט אונז אימער אבזונדערען פון אנדערע פעלקער און מאכען פיהרען אן אייגענעם לעבען.

אט דער אוראלטער ווילען איז דאס געקומען צו אייזיק'ן און געשטאלט פון זיין פאטער און געזאגט:

„—... עס זאל מיין דור ניט אפגעמעקט ווערען!... געה אוועק אין אן אנדער לאנד און הויב אן צו בויען, פון דאס ניי!... בוי אויף א היים, און אז דיין ווייב וועט דיר געבוירען א קינד, זאלסטו ביי זיין וויגעלע איהם פון דעם אלעמען דערצעהלען..."

מאני לייב

די נאַכט וועט אומגעהן בלינדערהייט
מיט בלינדע פינגער טאַפּענדיג
אין גאַסען אויסגעלאָשענע,
מיט בלינדע פינגער קלאפּענדיג.
אין פענסטער צוגעשלאָסענע,
זי וועט זיך זעצען ביי אַ פּלויט
די שווארצע האָר צושויבערען
אויף עמיצען צו לויערען
און עמיצען פארצויבערען
און עמיצען באַדויערען.
מאני לייב.

אבענד. ווארעמלעך. עס שנייט. די גאס איז פול מיט מענשען. דער שניי פאלט אויף זיי און אויף דעם ברוק. נאר די מענשען ארט עס ניט. מען געהט און מען געהט. פון מיטען דעם גרויסען שטראם שלייכט זיך ארויס א הויכע שלאנקע געשטאלט. די געשטאלט בעוועגט זיך לאנגזאם. טוליעט זיך אין מאנטעל, דער קאלנער איז אויפגעשטעלט און זיין קאפ איז לייכט איינגעבויגען.

ווער איז דאס אט די בעקאנטע געשטאלט ? —

די געשטאלט בעוועגט זיך לייכט און געהט ווייטער. ער געהט פערביי א העל בעלויכטענע קאפע. שטעלט זיך אב אויף דער שוועל, טהוט א קוק אריין און שפאנט ווייטער.

מאני לייב !

דער אייביג אומרוהיגער אין די גאסען אומבלאנקענדער מאני לייב, וואס האלט אין איין זוכען...

מיר זיינען שוין בעקאנט פון פריהער. זיכער דאס איז ער — אט דער הויכער שלאנקער דיכטער מיט זיין כאראקטעריסטיש געזיכט, און די גרויע ארויסשטראהלענדיגע אויגען, וואס ציהט אזוי צו זיך מיט זיין אייגענארטיגען חן.

איך געה איהם אנטקעגען. ער דערזעהט מיך :

— א, וואס מאכט איהר ?

— וואס זאל איך מאכען ? — פרעג איך צוריק — און איהר ?

— אזוי, כ'וויים, אט גאר נישט. וואו געהט איהר ?

— וואו זאל איך געהן ? וואו געהט איהר אזוי אליין ?

— איך וויים ניט. כ'געה — וויים אליין ניט וואו צו געהן. אומעטיג היינט, ניטא וואו זיך אהינצוטהאן.

מיר שטעהען אזוי א ווײלע און קוקען זיך אן. מיט אמאל גיט ער זיך א כאפ :

— קומט, איהר געהט ? צו יענער קאפע...

ער טוליעט זיך מעהר איין אין זיין דונקעלען מאנטעל און מיר געהען ביידע. צוקומענדיג צום אנדערען קאפע, געהט ער ארונ־טער די פאר טרעפלאך און קוקט אריין:

— וו־וו! קיינער ניטא! קומט אין דער אלטער קאפע.

מיר געהען אין גאס. מענשען פון אלע זייטען. דער שניי אי־בער אלע. אויבען און אונטען הערט זיך דאס קלאפען פון די אייזער־נע שלאנגען וואס ציהען זיך צווישען מויערען. טראמוויען שניידען דורך די גאסען מיט א גליטשיגען גערויש. אטאמאבילען יאגען זיך ווי שדים און שרעקען די פערבייגעהער מיט זייער טרובען. מיר געהען און רייבען זיך צווישען די לאנגע שטראמען מענשען וואס ציהען זיך ווי שווארץ פערוויסטע טייכען אהין און צוריק. פער־שנייטע פרויען בעווענען זיך פאר אונזערע אויגען אויסגעפוצט אין ווייסען פוטער־ווארג.

איך גיב א קוק, מאני ליב קנייטשט זיך און שעפטשעט:

— אה, אלץ איז דאך אזוי וואונדערליך!

באלד נעהמט זיין פנים אן א צערטליכען אויסזעהן. ער שליסט צו די ליפען און עפענט זיי באלד אויף זאגענדיג:

— נו, וואס וועט זיין? עס פעהלט עפעס — א צימער, שטי־לע ליכט, וויכע דילען? הא? ניין, אויך ניט דאס...״

ער האט גענומען געהן שנעלער. א דינער שמייכעל האט זיך בעוויזען אויף זיין ציטעריג געזיכט. ער האט געשוויגען. איך האב געוואלט איבעררייסען זיין שווייגען און עפעס געפרעגט. נאר די געשרייען פון דער גאס האבען פערהילכט מיין פראגע — מיר איז דערווייל איינגעפאלען עפעס אנדערש צו פרעגען:

— איהר פאהרט קיינמאל ניט אוועק פון ניו יארק?

— ניין, איך וועל שוין דא פערבלייבען. נויארק האט מיך שוין צופיעל ארייגעכאפט. דער ווירבעל וועט מיך שוין דא איינ־שלינגען.

ער איז א ווייליע שטיל געבליבען און געקוקט אויף מיר. פרעג איך איהם:

— פארוואס זאלט איהר ניט אוועקפאהרען?

— וואוהין זאל איך פאהרען?

ער האט איינגעהאלטען זיין פראגע מיט א לאנגע פאוזע און

אויפהויבענדיג זיין קאָפּ העכער, ווי זיך אויסצוגלייכען, האָט ער געזאָגט:

— ווייסט איהר? נאָך אַלעם האָב איך ליעב ניו יאָרק. די שטאָדט מיט אַזוי פיעל פענסטער... ווייסט איהר, אַ פענסטער איז דאָך אַזוי געהיימניספול... איך האָב זעהר ליעב צו קוקען אין פערמאַכטע פענסטער, וואו עס ברענען ליכט. אין וועלכע שטאָדט איז נאָך אַזוי פיעל לויכטענדע פענסטער?

— איהר קענט זיי אָבער בלויז זעהן פון דער ווייטענס....

דאָס איז נאָך בעסער. פון דער ווייט קען מען זיך פאָרשטעלען, אַז הינטער די פענסטער קומען פאָר אַזעלכע הייליגע זאַכען... ווען דו געהסט צו נאָהענט איז דאָס גאָר נישט. אַז איהר געהט צו נאָהענט צו אַ בילד פון אַ מאָהלער זעהט איהר מעהר ווי פלעקען פון פאַרב? מען דאַרף אַלץ אין דער וועלט בעטראַכטען ווי אַ בילד און בעוואונדערען פון דער ווייטען.... זאַכען פון דער ווייט זיינען אונענדליך.

— אויב אַזוי וואָלט איהר בעדאַרפען וואוינען ביים ים. ווייל דער ים האָט ווייטקייט און מעהר פון אַלץ דערמאָנט אין דער אונענדליכקייט... פאָהרט איהר אַמאָל צום ים?..

— ים? יאָ, איך בין דאָרט געווען, האָט מען מיר געגעבען אַ צימער מיט די פענסטער אַנטקעגען ים. פאַרנאַכטליך. פון דער זייט האָט אַריינגעשיינט די זון אַ גרויסע אַ הייסע. איך האָב געפיהלט אַזאַ ליעבליכע וואַרעמקייט פון איהר. בין געווען אַזוי מיעד. אויסגעמאַטערט פון שטאָדט, פון דער שווערער פאַבריק. די הענד זיינען געווען שוואַרץ און אַזוי שוואַך. כ'האָב זיך געפיהלט אַ בעליידיגטער אַנקעגען דער אונטערגעהענדער זון, אַז איך בין אַזאַ קליינינקער, פערלאָזענער.

— צו מיעד פאַר דער נאַטור...

— צו לאַנג שוין געווען אין שטאָדט ...

— אַי, — זאָג איך, — ווען איהר וואָלט אָבער געהאַט אַ הויז ביים ים, מיט אַ שעהנעם גאָרטען אַרום, וואָלט איהר אַנדערש געפיהלט און אויך אַנדערש. —

ער האָט געגעבען אַ לייכטען שמייכעל.

— געהט שוין, געהט, איך דאַרף נישט די פּרימיטיווע נאַטור פאַר אינספּעראַציע. ס'איז אמת, אַז די נאַטור איז אין שטאָדט איינ־

גאנצען צוּאקערט. פונדעסטוועגען האָט דאָס לעבען דאָ אין שטאָדט — פאַר מיר — געווען פּאָעזיע. מען דאַרף נאָר האָבען אַ קינסטלע־רישע פאַנטאַזיע צו זעהן. איך דאַרף נישט די ים'ען, בערג מיט די בוימער און בלומען, פאַר מיר איז דאָס לעבען ארום מיר פול פּאָ־עזיע. דאָס לעבען פון אלע נעכט איז גענוג רייך מיט וואונדער. די קלענסטע ערשיינונגען זיינען פול מיט סודות ווען מען קוקט זיך צו זיי צו. אפילו דאָס שרייען פון די קעץ ביינאַכט, אין אלעם שפּיעלט זיך שטילערהייט אַ טראַגעדיע. — און דאָס איז פּאָעזיע.

ער איז פּלוצלונג געבליבען שטעהן און מיר גענומען ווייזען מיט דער האַנד:

— אָט געהט אַן אַלטער איד. איהר זעהט איהם? קוקט זיך גוט איין אין זיינע ווייסע האָר, זיין געבויגענעם קאָפּ, וויפיעל טראַגישען שרעק דריקען אויס זיינע מאַטע אויגען?

מיר זיינען אריין אין אַ שטילער גאַס. ער האָט זיך צוגעבויגען צו מיר ווי אַ פערבלאַנדזשעט קינד און גענומען פאַר מיר לעזען אַ ליעד פון ניו יאָרק:

אָט זעה מיין פריינד, אָט זעה, די נאַכט וועט באַלד פערהילען
די שטאָדט ניו יאָרק אין נעבעל דורכזיכטיג און ווייך,
און אין מיליאָנען פענסטער גאָלדיג רויט און בלייך
ב א ל ד וועלען זיך מיליאָנען לאַמפּען ליכט צושפּיעלען.
און העל־באַלויכטענע די באַנען וועלען ברילען
ווי שלאַנגען פליהענדיג דורך דעכער אין דער הויך.
און אונטען וועלען ראַיען זיך אין רעש ליכט און רויך
טראַמוויעס, פוהרען, מענשען און אויטאָמאָבילען:
און דיינע אויגען זיינען קאַלט און אויסגעלאָשען
זיי פיהרען דיך אין רעש פון די גאַסען אום,
נאָר פרעמד איז דיר די וועלט וואָס רינגעלט דיך ארום.
דו הערסט אַ פרעמדען אומבעקאַנטען לשון.
דו הערסט, דאָס פרעמדע לעבען רעדט, נאָר שטום
די ליפּען דיינע זיינען — שטום און צוגעשלאָסען."

און ענדיגענדיג האָט ער געשמייכעלט: „אַן אַלט ליעד, שוין לאַנג אָנגעשריבען: זעהר שלעכט אָנגעשריבען".

אין א ווײַלע אַרום האָט ער געכאַפּט א קוק אין דער זייט און געזאָגט:

— איהר זעהט דאָס אינגעל וואָס געהט מיט'ן קיישעל אין דער האַנד? דאַכט זיך אַז איינפאַכער אינגעל. אַבער נאָך וואָס געהט ער דאָ? וואָס וויל ער? דאָס אינגעל וויל עפּעס... ער ווייס אַפילו אַליין ניט וואָס ער וויל — וועד ווייס? נאָר ער וויל דאָך עפּעס... עס פעהלט איהם... אַזוי זיינען מיר אַלע... ווי פיעל טראַגישעס זעהט מען אין דעם איינפאַכען אינגעל?... הערט נאָר, ס'איז דאָך דאָ אַזוי פיעל טראַגיזם אומעדום. אין די הייזער, אין די גאַסען. וואו ס'איז נאָר דאָ לעבען — איז דאָ טראַגיזם און פּאַ־עזיע פאַר'ן קינסטלער".

אַזוי רעדענדיג זיינען מיר צוגעקומען צו דער ליטעראַרישער קאַפע. מיר זיינען אַריין און זיך געזעצט ביי א טישעל.

עס קומען אַריין יונגע דיכטער און זעצען זיך אַרום איהם.— אַלעמאַל אַזוי. ווען מאַני לייב קומט אַריין זעצען זיך באַלד אַרום איהם די „אינגסטע". איינער עפּענט א ציימונג און ווייזט איהם א ליעד פון אַן עלטערען אידישען דיכטער. ער לעזט איבער און לייגט שנעל אַוועק די צייטונג גלייכגילטיג.

אַלע קוקען מיט נייגעריגע אויגען אויף מאַני לייב'ען און הונ־גערען נאָך זיין מיינונג. ער פערשטעהט עס און זאָגט:

„ס'איז אַלעמאַל דאָ א געדאַנק אין זיינס א ליעד. יאָ, ער קען שרייבען; אַבער ניט אינטערעסאַנט. ער קלאָגט זיין גאַנץ לעבען וואָס זיינע יאָהרען געהען איהם אַוועק. איך בין א גרעסערער פּאַ־עט פאַר איהם. איהר אויך! — שטעלט ער אַז זיינע אויגען אויף דעם פּאָעט מיט'ן רויט ביינערדיגען פּנים. „פונדעסטוועגען", נעהמט ער רעדען ווייכער, „האָט אונזער ליטעראַטור איהם פיעל צו פערדאַנקען. ער איז א גרויסער אידישער פּאָעט".

אַרום אַנדערע טישלעך זיצען פּרויען און וואַרפען אַלע מאָל בליקען אויף איהם. ער פיהלט זייערע וואַרעמע בליקען. ער ווייס אַז אַלע האָבען איהם ליעב. דערפאַר איז ער אַזא פערצערטעלטער — און א זעלבסט־צופריעדענער שמייכעל צוגיסט זיך אויף זיינע ליפּען. ער לאַכט קיינמאָל ניט, נאָר זיין גאַנץ פּנים ווערט שמיי־כעלדיג ווען ער פיהלט זיך גוט. און אין זיינע אויגען לויכט אויף א דונקעל גליהענדיג פייערעל...

2.

מאני לייב איז דער מענש פון לויטער שטימונגען. און זיינע שטימונגען בייטען זיך זעהר שנעל. אט פערברענגט ער מיט אייך, רעדט, לעזט, איז פרעהלאך: באלד ווערט ער אומעטיג. א שטילע מעלאנכאליע פערציהט זיין געזיכט און אין א ווײלע ארום צוגיסט זיך א צארטע מילדקייט אויף זיינע ליפען ווי ביי א קינד ווען ס׳חלומ׳ט.

עס טרעפט טהיילמאל, אז ער רעדט און וויל איבערצייגען. ווערט ער מענעריש. זיין שטימע ווערט א שניידיגע. זיין האלטונג שטרענג. זיינע אויגען נעהמען זיך שפארען פון קאפ ארויס און קוקען ביסטרע יענעם גלייך אין פנים אריין. ער שטעלט זיך אפ, קוקט יענעם אין פנים אריין שארפער, פערבייסט די ליפען און עפענט זיי באלד אויף און רעדט אזוי לאנג און מיט אזא קראפט אז ער מוז יענעם בעצווינגען.

נאר גיט אויף איהם א קוק א דאמע, ווערט ער באלד צוריק דער ווייכער, כמעט ענגלישער מאני לייב. זיין צארט געזיכט נעהמט זיך קנייטשען און ציהען כמעט ווי ביי א מיידעל. זיינע ליפען נעהמען ציטערן. ער ווערט אין גאנצען אזוי ציטעריג, ווייך און אין די אויגען לאכען ביי איהם דונקעלע פייערלאך...

אבער ניט אויף לאנג. ער ווערט באלד אומעטיג און הויבט אן רויכערן שנעל און אומרוהיג. ער קען מעהר ניט איינזיצען אויפ׳ן ארט. שטענדיג דאכט זיך איהם, אז ער האט ניט קיין צייט. זויל נאר לויפען אליין ניט וויסענדיג וואוהין... ווי ער וואלט זיך וועלען בעפרייען פון אן אייביגער אונרוה וואס איז אין איהם...

ניט האבענדיג מעהר קיין געדולד זאגט ער צו מיר:

— קומט, איהר געהט?

מיר זיינען ארויס פון קאפע. שפעט. די גאסען זיינען וויס. דער שניי טיעפער. די בעוועגונגען אין גאס שטילער. איך פיהל

אז ער געהט איצט אליין. נאָר איך פיהל זיך נעהענטער צו איהם. און איך טראַכט אז ער מוז איצט זיין ווייט אויף יענער זייט... ווי אין דעם סטראָף:

„די גאַסען איצט פריילּיך לעבען
אין שאָטענס ליכט און שניי,
און שליטענס און מענשען שוועבען
מיט אימפעט און געשריי,
און פרויען מיט הייסע בליקען,
אין פוטערוואַרג און זייד,
זיי זאָגען צו גליקען, גליקען
דאָרט ווייט, אויף יענער זייט...“

אַט דער איין איינציגער אָבענד האָט פאַר מיר מעהר ענט־פּלעקט מאַני לייב'ן, ווי אַלע פריהערדיגע בעגעגענישען. איצטער האָב איך איהם ערשט רעכט אָנגעהויבען צו פערשטעהן. איך האָב אָנגעהויבען צו פערשטעהן פון וואַנען עס נעהמען זיך ביי איהם די האַלבע טענער. מאַני לייב איז אַ וויזיאָנער. ער זעהט אַלע מאָל זאַכען ניט בלויז מיט'ן נאַקעטען אויסערליכען אויג, נאָר מיט'ן אינדיווידועלען אינערליכען אויג. אַט דאָס נאָר וואָס דערמאָנטע ליעד. דאַכט זיך וואָס? אַ ווינטער בילד, ער מאָהלט גאַסען און שניי. שליטענס און מענשען — דאָך פיהלט מען ביי איהם אַלעמאָל די ווייטקייט פון טרוים...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

מאַני לייב איז דער דיכטער פון די צאַרטסטע שטימונגען. אמת, זיינע ליעדער זיינען ניט קלאָהר. אָבער דאָס איז אפשר אַ מעלה. ווייל קלאָהרקייט צושטערט דאָס פאַנטאַסטישע; סימבאָ־לישע אנרעגונג — שאַפט. קלאָהרקייט איז אינטעלעקטואַליטעט — מאַני לייב איז דער געפיהל אַליין. ביי איהם קומט אַלץ אַרויס אומ־געריכט, אונבעוואוסט, נאָר ווי יעדער קינסטלער האָט ער אויך אַן אינסטינקטיווען פערבאָרגענעם בעוואוסטזיין...

מאַני לייב איז דער דיכטער פון ניואַנסען. פון אַזעלכע טיע־פע צאַרטע געפיהלען וואָס מוזען בלייבען אייביגע סודות... דערפאַר זאָגט ער קיינמאָל ניט אַרויס אין גאַנצען, נאָר ער הויכט אָן.

מאני לייב איז ניט קאפריזנע, ער איז דער קאפריז אליין. דוכטעז דוכט זיך: א ווילענלאזער — דאך ווערט ער געפיהרט פון אן אונבעוואוסטען ווילען...

מאני לייב איז דער עכטסטער פאעט צווישען אונזערע נייע ריכטער. — ניט אין דער ברייט, נאר אין זיין אייגנארטיגקייט. אין איהם ענטפלעקט זיך דאס בעהאלטענע. עס זינגט פון איהם ארויס אזא אינדיווידועלער חן, וואס איז אונפערגלייכבאר. מען דערקענט, אז ס'איז ניט געמאכט. דאס קען מען ניט מאכען. אזוי ווערט מען געבוירען. ער האט אין זיך א מעלאדיע וואס מען קען ניט ארויסברענגען מיט'ן אויסשטעלען זילבען אין א געוויסער ארד־נונג. און די מעלאדיע זינגט זיך ביי איהם אזוי נאטירליך ווי דער ווינד:

„איך האב מיין מאמעס שווארצע האר און גרינע אויגען,
מיין טאטענס לאנגע, בלייכע, דארע הענד;
און אין מיין יעדען אדער זינגט און ברענט".

ס'איז ריכטיג. און אויסער זיין אינערליכע מעלאדיע האט מאני לייב אויך אריינגעבראכט נייע קאלירען אין דער אידישער פאעזיע. ביז איהם האט מען ניט געזעהן אזוי פיעל בלויקייט, אזוי פיעל פאנטאסטישען נעבעל און אזוי פיעל מיסטעריום. ער מאהלט ניט מיט קיין אויל קאלירען, נאר מיט שווארץ און בלוי. אין זיינע פערנעבעלטע פארבען איז ער עהנליך צו דעם מאהלער וויסטלער און אין זיינע שטילע ציטעריגע טענער — צו שאפענ'ס נאקטורען. זיין געזיכט און זיין גאנצע געשטאלט איז עהנליך צו שאפענ'ן. אט וויפיעל איינגעהאלטענער ציטער איז אין דעם סטראף?

„שטילער! שטילער! רעדט ניט הויך!
שטעהט געבויגען שווארץ און בלייך.
איינגעבויגענע אין פיין,
שווייגט און האלט דעם אטעם איין."

און ווי שעהן ער פערנעבעלט אלעס, פער'חלומ'ט אלעס. די ליכט פייערען אין דער גאס פון די פענסטער ווערען ביי איהם

„פער׳חלום׳טע שריפות״. די הויכע מויערען ווערען ביי איהם „גרויע געביידענגעשפּענסטער״.

„זי איז ביי דעם פענסטער א בלאסע געשטאַנען,
אַ בלאסע, א שטילע, מיט פלאמיגע אויגען,
געקוקט האָט זי ווייט וואו די נאכט האָט פערצויגען
די ראַשיגע שטאָדט אין טומאַנען,
אין רויט־גרויע שלייערס־טומאַנען,
וואו עפּעס א מחנה צושטרויטע מכשפות
און ריעזיגע גרויע געביידענגעשפּענסטער
האָט כשופ׳דיג לאנגזאם אין שטאַקבלינדע פענסטער
געצונדען ברילאַנטענע שריפות...
געצונדען פער׳חלום׳טע שריפות — ״.

מאני לייב איז איינער פון די ערשטע וואס האָט זיך ביי אונז פערטיעפט אין זיין אייגענעם איך. מאני לייב האָט זיך אין גאנצען בעפרייט פון באמבאסטיק, פון אלע פראליטאריש נאציאָנאלע טראַדיציעס. ער איז ריין אינדיווידועל אין זיין דיכטונג. פיעלע יונגע דיכטער האָבען איהם פּרובירט נאַכמאַכען. ס׳איז זיי אבער בלויז געלונגען נאַכצומאַכען דאָס אויסערליכע. דער אינערליכער אמת פעהלט ביי זיי. די וואָס אימעטירען מאני לייב׳ן, מיינען אז זיין סוד איז הויפּטזעכליך אין טעכניק און דאָס קען מען לייכט נאַכמאַכען. זיי האָבען אבער א טעות. ווייל עס איז דער סוד וואָס פעראייניגט טעכניק מיט אינהאלט צוזאמען, וואָס מאַכט דעם דיכטער.

3.

מאני לייב איז דער דיכטער פון דער פערלוירענער נשמה אין דער גרויסער שטאָדט. ער איז דער אינדיווידועלער אויסדרוק פון דעם היינטיגען מענשען'ס געמיטה. ער איז דער דיכטער פון דער צארטער בענקענדער נשמה וואָס פיהלט זיך געדריקט פון דער אייזען־קולטור מיט איהר ווילדען כאאָס. ער איז דער מענש וואָס קען זיך ניט צוגעוואוינען צו אונזער לויף־און־יאג־לעבען. דערפאר טראָגט ער אין זיך אזא „גרויסע בענקשאפט", אזא פערבאָרגענעם טרוים פון עפּעס א בעפרייאונג... און פיהלענדיג די בעגרענצט־קייט, דאָס צו קורץ קומען, דעם טראגישען עלענד פון לעבען, געהט ער ארום א פערטרוימטער, א פערבלאָנדזשעטער און עס טרייבט איהם אין די גאסען ווי א פערוואָגעלטען. און זיינען ניט אָט די שורות כאראקטעריסטיש פאר איהם?

„דער ווינטער אבענד געדויערט...
כ'וועל גאָר אין גאס איצט געהן,
און אומגעהן אליין פערטרויערט
נאָך דיר מיין פריינד, אליין."

מאני לייב זינגט אלע מאָל פון אבענד און נאכט. ער האָט ליעב די נאכט. ער פיהלט איהרע בעהאלטענע שרעקען און סודות. די נאכט איז פאר איהם דער מיסטישער שלייער פון דער וועלט. ער האָט ליעב צו קוקען א פערטרוימטער אויף איהר שווארץ בלויען שלייער. דורך איהר זעהט ער די וועלט, זיין וועלט, מיט איהרע פערבאָרגענהייטען... די נאכט און דאָס לעבען איז ווי א ים אָהן א גרונד און אָהן ברעגען... מאני לייב האָט זעהר פיעל ליעדער פון אבענד און נאכט. און ס'איז כאראקטעריסטיש פאר מאני לייב'ן דעם שטאָדט־מענש צו טרוימען פון דער נאכט.

ווען מען לעבט אויף דער פרייער נאַטור זעהט מען דעם ליכ־טיגען טאָג ווי ער צוליגט זיך אויף די ברייטע ווייטע פעלדער, אָבער אין דער גרויסער שטאָדט וואו די הויכע פאַבריקען־מויערען לייגען אויס לאַנגע שאָטענס אין די גאַסען, און די באַהנען פער־שטעלען דעם הימעל, געהט דער טאָג אַוועק ווי אַ דונקעלער שאָטען. עס בלייבט בלויז דער אָבענד און די נאַכט:

„טויבענשטילע, בלויע אָבענדשטונדען!
שפּרייט מיין אָבענד שטילען טרוים צושפּרייטער!
איצטער גליהען גלוטיגער און רויטער
מיינע רויטע רויזען — מיינע וואונדען!

איצטער שטאַרבט דער לעצטער גאַסנגעפּילדער;
טריט און ווערטער הילכען שטילער, ווייכער,
אויגען בענקענדע נאָך אויגען פלאַמען בלייכער,
הענד און הענד געדריקטע רעדען עפּעס מילדער.

איצטער ווערט מיין בענקשאַפט גאָלד געצונדען,
הייסער איז מיין בלוט, מיין אויג קוקט ברייטער!
איצטער, איצטער ברענען רויטער, רויטער
מיינע רויטע רויזען — מיינע וואונדען!“

דער אימפּעט פון די מאַשינען אין דער גרויסער שטאָדט ביי טאָג, שטערט דעם דיכטער צו שפּינען זיינע פאַנטאַזיען. ערשט די נאַכט ברענגט איהם געמיטה און רוה. דאַמאַלס קען ער אויסשפּריי־טען זיינע טרוימען אין דער שטילער איינזאַמקייט. אויך איז די נאַכט געהיימניספולער, מיסטישער, און איהר געפינט טאָג ניט ביי מאַני לייב׳ן קיין הימעל מיט זוניגע שטראַהלען, ווייל די נאַכט מיט איהרע בלויע נעבלען. מאַני לייב בעהאַלטן זיך פון טאָג. נאָר ביי אַ דיכטער פון נאַכט־וויזיאָנען קענט איהר געפינען אַזעלכע שורות:

„כ׳האָב אין מיטען טאָג אַ פאָרהאַנג אויף מיין פענסטער אויפגעהאַנגען. פון דער זון און פון די מענשען האָב איך פעסט מיין טיר פערמאַכט, און אַ בלייכער אין דער פינסטער בין איך לאַנג אַרומגעגאַנגען, און די קאַלטע הענד געריבען, און צו זיך אַליין געלאַכט“.

אדער ער זאגט ערגעץ אין א ליעד:

„די נאכט האט מיין תפיסה פערמאכט
אויף שלעסער מיין טיר צוגעשלאסען".

און ווי שווער עס ווערט די פערקלעמטע נאכט איינזאמקייט:

„די שטאדט שלאפט איצט געהילט אין נעבעל און אין רוה.
מיט איהרע הימעל־הויבע מויערען געשפענסטער.
קיין פייער און קיין שטויב, קיין שארך ניט צו דערהערען.
דו געניצט פויל און מיעד געהסטו צוריק אין בעט,
דו דעקסט זיך איין, דו ליגסט און טראכסט: שוין שפעט!
און טראכסט:—וואלט כאטש אין גאס א פייער איצט ווערען"

די לאנגוויילע צו פערטרייבען, און אום די אונרוה און די פיינליכע איינזאמקייט צו ערלייכטערען, שעפטשעט ער א תפלה צו דער נאכט:

„מיין נאכט שפרייט אויס פאר מיר דיין שווארצען שוים!
ענטבלויז פאר מיר דיין גיפטיג־קאלטע ברוסט! —
און ווי א קינד פארזויגט, פארוויגט, פארקושט,
זויג אן מיך מיט דיין סם, פארוויג, קוש אויס,
דאס ליכט, מיין ליכט וואס שטארבט ביי דיר אין שויס".

און אט שליעסט ער פון בענקשאפט א בונד מיט שמערצלי־כע איראניע, א געפאנגענע און זיך פערצעהרענדע נשמה לעשט דעם איינענעם פייער מיט טרערען־געלעכטער:

„דער טאג האט געזעגענט זיך טרויעריג, צארט
און טרויעריג שטיל — כ'האב געלאכט —
א קראנקער פון טאג — כ'האב געלאכט, כ'האב געווארט
מיט ווילד בייזע פרייד אויף דער נאכט.

די נאכט איז געקומען... מיין לאמפ האט געברענט —
מיין הארץ האט געברענט אין דער נאכט;
געווארט האב איך... שמערצליך פערבראכען די הענד,
געווארט האב איך לאנג... כ'האב געלאכט...

סענטימענטאל. אבער די שעהנסטע סענטעמענטאליטעט אין דער אידישער ליטעראטור.

4.

מאני לייב איז דער ערשטער דיכטער ביי אונז וואס קען מאהלען די גרויסע שטאדט. ער זעהט מיט די אויגען פון א שטאדט־מענש. ווען ער קוקט אויף דער לבנה זעהט ער איהר „פון הינטער א ב ר ע ג פון א ד א ך לייכטען פ ע ר נ ע ב ע ל ט און שוואך." אדער:

„דארטען ווייט האבען שילדען מיט גאלדהעלען שיין
זיך געריסען אין נאכטיגען הימעל אריין:"

דאס גאנצע ליעד „עוועניו בי" איז א זעלטענע צייכנונג פון דעם גרויס־שטאדטישען לעבען.

אט בויט ער א שטאדט אין דער פינסטער:

„מויערען פינסטערע, שטיינערנע, הויכע
קריכען אין פינסטערען הימעל אריין.
אבענד און נעבעל. עלעקטרישער שיין.
אויגען געצונדענע. פנים'ער בלייכע".

ווי אמת'דיג ער גיט איבער די שטאדט מיט איהרע נערוועזע בעוואוינער.

און אט איז די זעלבע שטאדט בעגינען:

„אין די מויערען די מענשען ווערען וואך,
און קליינע פייערלאך אין די פענסטער פינקלען שוואך,
און אויף די מויערען צוציהט זיך ווי א שטריק
א לאנגער הייזעריגער פייף פון א פאבריק".

א שארפער זעהער. און ווי גוט ער קען איבערגעבען וואס ער זעהט. די „קליינע פייערלאך אין די פענסטער פינקלען שוואך".

דאס ליכט פון דער זון פערדונקעלט זיי. און אויך דער פערגלייך אז דער פייף צוהיצט זיך ווי א שטריק, מאכט דעם פייף נים בלויז צו הערען נאר אויך זעהבאר. דאס גאנצע ליעד די גרויע נויט איז געשריבען מייסטעריש. די נויט ביי מאני לייב'ן שרייט נים, קלאפט ניט אין טיר, ווי ביי ראזענפעלד'ן, נאר זי כאפט זיך אויף אין דער פריה די ערשטע און שפאנט מיט אן עמער קוילען אין איהר דארע האנד, און עס בלייבט א בילד אין זכרון.

און א שלום־אקארד צו זיינע שטאדט־ליעדער:

„אויבען טראמווייען און אונטען טראמווייען.
אטאמאבילען און פוהרען און פערד
מישען זיך אוים אויף דער שטיינערנער ערד,
מישען זיך, רודערען, פינקלען און שרייען“.

ווי קען זיך נאך דערהאלטען אין דעם געמיש פון טראמווייען, אטאמאבילען און פערד, אזא צארטער דיכטער ווי מאני לייב?

מאני לייב'ס ליעדער אטהעמען מיט די נערוועזע שטימונג פון דעם גייסט פון אונזער צייט. מען זעהט אין זיי דעם בלאסען טרוימער מיט זיינע ציטעריגע הענד. ער מאכט אין זיי די שאטענס פון זאכען אלס די זאכען גופא און די זאכען פאר שאטענס, אוןביידע זיינען געהיימניספול...

ער טרוימט ווייטע שטערען אין רוים און איהם שרעקט וואס די נאכט פערשטעלט זיי פון איהם...

„די ווינטער נאכט — די בלינדע נאכט —
זי טאנצט איהר יובעל טאנץ און לאכט...“

ער פיהלט דאס גליהען פון דער זעעל און אויך איהר קאלטען שמערץ... ער עפענט טהייל מאל זיינע אויגען צום טויט און מאכט זיי באלד צו א דערשראקענער...

„דער טויט איז אין מיין הויז אריינגעגאנגען,
— — — — — — — — — — —
און ווי א שאטען גרינג איז ער פערשוואונדען,
צושפרייטענדיג אין הויז א ווייסע קעלט...“

זיין האַרץ ציהט צו אַ געטרוימטער שעהנקייט, וואָס די אויגען האָבען נאָך קיינמאָל ניט געזעהן און די נשמה בענקט... ער איז פערליעבט אין דונקעלע הימלען און פון דער ליעבע ווערען זיינע טרוימען...

טהייל ליעדער זיינע זיינען פריש ווי די בוימער זומער נאָך אַ רעגען און טהייל זיינען ווי אַ פערוואָלקענטער הימעל ביינאַכט, ווען מען זעהט ניט די לבנה.

אַנדערע זיינען ווי די גליה ווערעם. אַט גיבען זיי אַ בליסטש און פערשווינדען באַלד אין דער דונקעלהייט...

מערקווירדיג. עס געהען אַרום לעגענדען, אַז פרויען זיינען פערליעבט אין מאַני לייב׳ן, דאָך געפינט מען קיין איינמאָל ניט דערמאָנט אין זיינע ליעדער דאָס וואָרט „ג ע ל י ע ב ט ע״. כאָטש די מעהרסטע שטימונגס־ליעדער זיינען ביי איהם ליעבע־ליעדער.

אָבער אויסער אינטימע שטימונגס־ליעדער האָט מאַני לייב אויך מעשה־ליעדער. און וועלכע ווי אַלע מאַני לייב׳ס האָבען אַ מאַני לייביש׳ען חן.

מאַני לייב איז זעהר פערזענליך אין זיין דיכטונג. ער קען אפשר דורך זיין צו ענגער אינטימיטעט ניט דערגרייכען צו אַ סך צוהערער, אָבער דערפאַר איז ער דער פּאָעט פאַר פּאָעטען.

5.

פונקט ווי אין זיין דיכטונג אזוי איז מאני לייב אין זיין פער־זענליכען לעבען. פאנטאסטיש, נעבעלדיג, אונבעשטימט, ווייך, כמעט ליעבליך. ער האט אימער מיט אייך וואס צו רעדען. איהר פיהלט כמעט שטענדיג זיין נאהענטקייט. איהר מוזט מיט איהם ווערען אינטים. ער איז צו אייך אויך אזוי. אימער אפענהערציג און הילפלאז ווי א קינד.

אז מען געהט מיט מאני לייב'ן אין גאס פערגעסט מען זיך, אז ס'איז דא אין דער וועלט נאך עפעס אויסער פאעזיע. ער שטעקט אייך אן מיט זיין טרוימערישקייט.

גאכ'ן ארומדרעהען זיך אין די לאנגע ווינטער אבענדען אין די גאסען און אין די קאפעען איז איהם שווער צו געהן א היים.

איינמאל אין אן אבענד זאגט ער צו מיר:

„איהר בעגלייט מיך? אז ניט געה איך ניט א היים די גאנצע נאכט. עס גלוסט זיך מיר אזוי אויך ניט אהיים צו געהן... אין דער היים איז אזוי קאלט... עך — ".

מיר זיינען ביידע ארוים אויף דער קאלטער גאס און גענומען שפאנען שנעל וועלענדיג אנטלויפען פון פראסט. מאני לייב שטעלט אויף דעם קאלנער, ציהט אריין דעם קאפ צווישען די אקסלען און געהט און שווייגט. און מיר טראכט זיך ניט וועלענדיג וואס האבען מיר דא אין דער גרויסער שטאדט? אזוי פיעל מענשען האבען זיך דא צונויפגעדריקט אין ענגשאפט. מען איז געקומען מיט דער אילוזיע צו געפינען נאהענט־קייט, פריינדליכקייט, אבער יעדער איז דא פאר זיך עלענד און פערלוירען אזוי ווי איבעראל... און געהענדיג אזוי זאג איך: מאני לייב, פיהלט איהר זיך ניט, אז יעדער פון אונז איז דא צופעליג פער־ווארפען און פערלוירען און איהר צווישען אונז?

— ניין, ניט יעדער. ס'איז געווען א צייט ווען איך האב

זיך געפיהלט עלענד און פערלוירען. מיר איז ניט געווען גוט צו לעבען. האב איך אבער איינגעזעהן, אז איך מוז זיך אליין בעשי־צען, אז ניט וועל איך אונטערגעהן. און אויסגלאַשען ווערען ווילט זיך ניט. האב איך זיך אנגעטהאן א כח און גענומען זיך בעהעפטען מיט'ן לעבען. מען דארף זיך ניט אונטערגעבען אפילו אונטער די ערגסטע אומגעבונג. מען דארף געהן נעהענטער צום לעבען און זיך פריי בעוועגען. ווייל פרייע בעוועגונג איז לעבען. אויב עמיץ שטערט מיר ריים איך זיך דורך, אז ניט פערשטארב איך. א מענש דארף זיין פריי צו זיין טעטיג לויט זיין אייגענעם ווילען".

—יא, דאס איז גאנץ גוט אז מען לאזט אייך, זאג איך. ווי איז אבער? —

„אז מען לאזט מיך ניט דורכרייסען צו מיין פרייהייט מיט מיינע הענד, טהו איך דאס מיט מיין תפלה. און איך פיהל אז איך ווער אויסגעלייזט. וואס איז א תפלה? צו וועמען בעטען מיר? צו גאט? צום לעבען? ניין, צו זיך אליין. צו דעם אונבעוואוסטען... מיר פיהלען אז מיר זיינען אלע אזוי שוואך. עפעס הענגט איבער אונזער לעבען און מיר ווייסען ניט וואס — מיר קוקען אויף אלעם און פערשטעהן ניט וואס מיר זעהען... יא, מיר פיהלען דאס אונבע־וואוסטע... מיר פרעגען וואס איז דאס אלעס? קיינער קען ניט ענטפערען — קיינער וויים ניט. בלייבען מיר עלענד. ווילט זיך תפלה טהאן. מיר מוזען בעטען... שעפטשען אזוי צו זיך אליין... דאס הייסט אמת'דיג תפלה טהאן. נישט דער וואס שרייבט ליעדער איז א פאעט, נאר דער וואס טהוט תפלה אין ליעדער... דער דיכ־טער איז דער, וואס טהוט תפלה פאר זיך און פאר אלע מענשען...

מיר זיינען צוגעקומען צו ברוקלין בריק. מיר האבען זיך גע־זעגענט. איך האב איהם אנגעקוקט און געזעהן אז ער געהט אהיים אן אומעטיגער, א פערלאזענער. מיר איז געקומען אויפ'ן זינען זיין ליעד:

> אייערע שמייכלען און אייערע רייד
> זיינען פאר מיר ניט ניי,
> אייערע שמייכלען און אייערע רייד
> מאכען מיך טעמפ און מיעד.

עה, איך האב קינדער ביי זיך אין דער היים
שמייכלען און רעדען זיי!
עה, איך האב קינדער ביי זיך אין דער היים
קען איך ניט געהן אהיים"...

פון דערווייטענס האב איך ווידער געזעהן זיין הויכע שלאנקע געשטאלט. איינגעבויגען. ער האט אויסגעזעהן ווי ער וואלט עפעס געזוכט, ניט אויף דער ערד, נאר אין זיך...

די מענשען, וואס געהען דא אין גאס, האב איך געטראכט, ווייסען ניט, אז צווישען זיי בלאנדזשעט אום דער טרוים... און ער הייסט — מאני לייב...

יוסף רָאָלניק

"I could be bounded in a nut-shell,
and count myself a king of infinite space"
SHAKESPEARE.

1.

אז איהר זעהט דאס ערשטע מאל ראלניק'ן, קענט איהר אויף איהם ניט דערקענען קיין בעזונדערעס.

נאר אז איהר קוקט זיך מעהר צו צו איהם, ווערט דער מענש אייך קשה.

ערשטענס זיין עניוות, ער זיצט שטענדיג א שטילער, א צו־ריקגעצויגענער מיט זיין שטעקען אין א ווינקעל.

צווייטענס, אז איהר נעהמט צו איהם רעדען, דערפיהלט איהר אז דא זיצט ניט פאר אייך גלאט א מענש, נאר איינער מיט א נשמה וואס איז גאנץ פערשיעדען פון אנדערע.

ראלניק'ס טבע איז שווייגען. נאר ע ר ש ו ו י י ג ט א ז ו י ה ו י ך. אז איהר מוזט זיך מיט איהם פעראינטערעסירען, און ווען מען זעהט איהם זיצען א שווייגענדיגען אין זיין איינזאמען ווינקעל, קומט ניט ווילענדיג אויפ'ן געדאנק די פראגע:

וואס פערבארגט דער מענש אין זיך?

אז מען ווערט מיט ראלניק'ן נעהענטער בעקענט, און מען רעדט זיך מיט איהם פערנאנדער זעהט מען אז צו זאגען האט ער גאר א סך. אז מען קוקט אין זיינע ערענסטע אויגען, זעהט מען אז זיינע בליקען וואנדערען ניט אין ליידיגען רוים, נאר פון זיין ווינקעל זעהט ער אלץ, וואס קומט פאר ארום איהם, און אויב איהר ווילט וויסען וואס פאר א בעציהונג ער האט צו וועלט און מענשען, דארפט איהר בלויז א קוק טהון אויף זיינע צוגעשלאסענע ליפען ועט איהר זעהן אויף דער אויבערשטער ליפ בעהאלט זיך א דינער איראנישער שמייכעל...

ראלניק איז דער מענש, וואס קוקט ארויס אויף דער וועלט דורך א גלעזערנע שויב. ער זעהט אבער בעסער דורך דער שויב ווי אנדערע וואס געהען אום אין די גאסען און טאפען אלץ אן מיט די גראבע פינגער. ראלניק קוקט אויף אלעם פון דער

ווייטענס, ער האָט אויך פיינט מען זאָל קומען צו איהם צו נאַכט. פון ווייטען זעהט אַלץ אויס אינטערעסאַנטער, אפשר הייליגער.

אַז ראַלניק דערזעהט אַ פריינד אין גאַס, גיט ער זיך שעהמ־עוודיג אַ נייג און געהט זיך ווייטער, מיט זיין שטעקען. זעלטען ווען ער אייך אבשטעלען. אַז מען שטעלט איהם אָב, האָט ער פיינט צו פערפיהרען לאַנגע געשפּרעכען; ער ענטפערט אויף אַלץ קורץ און שאַרף, ווי די ענטפערס וואָס ער גיט אין זיינע ליעדער. נאָר זיינע אויערען זיינען אימער אַנגעשטרענגט צו הערען וואָס אַנ־דערע זאָגען און ער האָט ליעב פון צייט צו צייט אריינצוּוואַרפען אַ וואָרט. ער איז קיינמאָל ניט דער טומלער, דער וואָרט־פיהרער. ער איז אימער דער צוקוקער פון דער זייט. דערפאַר זעהט ער בע־סער ווי אַנדערע.

ראַלניק'ן איז ניט לייכט צו מאַכען בעקאַנטשאַפט אין אַ געזעלשאַפט. אַמעהרסטען פערברענגט ער מיט זיך אַליין: אויב ער געהט שוין יאָ אַמאָל צווישען מענשען, געהט ער אימער מיט אַ צוגעקנעפּעלטען ראָק. און ער פיהלט זיך דאָרט קיינמאָל ניט פריי. איהם איז שווער צו ווערען אינטים, ווי ער וואָלט גע־ציטערט זיך נאָהענט צוצופיהרען צו מענשען. היימיש און פריי פיהלט ער זיך נאָר ווען ער זיצט אַ פערקנעפּעלטער אין זיין איינ־זאַמען ווינקעל.

זעלטען צו טרעפען אַזאַ נאַבעלען מענשען, מיט אַזוי פיעל איידעלקייט, און זיך בענעהמען צו מענשען מיט אַזוינע פיינע מאַניערען ווי ראַלניק. ער קען קיין מענשען קיינמאָל קיין הויך וואָרט ניט זאָגען. פאַר דער היינטיגער וועלט איז ער שוין צו שטיל. אַז מען קומט אריין צו איהם אין צימער הערשט אַזאַ שטיל־קייט, גלייך עמיצער וואָלט געזעסען שבעה. דאָרט איז דער קע־ניגרייך פון דער איינזאַמקייט...

2

אבער וואס איז אין תוך ראַלניק?

דאס איז כמעט אוממעגליך צו זאגן, ראַלניק איז זעהר פערשיעדענאַרטיג, דערפאַר האט יעדער קריטיקער וועגען איהם אַן אַנדער מיינונג. איינער דענקט, אַז ער איז דער פּאָעט פון פערצווייפלונג, אַן אַנדערער, אַז ער איז דער דיכטער פון די שטומע איינזאמע. און אַזוי ווייטער. ס'האָט אבער ניט קיין זין אריינצושפּאַרען א דיכטער, וואס איז אַזוי פיעלזייטיג, אין א דעפיניציע פון צוויי דריי ווערטער. נאָר יענע קענען דאס טהאָן וואס נעהמען אָן אַז „זיינע ליעדער פליסען אין א שמאָלען שטראָם, און וויסען ניט פון קיין פערצווייגונגען און פערפלאָנטערונגען." ס'איז אבער ניט אמת ווי די קריטיקער מיינען. פערקעהרט, ראַלניק'ס ליעדער צוגיסען זיך אין פיעלע טייכען, אַזוי ברייט און ווייט, ווי אַן איינזאמען מענשענס געזאַנג און געפיהל.

ראַלניק איז א קאָמפּליצירטער דיכטער ניט קוקענדיג אויף זיין אויסערליכע איינפאַכקייט פון פאָרם. ער איז רייך אין זיין פיהלען. פיעלאַרטיג אין זיינע טהעמען: ער זינגט וועגען דאָרף און שטאָדט, וועגען לעבען און טויט, וועגען ליעבע און ענטוישונג, וועגען צווייפעל און גלויבען; כמעט וועגען אַלעם וואס ריהרט אָן דעם מאָדערנעם מענשענס נשמה, און ניט קוקענדיג אויף דעם בלייבט נאָך ביי איהם פיעל ניט דערזאָגט:

> „צו זאָגען האָב איך דיר גאָר פיעל,
> דאָך וועל איך גאָר נישט ריידען:
> און ווי א חתן-בחור'ל
> זיך האַלטען פרום בעשיידען."

אַט די איינגענשאַפט, זיך צו האַלטן פרום און בעשיידן, איז ניט בלויז אין זיין בעציהונג צו דער ליעבע, — און ליעבע איז פרום און בעשיידן — נאָר די בעשיידענהייט איז דער גרונד פון זיין כאַראַקטער. זי האָט צוגעגעבן דעם קאָליר צו זיין גאַנץ לעבן. ווי דער קאָליר פון אַ בוים אין מיטן ווינטער... ביי ראַלניק׳ן פעהלט טאקע דער זומער אין לעבן. זיין לעבן איז מעהרסטענס געווען אַ ווינטערדיגער.

אין דעם געזעץ פון לעבן ווערט דער שטילער מענש פערזעהן און פערשוויגען. בלויז די וואָס שרייען ווערען געהערט. דער איידעלער בעשיידענער מענש בלייבט פעראיינזאמט, פערקלעמט אין זיך. דערפאַר זעהט די וועלט פאַר איהם אויס אַ תפיסה:

„געפאַנגענע זיינען מיר אַלע
און זיצען אין איינצעלנע צעלען;
מיר קענען ניט אונזערע שכנים —
די אייביגע ווענד זיי פערשטעלען“.

עס זיינען דאָ אייביגע ווענד, וואָס פערשטעלען איין מענש פון צווייטען. און ראַלניק, דער ציטעריגער, איידעלער מענש האָט זיך אָן זיי אָנגעשלאָגען.

אָבער עס קען שוין ניט זיין היימליך אין דער וועלט אַ מענשען, וואָס פיהלט אַזוי דאָס לעבן. ער פיהלט זיך פערשטויסען און קוקט שוין אויף אַלץ מיט פעראומערטע אויגען. פון דעם נעהמט זיך דאָס ראַלניק׳ס גרויקייט, קאַלטקייט. דערפאַר זיינען זיינע ליעדער פון „ארום מיהל“ אַזעלכע מרה שחורה׳דיגע, שניי־פּראָסטיגע. באַלד אין אָנהויב דערצעהלט ער אונז אַז: „אין יענעם טאָג איז אין דער פריה די זון ניט אויפגעגאַנגען“. און ענדיגט:

„געווען איז יעדע הארץ פערקלעמט, און יעדער קאָפּ געבויגען“.

אַזאַ פּאָעט, ווי ראַלניק, ווען ער וואָלט ניט געבוירען געוואָרען אין דער ליטא, וואָלט ער דאָרט געדאַרפט געבוירען ווערען. דאָרט זיינען פאַרהאַן אַ סך גרויע טעג, אָהן זונען־שיין:

„אונזער לאַנד איז גרוי און אָרעם;
אונזער הימעל — בלייך;“

און ערצויגען איז ער געוואָרען אין אַ הויז, וואָס איז געשטאַ־נען אַליין ווייט אויף אַ פעלד. און די פענסטער פונ׳ם הויז זיינען ווינטער געווען אַזוי דיק פערקאַוועט מיט שניי, אַז ס׳האָט דורך זיי ניט געקענט דורכקומען קיין איין שטראַהל פון דער זון. זיינען אַמאָל דורכגעפאָהרען מענשען, האָט ער פון ווייטען ניט געקענט זעהן קיין געשטאַלט, קיין פּנים, נאָר:

„אַן איינציגער פלעק אויף דער ווייסקייט:
פאַר וויאָרסטען ווייט פויזעט אַ פוהר“.

אַט די קאַלטע איינזאַמקייט פון די יונגע יאָהרען, האָט ראַל־ניק׳ן געגעבען דעם אומעדיגען טאָן, וואָס קלינגט דורך אין אַלע זיינע לידער.

מיר אונטערשיידען ביי ראַלניק׳ן דריי מדרגות. אין דער ערשטער מדרגה, ווען דער יונגער ראַלניק זינגט ליעבע־לידער, קלינגט דער טאָן פון אומעט ביי איהם מיידעלש, סענטימענטאַל:

„וואו ביזטו? וואו ביזטו געוועזען?
צי האָט דיר דיין האַרץ ניט געזאָגט,
אַז האַרט ביי דיין טיר אויף די טרעפּען,
אַ האַרץ וואַלגערט אום זיך און קלאָגט?“

אָדער ער צוגיסט זיך אין אַזאַ פאַנטאַזיע:

איך ווייס: אַ מיידעל איינע
וועט קומען מיך בעגלייטען,
און אויפ׳ן אָרון לייגען
אַ קרענצעל בלייכע קווייטען“.

אין אַן אַנדער ליעד פון דעם סאָרט איז זיין פערלאַנג מען זאָל זיין קבר אויסגראָבען „אויף אַ גרינעם פעלד וועט אַ בערגעלע דאָרט זיך אויפהויבען; וועט אַ קווייטעלע דאָרטען אויסשפּראָצען“.

וועט אַ מיידעל געהן
און איהר אויסרייסען; —
וועט מיין טויטע האַרץ
דעמאָלט טרויסטען זיך.“

עס איז איבעריג צו זאגען, אז אין די ליעדער איז ראַלניק אמ־שוואכסטען. ער קלאַגט זיך אין זיי אז זיין הארץ קען ניט רוהיג שלאָפען. ער וויינט אין זיי פאר וואס ער וויינט, און זיינע טרעהרען מאכען נאס זיין קישען ביינאכט. האט אויף זיך אליין רחמנות.

די וויינענדיגע ליעדער פון די ערשטע צייטען זיינען זעהר עהנליך צו די מיידעלשע וייכע ליעדער פון אנדערע פּאָעטען, וועל־כע האבען געזונגען פאר איהם און נאָך איהם. נאָר זיי האבען די מעלה געגען די ליעדער פון אנדערע אידישע דיכטער, וואס דער ליעבע־טאָן ווערט ניט געשטערט פון זייטיגע עלעמענטען. ראַלניק'ס ליעבע־ליעדער זיינען ניט דורכגעוואָרפען מיט וויצען, חכמה'לאך; זיי זיינען אויפריכטיגע, הארציגע ליעדער. אהן הינטערגעדאנקען און ביליגע אויסרעכענונגען — אויף עפעקט.

פערגלייכט מען אבער די ליעדער מיט די אנדערע וואס ער האט געשריבען אין די שפּעטערע צייטען, זעהט מען אז אין זיי פעהלט נאָך דער אמת'ער ראַלניק. אין זיי איז ער נאָך ניט דער־גאנגען צו זיך. אין יענע ערשטע ליעדער הערט זיך נאָך דער עכא פון אנדערע פּאָעטען.

אז מען לייענט די וויך וויינענדיגע ליעדער, גלויבט זיך ניט אז דאס זיינען דעם זעלבען ראַלניק'ס, וואס קען זיך אזוי שטארק שטעלען געגען דער וועלט, וואס טראָגט אין זיך אזא פערביסענע קנאה; וואס קען „זיך מיט האס פערבויען" געגען „שמייכלעריי און ליעבליכקייטען".

אין זיין סענטימענטאַליזם איז ער נאָך גאָר א קליינער בעל־מקנא. הערט:

> „מיין פערלאנג און מיין בעגעהר
> איז לויטער קליינינקייטען:
> ווען א וואָרט, און ווען א בליק,
> א שמייכעל פון דער וויטען."

טאָקע ניט מעהר? שפּעטער דערווייסען מיר זיך, אז דאס האט ער נאָר געוואָלט אונז, און אפשר אויך זיך אזוי איינרעדען. אבער דער אמת'ער ראַלניק איז שוין גאָר א גרויסער בעל קנאה. ער וויל שוין גאָר א סך. נאָר ער האט צו קורצע הענד צו נעהמען וואס ער וויל. דערפאר ווערט ער אזוי פערביסען אויפ'ן לעבען. און דאָרט

וואו ראַלניק ווייזט אַרוים זיין שטאָלצען כעס, זעהט מען זיין פּערזענליכקייט. ער קלאָגט זיך מעהר ניט אויף זיין בייז מזל, ווי רייזען, אַז זיין געליעבטע וויל צו איהם ניט קומען. נאָר מען הערט שוין זיין אייגענעם ראַלניק׳ישען טאָן אין דעם בייזערען זיך אויף די געליעבטע וואָס האָט איהם אָבגענאַרט:

„כ׳בין אריין און פערשלאָסען די טיר:
זאָלסט ניט וואַגען זיך ווייזען פאַר מיר!...“

אָט דאָס איז ראַלניק׳ס שטימונג! ער וויינט מעהר ניט, נאָר ער טראָגט אויס זיינע ליידען שטילערהייד. אַזוי ווי ער דערצעהלט דאָס אין דעם ליעד׃

„דו ביזט אין בעט געלעגען,
געלעגען און געוויינט;
אַז דו ביזט קראַנק געוואָרען —
האָט יעדערער געמיינט.

נאָר איך בין אויף אַן אמת
פון ליעבע קראַנק צום טויט;
דאָך וויין איך ניט און קלאָג ניט —
איך געה אוים שטילערהייד“.

דאָס איז שוין ניט קלאָגען, נאָר רעזיגנאַציע. נאָך אַ שפּע־טערער מאָמענט אין ראַלניק׳ס שטימונג.

אום צו רעזיגנירען דאַרף מען האָבען שטאַרקען ווילען, דעם כח פון אַ פּערזענליכקייט. מען דאַרף ניט בלויז האָבען דורכגע־גאַנגען די אַכט אָבטיילונגען פון גהינום, נאָר מען דאַרף אויך האָ־בען דעם כח אויפצועפענען אַ נייע טיר... צו אַ נייער אָבטיילונג פון גהינום, און זיין גרייט צו יעדער צייט דאָרט אריינצוגעהן. —

מען דאַרף אָבער ניט מיינען, אַז דער וואָס קען דאָס, קען זיך בענוגענען מיט „יאָ—יאָ—ניט—ניט“ געפיהלען, וועלכע זיינען אַזוי לייכט צו בעזיעגען. אָט ווי אינטענסיוו ס׳איז ביי ראַלניק׳ן דער געפיהל פון ליעבע:

„מיין ניט, איך וועל דיך פערגעסען,
מיין ניט דו האסט מיך פערטריבען;
איך וועל דיך אי האסען, אי שילטען, —
און קיינמל ניט אויפהערען ליעבען“.

שטארק געגוג, אבער ניט נאר אין דער ליעבע ווייזט ראלניק ארויס זיין דיכטערישע גבורה.

איהר דערקענט ערשט ריכטיג ראלניק'ס טעמפעראמענט אין די ליעדער, וואו ער איז מקנא די געלאדענע צום רייכען טיש; וואו ער רעדט אין נאמען פון אלע פערשטויסענע, בעליידיגטע, פ ע ר ז ע ה ע נ ע. ער זעהט אנדערע זאפען זיך אן מיט וואויל־טאג און פרייד, נאר ער:

„און וואו נאר איך געה איז א שמחה, א פרייד,
און וואו נאר איך טרעט — א חתונה־קלייד,
און וואו נאר אן אויג איך בעגעגען — עס שטראהלט; —
מיין אייגענער בליק נאר איז טרויעריג און קאלט“.

אט דעם קאנטראסט צווישען זיך און אנדערע זעהט ער אי־בעראל. יענע יא, און ער ניט, ענגבערט איהם. אנדערע עסען, טרינ־קען, שטיפען און לאכען, נאר איהם ליגען שטיינער אויפ'ן האר־צען. ער קען זיך קיין ארט ניט געפינען. אלע האבען זיך ניצליך געמאכט. אלע האבען זיך צוגעפאסט. נאר ער איז אימער דער ניט צוגעפאסטער, דער ארויסגעשטויסענער...

„וועל איך ליידען, וועל איך שווייגען,—העלפט דען דער געשריי ?
וועמען ארט עס, וועמען ריהרט עס, אז עס פוילט א שטרוי ?“

דאס וואס קיינער טהיילט ניט זיינע ליידען, פערשטארקט נאך מעהר זיין פערביטערונג. מענשען זיינען אזוי פערנומען מיט זיך, אז זיי האבען ניט קיין חוש פאר'ן צווייטען. און וואס מעהר א מענש ליידט אלץ מעהר פיהלט מען זיך צודערווייטערען פון איהם... דערפון קומט א טאפעלטער פערדרוס. ערשטענס, דער פערדרוס געגען מזל: פאר וואס זאל איך זיין פעראורטיילט צו ליידען, בעת אנדערע האלטען אין איין נאשען פון לעבען ? צוויי־

טענס, פאר וואס זאלען מענשען זיין אזוי קאלט און ווייט פון דעם וואס ליידט? און פון פערדרוס ווערט געבוירען די קנאה. און פון קנאה כעס און קריעג. ער איז צוקריעגט מיט דער וועלט. ער מיידט אוים דעם „שליאך דעם טומלער“, און געהט מיט „אן אב־געלעגטען וועג“. זאלען אנדערע רייטען „אויף הויכע קליאטשעס“.

עס טהוט דאך אבער וועה, און אלס אן אברוה און ערלייכטע־רונג קומט דער סארקאזם:

„פאר אייך די גרוימינגע חדרים,
מיט טישען, בעטען, רייך געגרייט;
פאר מיר א לעבען לייטס־געלעכטער,
פאר מיר א הינטער־פארקען טויט“.

אבער דער סארקאזם שוואכט ניט אב דעם קנאה־געפיהל. פערקעהרט, די קנאה ווערט ביי איהם וואס אמאל שטארקער. זי ווערט זיין געטראנק. ער פער׳שכור׳ט זיך מיט איהר ווי מיט א זיסען גיפט... ער זאגט אז ער דארף ניט טרינקען קיין טהיי אדער נעהמען אפיום אום דעם שלאף צו פערטרייבען:

„מיט מיר וועט וואך די גאנצע נאכט
די הייסע קנאה בלייבען;
דער טויזענד־שפיזעדיגער האס
וועט מיר דעם שלאף פערטרייבען“.

דא זעהט מען, אז ראלניק דעקלאמירט ניט זיינע אדער עמי־צענס ליידען. אלעס וואס ער האט געשריבען, האט ער טיעף דורכ־געליטען, ווי א מענש מיט אן אייגענע לעבענס־עמפינדונג. ראלניק האט געלעבט זיין ליעד. נישטא ביי איהם קיין אנשטעלען. ער לאזט זיך ניט פערפיהרען פון שעהנעם גראם. אדער פון דער שעהנער פראזע. ער איז דער אויפריכטיגסטער פאעט אין דער אי־דישער פאעזיע. כמעט יעדעס ליעד קומט ביי איהם פון אן אינ־טענסיווען געפיהל.

אז עפעס אויסערגעוועהנליכעס האט מיט דעם מענשען פאר־סירט, פיהלט מען כמעט אין יעדער שורה וואס מען לייענט ביי

איהם. נישטאָ ביי ראַלניק'ן קיינע געמאַכטע פּרעטענזיעס צו דער וועלט. ער האָט אויף אַן אמת'ן דערפּיהלט דאָס בייזע אין לעבען און עס איבערגעגעבען אין זיין ליעד. דאָס לעבען איז געווען פאַלש צו איהם. איהם ניט צוגעטיילט זיין חלק. גלייך ער וואָלט אין איהר לכתחילה געבוירען געוואָרען אַ פרעמדער. און איהם קומט ניט.

ראַלניק האָט זיך פערביסען אויף דער וועלט. די גרויסע, די רייכע וועלט, וואָס האָט אַזוי פיעל אוצרות און גיט דעם „בלייכען שוויינער" גאָר נישט:

„איהר האָט ביכלאַך אין די בענק און קליין געלד אין די
טאַשען,
אַ ווייב און קינד אין הויז, בעקאַנטע אין די גאַסען:

— —

„און איך... ווער האָט דאָס ליעד אין האַרץ אריינגעגעבען,
און האָט געזאָגט: מיט איהר און פאַר איהר זאָלסטו לעבען?"

דאָס ליעד, איהר זעהט, איז אַ טייל פון זיין גורל. אין די „נישט געבונדענע פערזען" מאַכט ער פון זיין ליעד גופא אַ וואָפען געגען דער פערהאַסטער, קאַרגער וועלט. ער שליידערט זיין ליעד געגען די דומע, קליינליכע טומעלנישען פון לעבען, וואָס לאָזט ניט קיין פּלאַץ פאַר שעהנקייט, פאַר חלום...

„מיין ליעד, ווער דאַרף מיין ליעד, מיין בלוט פון האַרצען
האָבען?
אַ היים געבראָטענער סטייק וועט איך פיעל בעסער לאָבען".

די וועלט, די קלוגע פּראַקטישע וועלט, איז צופיעל פערנומען מיט איהרע געשעפטען, מיט איהרע קריעגערייען, מיט איהרע וואָוילטאָגען, מיט איהרע ל י נ ע נ ס: צו וואָס דאַרף זי קונסט, פּאָעזיע?

אַזאַ קלוגע וועלט לעבט צופיעל מיט אייגענע אינטערעסען זי זאָל געבען דעם דיכטער וועלכע ס'איז אויפמערקזאַמקייט. דער־פאַר בלייבט פעראַכטענדע קנאה אפילו אין יענע ליעדער, וואָס זיינען ספּעציעל געווידמעט דעם דיכטער, און האָבען דוכט זיך צו דער וועלט קיין שייכות ניט.

אין זיין דיכטער־הימן, אין דער האפיז־סעריע, טראכט ער זיך אויס אומישנע געגנער, וועמען צו האסן און צו פערטשעפען. ער נים דעם עצם פון זיין פילאזאפיע — רעזיגנאציע — ער שטעלט זיך העכער פון ליידענשאפטען, ווייב און וויין, און דאך די קנאה פערלאזט איהם נים:

„א. האפיז וויס, אז וויין און ווייבער
פערמאגען נים דעם מינדסטען ווערטה;
דאס שטעהט אין „בוך": ער האט דאס זעלבע
פון אלטע, פרומע לייט געהערט..."

וואס פאר א שטילער בעהאלטענער סארקאזם!

„דאך ווערט נאכט איין, נאכט אוים, כסדר
אין איינזאמקייט זיין הארץ פערצעהרט:
און ס'רויבט דער קנאה'ס צינזען־מאהנער
פון זיינע טעג דעם לעצטען ווערטה".

אין דער גאנצער וועלט פאעזיע איז נישטא אזעלכע טיעף דורכ־געלעבטע קנאה־ליעדער ווי ראלניק'ס. די קנאה איז ביי ראלניק'ן געווארען דער הויפט טאן אין זיין שפראך.

אזוי איז קנאה נים קיין שעהנער געפיהל, ווען זי איז קליינליך פערזענליך. ראלניק האט אבער די קנאה דערהויבען צו א פילא־זאפיע. זי איז געווארען זיין לעבענס־עמפינדונג. דורך איהר זעהט ער די וועלט. דורך איהר האט זיין רעוואלוציאנאריזם אנגענומען אין אינטימען כאראקטער. דאס איז זיין אריגינעלער אופן פון רעבעלירען. די קנאה איז ביי ראלניק'ן דער קלימאקס פון זיין פראטעסט געגען דער וועלט. און אפילו זיינע ליעבע־ליעדער זיי־נען קנאה ליעדער.

אין ראלניק'ן בונטעוועט זיך א הארץ וואס איז געשטראפט געווארען מיט צופיעל ליעבע און פיינקייט, און איז פערביטערט געווארען דערפאר ווייל מען האט עס מיסגעפיהלט...

ביי איהם איז נים קיין קנאה פון האס, נאר קנאה אוים ליעבע — דורך ענטוישונג... א זעלטען־זיגזאג.

דאָס האָט איהם אבער צופיעל איינגעשלאָסען אין זיך. איהם איזאָלירט פון לעבען. געמאכט איהם ענג־צענטריש. נישט געלאָזט פערווייטען זיין בליק. ער איז געוואָרען האלב טויב און בלינד צו דער וועלט. אויב ער האָט געוואוינען אין דער טיעף — האָט ער אבער אנגעוואוירען אין דער ברייט. ס׳האָט איהם צונויפגעקאַר־טשעט. ער האָט זיך ניט געקענט אויסשפרייטען...

אמת, די קנאה האָט איהם סטימולירט, געשטארקט, געגעבען פונדאמענט; אנגעצונדען זיין טעמפּעראמענט און גערעגט זיין סאר־קאסטישע שארפקייט. זי האָט איהם אבער צופיעל פערפרעמדט פון מענשען, געמאכט איהם אנטי סאָציאל. איהם ארייננעצויגען אין א צו ענגען ווינקעל, וואו ער קען בלויז הערען זיינע אייגענע טריט און זעהן זיין אייגענעם פּנים אין שפּיגעל...

איז איהם טאקע געוואָרען צו ענג, מיט דער קנאה אליין האָט ער ניט געקענט בלייבען. זיין ראנגלענדער איך האָט געמוזט געפי־נען אן אברוה. און ער האָט טאקע געפונען. ער איז צו עפּעס גע־קומען.

האבענדיג זיך צופּעכט מיט דער וועלט און מיט זיך, איז ער ארויס דער זיגער. דורך דעם קאמפּף איז ער דערגאנגען צו א העכערער מדרגה. צו דער שטילער רעזיגנאציע. צו דער אנערקענונג אז אין לעבען איז דאָ א מוז, אנדערש קען ניט זיין, מען מעג ווי שטארק וועלען... ער איז געקומען צו דער פולער איבערצייגונג אז ער און די וועלט וועלען זיך קיינמאָל ניט פערשטעהן: און ער האָט זיך בערוהיגט אויף דעם:

„וועלט דו שעהנע, וועלט דו וואוילע!
עס פערדריסט — מען מוז צוגעהן:
איך וועל קיינמאָל דיר געפעלען,
דו מיך קיינמאָל ניט פערשטעהן".

אבער אויסמיידען די וועלט אינגאנצען, זיין אליין איז שווער. מען מוז זיך שאפען אן אייגענע וועלט אין דער וועלט. און אפילו אין דער אייגענער וועלט ווערט פיעל מאל ענג. מען דערפיהלט די אייגענע גראַטעס... פון זיך — און עס ווילט זיך ענטלויפען... אבער

אז ס'איז ניטאָ קיין וועג — וויל מען זיך אַליין פאַרלייקענען, און מען זאָגט:

פון קאָפּ די שכרות שלאָג אַרויס,
און רייב די אויגען ניכטער אויס;
פון האַרצען טרייב אַרויס דעם חלום,
און מאַך מיט דיינע גראַטעם שלום".

ראַלניק האָט אָבער פון האַרצען זיין חלום ניט אַרויסגעטריבען. דאָס איז בלויז געווען אַ רגע'דיגער פאַרלאַנג אויס פאַרצווייפלונג. דער וואָס האָט אַ חלום קען איהם ניט פאַרטרייבען — נאָר מיט די גראַטעס שלום האָט ער יאָ געמאַכט. ווייל אַנדערש האָט ער נישט געקענט. אום צו לעבען האָט ער זיך געמוזט בעשיצען... ער, דער נשמה'דיגער, ציטעריגער, פיין־געשטימטער ווינקעלמענש.

ראַלניק האָט דערפאַר אָבגעשניטען מיט וועלט און מענשען. ער האָט זיך אין גאַנצען בעפרייט פון דער הפקר־גאַס. ער האָט זיך אין זיין איינזאַמקייט פאַרמויערט. ער האָט מעהר קיין געמיינשאַפטליכעס מיט די שרייער:

„צווישען מיר און אייער האַווען
שטעהט אַ וואַנד פון בליי;
אייער ווייגען, אייער שרייען
געהען מיך פאַרביי".

אַזוי פאַרהאַרטעוועו זיך געגען אַלעס קען נאָר איינער וואָס האָט פיעל געליטען פאַר זיין פּערזענליכקייט און געבליבען ע ר.

ראַלניק איז געקומען צו זיין וועלט עמפּינדונג: צו זיין פאַרהאַרטעוועט געגען אַלעם אין לעבען.

ס'איז אָבער דאַ אַ גרויסער אונטערשיעד צווישען דעם איצטיגען ראַלניק, וואָס האָט זיך אַליין איינגעשלאָסען, און דעם אַמאָליגען „איינזאַמען בחור" וואָס האָט געליטען דערפון וואָס קיינער האָט איהם ניט געהערט. איצט אַרט איהם מעהר ניט וואָס ער איז ניט געלאַדען צו שמחות. איצט פיהלט ער אויף אַן אמת'ן: „וואָס געהען מיר חתונות פרעמדע דען אָן?".

ער איז געקומען צום בעוואוסטזיין, אז ס'איז א העכערער וועג צו ערלייזונג — ליעב קריגען די אייגענע ליידען... „אליין איז די נשמה ריין". און אויב ס'איז שווער, די אומגעלומפערטע וועלט רייסט זיך דאך אריין, האט ער א מיטעל:

„איך וועל זיך מיט האס פערבויען —
הויכע ווענד און שטארקע טירען,
שמייכלעריי און ליעבליכקייטען
זאלען זיי פון ארט ניט ריהרען.

און א שילד מיט שווארצע ווערטער
וועל איך אויפהענגען אין דרויסען:
ווער עס וויל מיר גוטעס ברענגען,
דער זאל בלייבען דרויסען".

איצט צווייפעלט שוין ראלניק מעהר ניט צו זאל ער ווערען ווי די וועלט פערלאנגט צו זאל ער בלייבען ע ר.

ער וויל שוין מעהר זיין חלום ניט פערטרייבען. דאס ליעד „איז אין מיר און וועט מיט מיר, ווי וויין פערזיגעלטער פערבלייבען".

ראלניק האט צוזאמען מיט זיין „איך" אויך געפונען די שטי־לע רוה. ער קען שוין איצט דאס לעבען צו גוט. קיין זאך קען איהם שוין איצט מעהר איבערראשען, ענטוישען. ער איז שוין צוגע־וואוינט צו אלע לעבענס־זיג־זאגען:

„איך געה שוין לאנג ארום אין לאנד:
דער וועג איז שוין מיר צו בעקאנט:
איך ווייס וואו ער איז ברייט, וואו שמאל:
נאך יעדען בארג קומט באלד א טהאל".

אויב דאס לעבען איז א שטענדיגעס פאלען און שטייגען, און „מיט יעדער רויז געהט מיט א דערנער־וואך", איז דאך דעם מענ־שען'ס מזל אונפערמיידליך. אלץ וועט סיי ווי געשעהן, אזוי ווי עס מוז געשעהן. טא צו וואס שרייען? ס'איז דען דא צו ווערען?

ראלניק האט טאקע אין דער לעצטער מדרגה זיך אויפגע־הערט כעס'ן. ער שעפטשעט בעסער א תפלה צו גאט — צו זיך אליין...

ראַלניק האָט זיך אַן אייגענע רעליגיאָן געשאַפען. אַן אייגענעם גאָט זיך אויסגעפאַנטאַזירט און זינגט צו איהם זיינע תפלות. ער זינגט צו איהם אַ לויב, ווייל ער איז געוואָרען אויסגעלייזט. און אַז מיר הערען זיין פּיעטעטישען געזאַנג פיהלען מיר אויך אַ טרייסט. און צוזאַמען מיט איהם פיהלען מיר אַז צו ראַנגלען זיך מיט'ן ריעזיגען ים, דאָס לעבען, איז צו שווער. זאָגען מיר מיט זיינע ליפּען:

„שלאָגען זיך מיט ווינד און כוואַליעס, איז פאַר מיינע כחות ניט:
גיב איך גאָט אַ שבת — אין זיינע הענד בעהאַלט איך מיין
געמיטה".

און ער לאָזט דעם רודער: ס'אַרט איהם ניט. לאַנד צו אַבגרונד, — ערגעץ וועט עס איהם ברענגען דאָך...

ראַלניק האָט דערגרייכט די אינערליכע הייליגקייט. מען פיהלט אין זיינע פּערזענליך רעליגיעזע ליעדער אַן אמת'ע פּיעטעטישע שטימונג פון אַ געלייטערטע נשמה...

ער איז ניט געקומען צו דער אַלטעגליכער לעבענס ווייזהייט. ראַלניק בעהאַלט זיך פון טאָג און זיין פּראַקטישען האַוועז. ער איז אַוועק צו זיך, און אין דער איינזאַמקייט האָט ער זיך געשאַפען זיין אייגענע לעבענסווייזהייט. די חכמה פון דעם פילאָזאָף, פון דעם תנא. און דער תנא זאָגט אַז דעם מענשענס קאַמף איז בלויז אַן אויסגעטראַכטער טעות.

איז דען ווירקליך דאָ אַזאַ הייליגע זאַך פאַר וואָס עס זאָל זיך לוינען צו קעמפּפען?

יעדער קאַמף איז געבויט אויף אַ פערבלענדעניש. ראַלניק זאָגט: „דער גאַנצער קריעג — אַ חלום נאָר, אַ דורכגעלעבטער אין אַ פיבער", און אַז מען ווערט וואַך זעהט מען — „עס האָט גאָר ניט געלוינט צו שלאָגען זיך דעריבער..." ווייל „דער טאָג איז קורץ" און דאָס לעבען. „דער מדבר האָט קיין ברעג", קיין ציעל. בחנם דיין תכלית זוכען:

„דיין הויז וועט צוטראָגען דער ווינד איידער ס'וועט אויפגעהן די זון". „און פּלוצלונג קען קומען די נאַכט". דער טויט. און אַז ער לאַדעט איין מוז מען געהן.

ראַלניק איז דערפאַר אפילו סטאָיש אין זיין בעציהונג צום טויט. ער מאַכט שלום מיט דער אונפערמיידליכקייט:

„איך מוז און וועל אוועקגעהן,
צו פריהער אדער שפעטער:"

טא צו וואס זיך שרעקן אדער קלאגן דעראיבער? נאך וואס אומזיסטע טענות צו דעם „האר פון גאר נישט"? ס'וועט דאך סיי ווי ניט העלפן. טא לאמיר בעסער זיין צוגעגרייט און בעגעגענען די אונפערמיידליכקייט שטיל און רוהיג:

„איך וועל אוועק פון דאנען
אהן טענות און אין פריעדען:"
און וועט זאגען:
„א גוטע נאכט! איז א גוטער שעה..."

אט די וואונדערבארע טרייסט־ווערטער האט נאר געקענט ארויסזאגען אזא שטיל רעזיגנירטער, אויסגעלייטערטער מענש ווי יוסף ראלניק.

ראלניק האט ליעב געקראגען דעם טויט.

די אייביגע דריי סודות פון לעבען, די מיסטעריעזע דרייאיי־ניגקייט, גאט, ליעבע און דער טויט, האבען זיך פאר איהם ענט־פלעקט אין א י י ן מיסטישע געשטאלט. אמאל איז די ליעבע געווען גאט, און אמאל איז גאט געווען די ליעבע: אמאל זיינען ביידע געווען דער טויט...

און ער האט געוואַרט אויף אן אויסלייזונג... יעדעס מאל, ווען ער האט געעפענט די טהיר פון זיין הויז, האט ער ערוואַרט צו טרע־פען דעם טויט און איז געווען גרייט זיך איבערצוגעבען אין זיינע ארעמס...

ער האט געבענקט נאך דער ליעבע... און ליעב געקראגען דעם טויט — און האט זיך פערלוירען אין דער האפענונג צו בעהעפ־טען זיך מיט דעם גאט, וועלכען ער האט זיך אין זיין בענקשאפט אויסגעטרוימט....

*

ס'איז גוט צו געהן אויף אן אייגענעם וועג, נאר מען דארף אבער האבען א שטערען וואס זאל לייכטען.. צינדט ראלניק זיך אליין אן א שטערען. שאפט זיך אן אייגענעם טרייסט: אז ער איז א קעניג. נאר א פערשטעלטער, וועלכען קליינע וואכעדיגע מענשען קענען ניט דערקענען, ווייל ער געהט שטענדיג ארום „איקאגניטא". קוקט ניט וואס ער איז ניט רייך, האט נאר „איין בגד פאר הויז און שוהל און פאר'ן וועג;" מיט דעם זעלבען בגד, וואס האט אויף זיך שטויב און פלעקען, וועט ער קומען אין הימעלס רייך... מיט דער זעלבער נשמה וואס ער רעדט צו אונז מענשען, שאפט ער זיין ליעד. זיין קעניגרייך:

„כ'בין א קעניג, האב א הארעם
פול מיט יונגע, שלאנקע פרויען.
קוקט ניט... קוקט ניט... איך דארף קיינעם
מיינע טרוימען צו פערטרויען..."

ראלניק דארף מעהר ניט דעם קעניגרייך פון דער וועלט. ער האט זיך געשאפען אן אייגענעם, אבער א גרעסערען, א שעהנערען:

„מיין ליעד, דאס איז מיין מאנדעל־ברויט,
מיין ליעד, דאס איז מיין פורפור־קלייד".

ראלניק גלארעפיצירט איצט דעם חלום. אלעס איבעריגע האט קיין תכלית. וואס פאר א ווערטה האט דאס לעבען פון די פיליס־טער? ווער וועט זיי געדענקען?

„וואו איז סאקי הינגעקומען,
דער גאטספארכטיגער סאהיד?
ניט פערגעסען נאר איז האפיז,
ניט פערקלונגען — האפיז'ס ליעד."

ס'איז דא געמיינשאפטליכעס צווישען האפיז דעם פרינץ פון פאעזיע און ראלניק, דעם פערשטעלטען קעניג.

פון די האפיז־ליעדער וואקסט נאך אמאל ארויס פאר אונז דער ראלניק ווי מיר האבען איהם דערקענט. האפיז האט געאפ־פערט זיין לעבען זיינע ליעדער, אזוי אויך ראלניק. און פונקט ווי האפיז האט ער אויך ניט געזוכט קיין מאטעריעלען תכלית ווי אנ־דערע:

„סאקי מאכט פון קונדען רענדלער:
א קאריערע מאכט סאהיד;
סאקי, און סאהיד, און קונדען, —
איז פאר האפיז (ראלניק) בלויז א ליעד".

ווען דער קעניג פון פערסיען האט איבערגעלייענט א ליעד וואו האפיז זאגט אז ער וואלט צוויי לענדער אוועקגעשאנקען צו אן אייזעל, וואס האט בעוואונדערט די שעהנקייט פון זיין געליעבטע: האט ער געשיקט נאכ'ן פאעט און איהם געפרעגט:

הער, האפיז: איך האב יאהרען לאנג געקעמפפט, איינצונעהמען סאמארקאנד און בוכארא און דו שענקסט זיי אזוי לייכט אוועק צו אן אייזעל פאר די בעוואונדערונג פון א מיידעל'ס שעהנקייט?

און אזוי האט איהם געענטפערט האפיז:

אט דערפאר קעניג, וואס איך בין אזוי פערשווענדעריש אין מיינע ליעדער, בלייב איך אזוי ארעם ווי דו זעהסט מיך"...

דער קעניג האט דעם דיכטער פערשטאנען, דערצעהלט די לעגענדע, און איהם פיין בעהאנדעלט.

די לעגענדע כאראקטעריזירט דאס פערסישע פאלק און איהרע דיכטער.. האפיז איז געווען רייך אין פאנטאזיע און פערשווענדעט זיין גייסט אין זיינע ליעדער. דערפאר איז ער ווי אלע רייכע פאנטאזיארען געבליבען אהן מאטעריעלען רייכטהום. אבער דאס פאלק האט געוואוסט צו שעצען די רייכקייט פון דעם דיכטער'ס נשמה און איהם פערארייביגט.

און איז אין דעם ניטא פיעל עהנליכקייט צווישען האפיז'ן און ראלניק'ן?

ראלניק, וואס האט ניט געזוכט קיין אנדערען תכלית אין לעבען אויסער זיינע ליעדער, איז געבליבען פאר דער וועלט דער איינזאמער למד־ואו'ניק, וואס קען זיך ניט פערגלייכען אין רייכטהום מיט'ן קלענסטען געשעפטס מענש. אבער דערפאר האט ער אנדערע רייכטימער... וואס קען ער נאך מעהר פערלאנגען?

ער קען שוין געהן מיט'ן „זאמדיגען וועג", ער וועט סיי ווי קומען ווייטער ווי זיי...

ראלניק האט אין זיינע האפיז־ליעדער דערהויבען דעם דיכטער צום הערואיזם פון א מארטירער. צום העכסטען הערואיזם

פון גייסט. זיין נשמה איז אזוי אויסגעלייטערט אז דער טייפעל זאגט ער קען איהר ניט קויפען:

„צו לאנג האסטו איהר מיט תפילות
און מיט ליעדער אויסגעצעהרט;

— — — — — — — — — — — —

„איך דארף פלייש מיט בלוט און ביינער!
איך האב ליעב — זיין גוט געשפייזט.
דיין נשמה איז א שווינדעל —
אויבען — פארמעט, אונטען — גייסט.“

דער גייסט אבער איז זיך בעוואוסט פון זיין ווערטה... אלעס איבעריגע אין דער וועלט האט קיין קיום. דערפאר קען ראלניק זאגען: זאלען שוין אנדערע האבען „דעם ניט פערדיענטען הויכען ליעב“. זאלען אנדערע געהען אויף „די בלומען ווייכע וועגען“. „פער־גיסט אייער וויין, איהר מזל'דיגע יעגער“. ווייל

„וואס געהט האפיז'ן אן סאקי
און סאקי'ס וויין?
ער וועט זיין צונג אין דורשט פערברענען,
און רוהיג זיין“.

ראלניק פער'שכור'ט זיך מיט זיין ליעד.

אין דעם איז ער עהנליך צו אלע סקעפטיקער וועלכע האבען זיך אבגעריסען פון דער וועלט און געלעבט מיט זייערע אייגענע פאנטאזיעס. ראלניק האט זיך צוקריעגט מיט דער וועלט, איז אוועק אין זיין צימער און צוגעהאקט די טהיר. ער איז ווי באדלער וואס האט פיינט געהאט דאס דרויסיגע און געלעבט אין זיין איינביל־דונג. באדלער האט געזאגט:

„אום ניט צו זיין די געמאטערטע שקלאפען פון דער צייט, פער'שכור'ט אייך! פער'שכור'ט אייך אהן אויפהער! מיט וויין, מיט פאעזיע, אדער מיט טוגענד — מיט וואס איהר ווילט!“

ראלניק זאגט:

איהר קלוגע לייט, איהר שטארקע מענשען:
נעהמט זיך די ערד, די זון, די שטערען;
און האפיז'ן לאזט נאר זיין ליעד —
ער זאל ניט קיינמאל ניכטער ווערען“.

און דערקענט איהר ניט אין האפיז'ן דעם אידען? דעם גריב־לער פון אלע צייטען? דער מענש פון ספר און תפילות, דער וואס שטעלט העכער די נשמה פון אלעם אין דער וועלט?

מערקווירדיג, ראַלניק בעזינגט ניט קיין אידישע מעשות אדער לעגענדען, פונדעסטוועגען איז ער דער אידישסטער פּאעט צוויי־שען אלע אונזערע דיכטער.

ער איז אידיש אין זיין פעראכטען די וועלט. ער איז אידיש אין זיין קומען צו דער שטילער רעזיגנאַציע. אין זיין אנעהמען באהבה די ליידען פון לעבען און בלייבען מיט א שטארקען בטחון. און ער איז אידיש מיט זיין שאפען זיך אן אייגענעם טרייסט.. א תפלה.

ווען ראַלניק וואלט געלעבט אין די אלטע צייטען, וואלט ער געווען א גרויסער תנא. און געלערענט מיט אידען גאָטס וואָרט. אפילו זיין עניוות איז עכט אידיש. ער איז ניט דער ענו וועלכער האלט זיך פאר קליין. ער איז אן ענו ווייל ער איז גרוים. ביי איהם איז עניוות שטאָלץ! דאס איז אמת אידיש.

און זעהט מען ניט אין ראַלניק'ן דעם ערוואכטען אידישען שטאָלץ אין דעם וואס ער, דער תכלית'לאזער מיעדער וואנדערער איז מבטל דאס פעסטע איינגעפונדעוועטע לעבען פון דער וועלט, און שטעלט העכער פון אלץ דעם דיכטער מיט זיין איינבילדונג?

אין ראַלניק'ן שפּיגעלט זיך אָב דער גייסט פון דאס אידישע פאָלק מיט זיין עקשנות'דיגען אידעאליזם, אייביג צו שטרעבען צום הימעל...

וואס געהען איהם אן די ערדישע פערגעניגענס, פון סאהיד, סאקי און זייער וויין? אז ער איז דער קעניג וואס האט זיך פער־שטעלט פאר דער וועלט...

ווער קען איהם שטערען אין זיין שטילען קעניגרייך? אין דעם קעניגרייך פון אייגענעם איך, אז ער איז, ווי שעקספּיער זאָגט אין זיין האמלעט:

„איך וואלט געקענט זיין איינגעשלאָסען אין א מויערקעפּעל און זיך האלטען פאר א האר פון גרענצלאָזע רוימען...“

[illegible]

1.

אזוי ווי איהר עפענט א בוך פון אפּאטאַשו, קומט אן אונ־זעהבארע האנד, פערוואַרפט אויף אייך א שטריק און איהר קענט שוין נים אוועקגעהן, איהר מוזט זיצען און לעזען.

ווער איז די אונזעהבארע האנד?

די אונזעהבארע האנד איז דער אימפּעט פון פערפאַסער, וואָס האַלט אייך פעסט צו, אַז איהר מוזט איהם אויסהערען, ווייל ער האָט אייך עפּעס אינטערעסאַנטעס צו דערצעהלען...

פון וואָס דערצעהלט אַפּאַטאָשו?

ער דערצעהלט פון ליידענשאַפט, פון בעוועגונג, פון דורות אַלטע פאַמיליעס וואָס ווערען אויסגעריסען ווי דעמבעס נאָך א שטראַם.

ער דערצעהלט פון אויפגערעגטע מענשען, וואָס זיינען אימער אונרוהיג. עס ברענט אין זיי אַזאַ פּאַסיאָן וואָס האַלט זיי אין איין וואַרפען.

שמשון, אין דער ערצעהלונג „אויף יענער זייט בריק“, איז אונרוהיג דורך זיין ניט בעפריעדיגטע ליידענשאַפט.

„ס'האַרץ ציהט איהם צו רוזשקע'ן.

אַט זעהט ער זי אין איהר לאַנגער טערקישער גאַבערדינע מיט האַלבע, ברייטע ארבעל. די האָר צושאַטען. די לאַנגע רייפען־אויי־רינגעלעך וואַקלען זיך אין די אויערען. רוזשקע זעצט זיך אַוועק, מאַכט אריין די גאַבערדינע צווישען די פיס און איהרע שוואַרצע, שעלמישע אויגען לאַזען נישט רוהען, ברענען — — —

און מיט דעם ליידענשאַפטס־חולאת זיינען אַנגעשטעקט אַלע זיינע העלדען.

דזשייק פון דעם ראָמאַן „פון ניו יאָרקער גהעטאָ“ ווערט אויך פער'שכור'ט פון דער רייצענדער מיידעל פּאָלי. דאָס אייגענע מיט די אַנדערע העלדען פון זיינע ראָמאַנען.

געשלעכטליכע ליידענשאפט איז דער אונטער־גרונד פון אפאַ־טאשו׳ס שרייבען. דעריבער האט ער אזוי ליעב צו מאָהלען אויפ־רעגונג, ראנגלעריי און געשלעג. געשלעג ווערט ביי איהם פשוט גלאריפיצירט. עס איז ניט קיין צופעלינער איבעל, נאר א נאטיר־ליכע נויטוועגדיגקייט; אזוי וויביים טאטען מיט די זיהן אין דער ערצעהלונג: „אין וואלד“.

ווען דער אלטער חיים שלאגט זיין קליינעם זוהן לייבק׳ן, דער־צעהלט דער פערפאסער, אז: „דעם טאטענ׳ס קלעפ האבען איהם ווענינ געארט, ער האט געוואוסט, אז אזוי דארף זיין, אז א טאטע האט געזונטע אייזערנע הענד צום שלאגען, און אז ער וועט גרויס ווערען וועט ער אויך האבען שטארקע הענד און וועט אויך שלאגען. דערפאר טאקע האט ער מעהר דרך ארץ גע־האט פאר׳ן טאטען ווי פאר דער מאמען, כאטש די מאמע האט איהם אלץ נאכגעגעבען. און מיט אן אמת האט חיים לייבק׳ן אויך ליעב געהאט, וואס ער מאכט זיך פון די קלעפ קיין וועזען. אריינ־געכאפט, קיין פיפס געטהאן און פארטיג! אזוי דארף עס זיין — האט זיך חיים געטראכט“.

אבער אמיינסטען גלאריפיצירט אפאטאשו דאס עראטישע. כמעט אלע זיינע העלדען זיינען עראטיש אקטיוו. דער ליידענשאפט־שפיעל מאכט זיי פערגעסען, אז ס׳איז דא א טויט אויף דער וועלט, וואס וועט אונז אלע אבבארשטען פון דער ערד... דורך די עראטיק געפינען זיינע מענשען אינטערעס צו לעבען און צו גליק. דער עראטישער פייער צינדט אן זייער פאנטאזיע און מאכט זיי טרוימען אז די ערד איז דער הימעל... אדער צו ווערען פעראייניגען דאס ערדישע און הימלישע, אזוי ווי די שוועסטער און ברידער אין דער ערצעהלונג „שאטענס“....

לויט אפאטאשו׳ן איז דאס תאוה־ליעד דער לע־בענס־אטהעם פון אלע לעבעדיגע בעשעפענישען. און אלעס איז בע־שאפען צוליעב דעם עראטישען טאנץ...

אבער ווי קומט צו אפאטאשו׳ן אזא פערהערליכונג פון דער תאוה? וויל תאוה איז דינאמיק, און דינאמיק איז אפאטאשום כאראקטער.

אז מען קען אפאטאשו׳ן דעם מענש פערזענליך, זעהט מען דאס איין.

2.

דאס ערשטע מאָל האָב איך אפּאטאשו'ן געזעהן אויף א ליטע־ראַרישען אָבענד פון די יונגע שרייבער. דער פאָרזיצענדער האָט איהם פאָרגעשטעלט אלס א גוטען שרייבער, אבער א שלעכטען פאָרלעזער. אז ער האָט אָנגעהויבען לייענען האָט מען טאקע גע־זעהן אז ער לעזט ניט גוט. דאס הייסט, פאַר זיך האָט ער גאַנץ גוט געלייענט, נאָר דער עולם האָט ניט געקענט הערען א וואָרט. ער האָט געלייענט גיך, אזוי ווי פאר זיך און געשלינגען די ווערטער, ווי לאַנגע לאָקשען, גלייך זיי וואָלטען געבריהט.

זיין גאַנצע פיגור האָט פון דער ווייטענס געמאכט עפּעס א מאָדנעם איינדרוק. א קורצער האַלז, א שפּיציגער קאָפּ, וואָס איז אביסעל אריינגעצויגען צווישען די אקסלען. א שמאָל אויסגעצויגען פּנים מיט א לאַנגע דאַרע נאָז און צוויי אונרוהיגע אויגען, וואָס וואַרפען זיך גיך אין אַלע זייטען.

שפּעטער, אז איך האָב איהם געזעהן פון דער נאָהענט, האָב איך ערשט בעמערקט וואָס פאַר אַן אָריגינעל פּנים ער האָט. א ווייס דורכזיכטיגע הויט, א קליין מויל מיט דינע ליפּען. זיין קאָפּ זעהט אוים ווי א דרייעק מיט'ן לאַנגען שפּיץ צו דער גאָמבע. און וואָס העכער, ווערט דער קאָפּ אַלץ ברייטער, ווערט בעשאָטען מיט שוואַרץ געקרייזעלטע האָר, און זיין שטערען געהט ווי א באַרג ארויף.

אז איך האָב זיך מיט איהם בעקענט, האָב איך געזעהן, אז אין אַלץ איז ער בעוועגליך, שנעל. אַן אָריגינעלע אונרוהיגע נאַטור. ער רעדט שנעל, געהט שנעל, און זעהט שנעל. אז ער געהט אין גאַס זינגט ער זיך שנעל מיט אַן אייגענעם נגון: „טאַראַבאַך! טאַרא־באַך! טאַראַבאַך!"

אז איך פלעג אריינקומען צו אפּאטאשו'ן אין הויז האָב איך איהם גאַנץ אָפט געטראָפען אין א לייכטען אַנצוג מיט ווייסע קעמ־טעלאַך, און מיט א פּאָר לייכטע לעטשעלאַך אויף די פים.

סיי זומער, סיי ווינטער האָט ער אין הויז ליעב צו געהען אָנ־געטהון זומערדיג, לייכט. זיינע מאַנירען זיינען אויך פ ל י־ה ע נ ד י ג ע. אז ער רעדט דריקען די בעוועגונגען פון זיינע נאָז־פליגעל אוים עפּעס פיבערישעס, פרעכעס, אזוי ווי ליוויי האָט איהם געצייכענט אין זיין ראַדירונג.

אויף זיינע אויגען דריקען אוים עפעס שפּיזיגעס, שאַרפעס, שטעכיגעס. ער האָט אַרום די אויגען אַזעלכע אויסערגעוועהנליך הויך אַרויפגעשאַרצטע שלעפען, וואָס דריקען אוים כעס און שרעק צוזאַמען.

אַז ער דערצעהלט עפּעס קומט עס ביי איהם אַרויס מיט אימפּעט, פלאַמענדיג, אַזוי ווי אין זיין שרייבען.

אַפּאַטאַשו פערשטעהט מענשען מיט'ן קוק. ער האָט אַ פּאַרשענדען בליק. ער כאַפּט דעם אמת פון דער זייט... ער קען זעהר ניט ליידען אַז עמיצער וויל איהם אַריינשמוגלען אַ ליגען. ער זאָגט באַלד אין די אויגען: „ס'איז ניט אַזוי. ס'איז ניט אמת!" איהם אַרט ניט, טאָמער וועט ער יענעם בעליידיגען דערמיט.

איינמאָל אין אַ געשפּרעך זאָגט ער מיר:

„יעדער מענש איז אַן אַקטיאָר. אַז מען קומט זיך צוזאַמען אין אַ געזעלשאַפט, וויל יעדער אַרויסווייזען וואָס ער קען. ווערט אַ קאָמפּעטיציע, דערוויייל דערצעהלט מען ניט דעם אמת, נאָר וואָס עס פּאַסט זיך... דערפאַר, אויב מען וויל דערקענען אַ מענשען מוז מען איהם כאַפּען פון דער זייט... איהר פערשטעהט? אַ מענש קען דאָך ניט אַלעמאָל זיין אין דער ראָלע פון אַן אַקטיאָר, לאָזט ער פאַלען דאָ און דאָרט אַ וואָרט. און פון די זייטיגע ווערטער קענט איהר איהם דערקענען. ווייל דאָס איז דער אמת. ער האָט זיי געזאָגט אונבעוואוסט, ניט צוגעטראַכט..."

ער האָט אויף מיר גענומען שפּיזען מיט זיינע שאַרפע אויגען און ווייטער געזאָגט:

„איהר ווייסט? יעדער מענש וואָלט געקענט זיין אַ שרייבער ווען ער זאָל נאָר קענען דערצעהלען דעם אמת. די מעהרסטע מענשען קענען דאָס ניט אַפילו ווען זיי ווילען. זיי פערמישען דעם אמת מיט אַזוי פיעל ליגען, אַז מען קען איהם שוין מעהר ניט אַרויסזעהן..."

ער האָט זיך אויפגעשטעלט אין זיין ברייטער פּאָזע און מיר געגעבען אַ קלאַפּ אין פּלייצע:

„יאָ, שטיינבערג, די ערשטע פעהיגקייט פון אַ שרייבער איז צו קענען זעהען דעם אמת און איהם דערצעהלען אַרויסגעשיילט פון אַלע ליגענס. דאָס פערשטעהט איהר מיך, איז דער גרונד! אַז ניט איז מען קיין שרייבער ניט, נאָר אַ—"

אפּאַטאָשו האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז געווען דער רעדאַק־טאָר פון „די נייע היים". דער זאַמעלבוך איז ווי אַ פּראָטעסט קעגן די „שריפטען". ער האָט אין „די נייע היים" אָבגעדרוקט זיין ראָמאַן „פון ניו יאָרקער געטאָ".

אפּאַטאָשו איז זעהר עגאָאיסטיש געשטימט. ער האַלט זעהר פיעל פון זיך. פון אַנדערע שרייבער האַלט ער נאָר פון געצעהלטע.

אויף פיעלע שרייבער קנייטשט ער מיט דער נאָז. — לאַנגוויי־ליג. ער האָט ליעב ס'זאָל שטורמען פון אַלע זייטען, ס'זאָל פּלאַ־מען. ער האָט אַ היציגע פאַנטאַזיע. דאָס צאַפּעלדיגע, דאָס פרייע האָט ער גע'ירשנ'ט פון זיין מוטער, זאָגט ער. אויסגערעכענטקייט, מאָס און דאָס אַריינדרינגען אין זאַכען — פון פאָטער, וואָס איז אַ ירושה פון דור דורות חקרה און לומדות.

אפּאַטאָשו שטאַמט פון אַ הויכע אַריסטאָקראַטישע פאַמיליע. זיין יחוס ציהט זיך פון תוספות־יום־טוב. ער האָט ליגען בריעף פון זיינע זיידעס און עלטער זיידעס, וואָס זיינען געווען בערימטע גאונים. און ער איז זעהר שטאָלץ דערויף...

*

אַז מען לעזט אפּאַטאָשו'ס שריפטען, זעהט מען, אַז אין איי־ניגע ערצעהלונגען דערגרייכט ער צו אַ סינטעז פון טעמפּעראַמענט און פאַנטאַזיע. נאָר געוועהנליך נעהמט דער טעמפּעראַמענט ביי איהם די אויבערהאַנד. די עראָטיק מינגוועט און היצט אַזוי ווי אַ פערשטיקטער פייער...

און דאָס ערקלערט אויך, ווי אַזוי אַ מענש, וואָס שטאַמט פון אַזאַ גרויסען יחוס, זאָל גאָר שרייבען פון דער אונטערוועלט.

עראָטיש איז דער איבערגאַנג פון דעם אַלטען אידישען לעבען צו דעם היינטיגען. די ליידענשאַפטען זיינען פריהער געווען שטאַרק איינגעצוימט. מיט אַמאָל זיינען די קייטען לויז געוואָרען, און די פון לאַנג צונויפגעדריקטע ליידענשאַפטען האָבען זיך מיט אַן אימ־פּעט־נעטהאָן אַ לאָז אויפ'ן לעבען, ווי ווילדע פערד אויף אַ פּרעירי...

אפּאַטאָשו'ס פאַר־דורות זיינען געווען אַסקעטען, צוריקגע־צויגענע, געקוקט אויף לייב מיט פעראַכטונג — האָט אפּאַטאָשו רעוואָלטירט געגען זיי, זיך געטהאָן אַ ריס צו פרייקייט, צו הפקר־דיגקייט. נאָר דער, וועמעס אורעלטערן זיינען געווען עקסטרעם עטיש, איז קאַפּאַבעל צוצורייסען דעם נעץ פון עטיק.

לעזט זיין ערצעהלונג „מאררים און זיין זוהן פיליפ“. אין דער ערצעהלונג האבען מיר מענשען אהן אן עטישען געפיהל. מאררים איז אויסגעטהאן פון אלעס. ער איז דער אמת׳ער הפקר־טיפ פון דער אמעריקאנער גאס. ער האט אין גאנצען פערגעסען וואס מען מעג און וואס מען טאר ניט...

שמשון דער פאקוסניק אין דער היים — „אויף יענער זייט בריק“ — האט נאך געהאט טיעפערע געפיהלען, זעעלען־אונרוה און א שטארקען מאראלישען אינסטינקט. אז: „זיין חבר שלמה „קראדניק“ קומענדיג פון ווארשע איהם האט דערצעהלט, אז מיט אזא מיידעל ווי רוזשקע קאן מען אין ווארשע מאכען א בכבוד׳יג לעבען.

עס האט פיעל ניט געפעהלט שמשון זאל פאר אזא עצה אריינפאהרען „קראדניק׳ען“ אין פיסק אריין.“

אבער מארים, דער אקטיאר אין אמעריקא, איז שוין אין גאנצען הפקר. איהם ארט ניט וועלכע אידענע ער וועט נעהמען, אבי ער זאל נאר האבען צו עסען און „ניט דארפען איינטונקען א פינגער אין קאלטען וואסער“. ער האט קיין מענשליכע בעציהונג צו א פרוי. די ערשטע, וואס קומט מיט געלד, נעהמט ער. אז מיסעס סאלאמאן רעדט איהם איין ער וועט ניט דארפען ארבייטען, זאגט ער צו מיט איהר חתונה צו האבען. און ביי נאכט ,אז רבקה נארט אויס ביים בלינדען די צוויי הונדערט דאלאר, ענטלויפט ער מיט איהר, איבערלאזענדיג אויף הפקר זיין אינגעל פיליפ און רבקה— איהר סילווע.

אונטער דעם לייכטען הומאר פון דער ערצעהלונג, האט אפאטאשו אנגעהויכט איינע פון די וויכטיגסטע פראבלעמען פון דעם אמעריקאנער אידישען לעבען.

די אנגעפאהרענע פון אלע וועלט־טהיילען האבען דא ארא ב ג ע ב א ר ש ט פון זיך אלע טראדיציעס, אלע געוואוינהייטען; קיין נייע האט מען נאך ניט געקענט אויפנעהמען. איז מען געבליבען גייסטיג הויל... און אין אזא גייסטיגע הוילקייט ווערט ערצויגען דער יונגער דור... נישטא קיין שאנדע, קיין שעהנע מדות, וואס יעדעס קינד האט זיך אין דער היים אבגעלערענט פון טאטען, פון זיידען — דא לאכט מען פון זיידען...

לערנען לערענט זיך דא דער יונגער דור פון גאס!...

אבער מיט נאך פיעל מעהר קראפט האט אונז אפאטאשו גע־וויזען די אמעריקאנער הפקר־גאס אין זיין ראמאן „פון ניו יארקער גהעטא". דא איז שוין אפילו ניטא קיין ערינערונג פון „שטעדטעל". די שטעדטלעך פון אש און וויסענבערג זיינען שוין לאנג אונטער־געגאנגען. אש'ס „שטעדטעל" איז שוין מיטהאלאגיע. ניטא מעהר קיין שבת, קיין יום טוב. אנשטאט די שוהל איז דא די „מואווינג פיקטשור", די גאס און די „קענדי סטאר" פון „מיסעס ריטש". מען געדענקט מעהר ניט פון וואנען מען איז געבוירען. פערגעסען טאטע מאמען, גלייך מען וואלט ארויסגעקומען פון א שטיין. אין דער היים איז דאס שטעדטעל שוין אויך חרוב געווארען. אנשטאט ס'בית המדרש — די שענק. דארט אויך, אנשטאט טאטע מאמע, שוועסטער, ברודער — די גרויסע פרעמדע גאס.

דער יונגער דור צופאהרט זיך אין די גרויסע שטעדט און ווערט אזוי ווי דא איינגעשלינגען פון די אייזערנע חיות מיט די טויזענטער מיילער און צוריבען מיט די שטאהלענע צייהן פון די מאשינען...

אפאטאשו איז געווען דער ערשטער, וואס האט אונז געוויזען דעם סוף פון שטעדטעל. ער האט געוויזען, אז מיר האבען אלץ געלאזט הינטער זיך, ווי ווען מען געהט פון א בית הקברות, מען רייסט די גראזען מיט די ווארצלען אויס און מעןווארפט זיי הינ־טער זיך...

מען זעהט שוין מעהר נישט אש'ס פרומע בוימער, וואס „דאווענען ביחיד אין פעלד."

*

אפאטאשו איז געווען דער, וואס האט אונז געוויזען דאס אי־דישע לעבען אין אמעריקא אזוי ווי עס איז — ניט אין דער פאנ־טאזיע, נאר אין דער ווירקליכקייט. קאברין און ליבין האבען גע־מאלען אידען אין אמעריקא אזוי ווי קוריאזען. בעל מחשבות האט א טעות, ווען ער מיינט אז אין ליבינ'ס שריפטען זעהט מען דאס אמעריקאנער אידישע לעבען. מען קען פון זייער שרייבען האבען אזא בעגריף וועגען דעם היגען אידישען לעבען, ווי מען קען וויסען פון דעם אידישען לעבען אין רוסלאנד, פון די שריפטען פון טשי־ריקאוו און ארזשעסקא.

די מענשען זיינען דא אויפגעוואקסען אויף די געפלאסטערטע גאסען, און זיי לעבען דא און לויפען מיט דער טעמפא, מיט'ן ריס פון די אייזערנע פערד, וואס יאגען זיך איבער די הייזער.

אפאטאשו קען מייסטערהאפט מאהלען אט דעם דרויסענדיגען לעבען פון טומעל און בעוועגונג. ביי קיין אידישען שרייבער איז ניטא אזוי פיעל בעוועגליכקייט און אזוי פיעל האנדלונג, ווי ביי איהם.

אין דעם ראמאן „פון ניו יארקער גהעטא" האט זיך אפאטאשו פערנומען ברייטער, אלגעמיינער ווי אין „מארדים און זיין זוהן פיליפ". ער ווייזט אונז, אז די מענשען לעבען דא גייסטיג אזוי רויה, גלייך זיי וואלטען ערשט ארויסגעקומען פון די ווילדע הייילען. ניטא קיין מענשליכע אויפפיהרונג, די חיה וויל בלויז איהר פונט פלייש... דער וואס איז שטארקער, פלינקער, כיטערער, קריעגט עס. עס הערשט קיין עטישער רעגעל, קיין גרעניץ־געבאט. אויסער דעם ביאלאגישען געזעץ—קאמפף פאר'ן דאזיין. פערשטעהט זיך, אז אין אזא סביבה האט דער איידעלער מענש קיין ערפאלג. דער גראביאן, דער גארילא־מענש איז דער זיעגער!...

די מענשען „פון ניו יארקער גהעטא" האבען קיין הייליגקיייטען. אלע געהען ארום מיט הוילע נשמות. זיי האבען אפילו די נאיטירליכע געפיהלען פערלוירען. דער שטארקסטער און שעהנסטער געפיהל, — ליעבע, איז ביי זיי דעגענערירט. ס'איז ביי זיי גאר ניט געבליבען אויסער די ציהעניש נאך דאלארס. מיסעס ריטש געהט וואוינען מיט'ן צוגאסענעם סאלונקיפער פאר זיינע דאלארס. און איהר טאכטער פאלי כאפט זיך ארום מיט'ן איטאליענער נעגען דער מאמעס ווילען, און אפילו נעגען איהר אייגענעם געפיהל, אלץ פאר די געלד.

פאלי איז פראקטיש. זי האט גראדע מיינונגען איבער'ן לעבען. זי זאגט: „ליעב האבען א קבצן פערשטעה איך נאך, אבער חתונה האבען דארף מען נאר מיט א רייכען!"

א פיינע אקסיאמע? אבער ווי כאראקטעריסטיש פאר אמעיריקא.

עס איז דעריבער זעלבסטפערשטענדליך, אויב ס'געפינט זיך אן איידעלער מענש אין אזא סביבה ווערט ער צודריקט: דורך פערצווייפלונג, דורך ענטוישונג, דורך אהנמעכטיגקייט.

דזשייק איז דער איינציגער מענש מיט אן איידעלען געפיהל אין דעם ראמאן. האט ער טאקע א סך מזל. ער האט פון פערביטערונג גענומען שכור'ן און וויל מעהר ניט ארבייטען פאר דער „געזעלשאפט". קוקען טאקע אלע אויף איהם ווי אויף א בייז וואונדער.

אט דער שכור'ער דזשייק איז דער איינציגער כאראקטער אין דער „ניו יארקער גהעטא", וואס איז אונז נאהענט. וועגען די איבעריגע פיהלט מיר, אז ס'איז בעסער ניט צו זיין אין זייער געזעלשאפט. מען שפירט צופיעל פלייש. —

גאר אין אן אנדער וועלט טראגט אונז אריבער די ערצעהלונג „דער משפט". מען דערפיהלט אזוי ווי א פריש ווינטעל וואלט פערבייגעבלאזען. דאס איז איינע פון די שעהנסטע זאכען וואס אפאטאשו האט אנגעשריבען. דא איז פארהאן יוגענד, לעגענדע, וויקפעל און די שעהנע אידילישע ליעבע פון די צוויי קינדערלאך. מען ווערט פערכאפט און עס ווילט זיך אפילו גלויבען אין דער פאלשער גרונד־אידעע פון דער ערצעהלונג, אז די נאטור משפט.

איז דער נאטור איז גיטא קיין גערעכטיגקייט — דאס האט ערשט דער מענש בעשאפען — ס'איז נאר דא נויטווענדיגקייט. אפשר אויך געזעץ. אבער אין דעם פאל האט בלויז געקענט זיין צופאל, ס'זאל פלוצלונג ווערען א שטורם און די צוויי קינדערלאך זאלען דערטרונקען ווערען. אביעקטיוו גערעדט, איז דאך דער שטורם ניט געווען און ניט געקענט זיין קיין פאלגע פון דעם פערביטענעם פויגלישען איי?

אבער דאס איז אלץ גערעדט אז מען וויל זיך גריבלען. ווי אבער אז מען לייענט דאס ווי א שעהנע מעשה? און אויף קיין מעשה טאר מען דאך קיין קשיא ניט פרעגען — איז דאס ווירקליך א זעהר שעהנע ערצעהלונג.

אז אפאטאשו האט א שאפענדע פאנטאזיע, זעהט מען אמבעסטען פון זיין ערצעהלונג „ציגיינער." מיט וויפיעל דעטאלען ער מאהלט זייער לעבען. ווי גוט ער קען זייערע ברענענדע טעמפעראמענטען. ער מאהלט זייער וואגאבונדישען לעבען מיט אזא צאפעלדיגקייט און בולט'קייט, גלייך ער וואלט מיט זיי צוזאמען געלעבט אין וואלד.

אט איז א שטעלע, וואס איז אזוי קאנצענטרירט, אז זי ענט־

האלט אין א פּאר ווערטער מאהלעריי, פּסיכאָלאָגיע, סימבאָל, ענטווישונג, שאנדע, אלץ צוזאמען:

„מאראלע (דער ציגיינער) האט א שפּרונג געטהאָן ווי א אינגעל, געוואלט אריבערשפּריזען דעם שאטען, האט דער שאטען א העכערען שפּרונג געטהאָן און מיט אמאָל פערשוואונדען. עמיצער האט זיך צולאכט. מאראלע האט זיך פערשעהמט, געפיהלט אז ער איז אויסגעשפּיעלט, אז זיין אייגען וויב איז איהם ניט טריי, אז די ציגיינער לאכען אין די פויסטען און ער האט אלעמען פיינד געקריגען..."

ווי פיעל אמת איז פערבארגען אין די פּאר שורות? וויל דען ניט יעדער מענש, ווען ער ליידט פון דער אונרוה אריבערשפּריי־זען דעם אייגענעם שאטען? — און לאכען דען ניט די זייטיגע מענשען פון איהם, אזוי ווי די ציגיינער פון מאראלע? און ער־וועקט זיך דען ניט ביי אלע אונרוהיגע שאטענשפּרינגער א פיינד־שאפט צו די קאלטע ציניקער וואס לאכען?

אפּאטאשו'ס אמת'ער כח איז דארט וואו ער בעשרייבט דרויסענדיגקייטען פון לעבעדיגע מענשען. דארט איז ער געטריי צו זיך. ער איז א גוטער בעאבאכטער. ער האט זיך ליעב צוצוקו־קען צום קאמפּף פון לעבען און מאהלען אזוי ווי ער זעהט. ער אליין נעהמט ניט קיין שטארקען אנטהייל. ער שטעהט מעהרסטען ווי א זייטיגער צושויער." א מענשען מוז מען כאפּען פון דער זייט..." ער האט אן אינטערעס זיך צוצוקוקען. טהייל סצענעס געפעלען איהם, שמייכעלט ער. בעשרייבט זיי מיט א לייכטען הומאָר. אנדערע ווידער ריהרען איהם אביסעל, גיט ער זיי איבער אביסעל טרויעריג, אבער ניט צו מעלאנכאָליש, ניט צו גרוי, נאָר לייכט, מיט א שארף אויג. וואס זיין אויג נעהמט אויף, קען ער פּינקטליך איבערגעבען מיט דער פעדער. אלס בילדער צייכנער איז ער א מייסטער. מיט אכט־ניין ווערטער שטעהט פאר אייך א לעבעדיגער מענש.

און איז עס ניט א פרייד צו זעהן אין א זומער טאג ווי עס געהען פיעלע אויסגעפּוצטע מענער און דאמען? ס'מעג אייך זיין פרעמד די הייזער, די מענשען; אבער איהר פיהלט זיך דאך גוט זעהענדיג פאר אייערע אויגען לעבעדיגע מענשען, און הערט זיי רעדען, לאכען. איהר קוקט אויף זיי און ס'ווערט אייך היימליך.

די ליעבע צו פרעמדע מענשען איז גאס איז אפשר ניט אזא רעאלע ווי די ליעבע צו אייגענע — דערפאר מיסטעריעזער...

עפּעס עהנליכעס פיהלט מען ווען מען לעזט אפּאטאשו'ס ערצעהלונגען. זיינע מענשען זיינען אייך זעלטען אינטים. אבער זיי שטעהען דאך פאר אייך ווי לעבעדיגע. און אייך ווערט היימליכער ווען איהר קוקט זיך צו צו זייער לעבען. איהר פיהלט צו זיי ווי צו די מענשען פון גאס.

אבער טאמער וויל מען זיך מיט זיי נעהענטער בעקענען, אריינבליקען אין זייערע טיעפענישען, זעהט מען אז זיי זיינען ליידיג. זיי האבען ניט קיין נשמות... זיי בעוועגען זיך נאר מיט'ן שנעלען אימפעט וואס דער פערפאסער האט זיי אריינגעגעבען. זיי לויפען פארביי אייערע אויגען ווי די פיגורען אין די „מואווינג פיקטשורס". אין פיער און צוואנציג שעה איז ביי איהם דורכגעפיהרט א ראמאן. מען ליעבט זיך ביי איהם מיט די שנעלקייט פון עקספרעס־צוג. ס'איז ניטא קיין צייט זיינע העלדען זאלען זיך אריינגעטירען אין זכרון. שטעלט אייך פאר א קאנצערט ווי די גאנצע מוזיק וואלט געשפּיעלט ווערען אין א טעמפּא אלעגרא?

ווי קענען אזעלכע מענשען פון עפּעס טראכטען?

זיינע מענשען זיינען טאקע ניט קיין טיעף דורכגעפיהלטע. זיי בעוועגען זיך אלעמאל אויף דער אויבערפלעכע אין א שמאלען קרייז.

לעזענדיג אפּאטאשו'ן פיהלט מען, אז זיין וועלט איז א גרויסע מאשין וואס האלט זיך אין איין בעוועגען מיט א שנעלען אימפּעט. ער ווייזט ניט דאס אונענדליכע, פערבארגענע, קיין פינסטערען אדער ליכטיגען ווינקעל אין דער זעעל, וואס איז פיעל טיעפער ווי דאס וואס מיר זעהען...

אידען זיינען דאך גרויסע זעעלען־גריבלער. טא ווי קומט דאס וואס אפּאטאשו'ס אידען זיינען אזעלכע חמ'ען?

דער ענטפער איז, אז ער האט זיך ניט דערגראבען צו די פערבארגענע היילען פון דעם אידען'ס נשמה. זיין פאנטאזיע דערגעהט קיינמאל ניט צו יענע טיעפקייט וואו די מאטעריעלע וועלט צופאלען, זי בלייבט שטענדיג אין די תפיסה פון חומר...

מען קען דאס אמבעסטען זעהן אין זיין אונבעהאלפענקייט צו מאהלען א פרוי. די פרוי איז ביי אפּאטאשו'ן קיינמאל קיין מענש

פאר זיך. אהן דעם מאן איז די פרוי ביי איהם גארנישט. זי וויל גארנישט פאר זיך. זי עקזיסטירט בלויז אנצוגליהען די מענליכ־קייט. אין דעם איז אפילו פאראן א טהייל אמת. אבער צו דעם וויכטיגערען טהייל אמת האט זיך אפאטאשו ניט דערגריבעלט. און דאס איז, אז די פרוי איז א מענש מיט אייגענע צוועקען. און עק־זיסטירט אויסשליסליך פאר זיך. פרויען זיינען מעהר עגאאיסטיש ווי מענער. זיי וועלען אלעס אין דער וועלט אויסנוצען פאר זייערע צוועקען. אפילו אין דער ליעבע זיינען זיי אזוי. די פרוי שטעלט אלעמאל דעם מאן אויף דער פראבע צו וועט ער זיין גענוג שטארק צו זיין איהר בעשיצער...

די פרוי האט שטארקע פערלאנגען. אמת, מעהר פרימיטיווע. ביי אפאטאשו האט די פרוי בלויז איין איינציגען צוועק — צו רייצען דעם מאן... פאלי, ווי אלע אפאטאשו'ס פרויען, האט ניט קיין אנדערע פערלאנגען, זי איז בלויז געשלעכט. זי האט פער־צעהרט ביז צום טויט דעם ארעמען דזשייק'ן. זי צומישט אלע אלע אנדערע יונגעליט וואס דרעהען זיך ארום איהר. זי איז דער סוד וואס קיינער קען ניט פערשטעהן און מען קען זיך פון איהר ניט בעפרייען... — די טיראנייע פון געשלעכט!...

אפאטאשו איז זעהר א גוטער שרייבער פאר דעם פראסטען אויבענאויפיגען לעזער. מען קען זיינע ערצעהלונגען לעזען פאה־רענדיג אויפ'ן על אזוי ווי א צייטונג. נישטא ביי איהם קיין דראנג, דער א"ב פון מיסטיק, וואס אהן דעם איז דאס לעבען קיין לעבען ניט. מען קען כמעט אין אלע זיינע זאכען זעהען מיט וועלכע מיטלען ער אפערירט צו מאכען דעם עפעקט. אז מען הויבט אן זיינס א מעשה, קען מען לייכט טרעפען וואס דארט וועט זיין. ער האט שוין א פארטיגען פ ו ר ע ם. דער אינהאלט מעג זיין ווי פערשיעדען, דער א ו פ ן בלייבט כמעט אימער דער זעלבער. ער דערצעהלט כמעט איבעראל די יאה־רען פון זיינע העלדען, די אויסערליכע סמנים. ווי גרויס, ווי ברייט. צי מיט א בארד, ווי לאנג, און וואס פאר א קאליער די בארד האט. און איהר זענט זיכער צו טרעפען א פאר געלונגענע פערגלייכונגען. און אונטער דעם אלעם אפטמאל א ציטער פון תאוה... אויף זיין שרייבען לאזט זיך בשום אופן ניט זאגען דאס, וואס ס'האבען ליעב אויף זיך אנצואווענדען אונזערע אנדערע יונגע דיכטער, אז זייער

שרייבען איז א ת פ ל ה פון דעם א י י ג ע נ ע ם א י ך, און ארויסשטראהלונג פון דער אייגענער נשמה. ער שרייבט ל י ט ע ר א ט ו ר. קיין פרישע נייע וועגען האט ער דערוויל נאך ניט אויסגעטראטען. זיין בעסטע ערצעהלונג איז נאך אלץ דער „ראמאן פון א פערד־גנב". מען זעהט ביי איהם ניט קיין שטייגערונג, סיי אין זיין שרייבען, סיי אין טאלאנט. ער פאסט זיך וואס אמאל אלץ מעהר אין דער „גאנגבארער" ליטעראטור.... אין דער הינזיכט איז אפאטאשו נעהענטער צו אונזערע עלטערע שרייבער ווי צו די יונגע דיכטער. זיי, „די יונגע" שרייבען פון זיך און פאר זיך. אדער פאר מענשען, וואס זיינען עהנליך צו זיי. אבער אפאטאשו שרייבט פאר'ן עולם. איהם אליין קען מען ניט זעהן אונטער זיינע העלדען. שרייבט ניט פון זיך. דערמיט איז ער גאנץ אנדערש ווי די אנדערע יונגע דיכטער. זיי שרייבען אויטאביאגראפיש, ער — ביאגראפיש. זיי געהען אין דער טיעף, ער — אין דער ברייט... דעריבער איז ער ניט שעפפעריש, נאר — ערפאלגרייך...

אפאטאשו האט אבער דערפאר אנדערע מעלות. ער האט יענעם כח צו מאכען זיינע העלדען אויסזעהן אזוי ווי לעבעדיגע. איהר קענט זיך פון זיי ניט בעפרייען. ער גיט אין זיי אריין אזא לוי־פענדען אימפעט, אז איהר מוזט זיי נאכלויפען. איהר קענט מיט זיינע העלדען ניט זיין אזוי נאהענט ווי מיט חברים; אבער זיי שטעהען דאך ווי לעבעדיגע פאר אייערע אויגען און איהר מוזט זיך מיט זיי פעראינטערעסירען. ער האט אויך א וואונדערבארען זכרון פאר געשפרעכען. ער קען זעהר גוט די שפראך־מימיק. זיינע העלדען רעדען אזוי נאטירליך, אז ווען זיי וואלטען געזעסען ביי אונז אין הויז לעבעדיגע וואלטען זיי אויך ניט גערעדט בעסער. אין דעם ראמאן „פון ניו יארקער געהעטא" רעדט מיסעס ריטש'ס שוועסטער מיט יעדען קנייטש ווי עס פאסט פאר אזא פרוי. דאס אייגענע דער אלטער משה. אמבעסטען איז ארויסגעקומען דער שכור דזשייק. אפאטאשו גיט איבער זיינע רייד מיט יעדען טאן פון זיין שטימע.

אט איז א געשפרעך צווישען דזשייק'ן און סעמ'ען:

„— סטאפ, דזשייק, אז נישט גאה איך שוין אוועק!

„—א־רייט, מיין באי" — האט דזשייק געוואקעלט מיט דער צונג און אנגעהויבען שטילער צו רעדען — אל־רייט, הער זיך

איין: כ'פיהל אז כ'וועל שוין לאנג נישט אנטרייבען, מיך ארט נישט! נאר איין זאך וועל איך דיך בעטען, הערסט, איין זאך: ברענג זי אהער — —

— ווענמען? — האט סעם זיך געפרעגט.

— דארפסט נישט זיין „דזשעלאס!" וואס פאר א קאנקורענט בין איך דיר! דו מיינסט כ'וויים נישט, אז ס'שטינקט פון מיר, אז דו האסט ניט געקענט ליגען נעבען מיר? טא וואס האסטו מורא? ברענג זי — — ווען דו וואלסט געוואוסט ווי איך האב זי פיינד און פונדעסטוועגען... כי, כי, אר — האט ער זיך צעוויינט — פאלי'ן מיין איך — —"

אפטמאל האנדלען די מענשען ביי אפאטאשו'ן אנדערש ווי דער שכל דיקטירט זיי:

„לאה האט געזידעלט וואלפ'ען ער זאל ניט קומען צו איהר און זי פערגעסען, און אין דער זעלבער צייט פלעגט זי קומען א שעה פריהער אויף דעם פלאץ וואו זיי האבען זיך געדארפט טרעפען".

אפאטאשו האט אויך אריינגעבראכט נייע פראסטע ווערטער וואס ווערען בענוצט אמיינסטען אין פוילען. זיין אידיש איז א נאטירליכער. ער סטיליזירט נים. זיין שפראך איז ניט פון בוך, נאר פון לעבעדיגע מענשען. אויך זיינע אריגינעלע פערגלייכונגען זיינען אפטמאל דעקעראטיוו, אמאל פסיכאלאגיש, טהיילמאל באנאל, אבער אימער שארף און אייגענארטיג:

„א אידענע ווי א טערק."

„א צוקנייטשט פנים ווי א געבאקענער ווינטער־עפעל."

„לייפקע האט זיך אבגעשאקעלט פון די קלעפ ווי א הינטעל וואס שפרינגט ארויס פון וואסער."

„ברוינע באקען ווי די קארע פון גוט אויסגעבאקען געבייטעלט ברויט.

„די רויטקייט פון די באקען איז איהם אריין אין דער שפיץ נאז.

ס'איז אפשר כדאי צוברענגען נאך איינעם, צו ווייזען ווי מיט א גוטען פערגלייך געלינגט אפאטאשו'ן איבערצוגעבען דעם געפיהל פון זיין העלד:

„אצינד בערוהיג זיך — האט פאלי געזאגט און זיך צורעכט געמאכט די האר — זיי נישט בייז און גיב מיר א האנד, אט אזוי!

סעם האט נישט געענטפערט, געגאנגען מיט פאלי'ן אהיים און געווען צופריעדען וואס ער איז ווידער נעבען איהר, און כאטש דאס הארץ האט איהם געזאגט אז פאלי וועט זיינע נישט זיין, אז פיליכט נאך מארגען וועט זי עמיצער צונעהמען פון איהם, פונדעסטוועגען האט דער געזונטער סעם דערפיהלט יענע פרייד פון א קראנק קינד, וואס וויים, אז דער פאטער נארט איהם ווען ער שענקט איהם זיין גאלדענעם זייגער ער זאל איינעהמען די מעדיצין און איז פארט בשעת מעשה צופריעדען".

*

אפאטאשו'ס גרונד פעהלער איז וואס ער מאהלט ניט קיין טיע־פען כאראקטער. ער גיט נאר דא און דארט שטריכען פון מענשען, אבער קיין גאנצען כאראקטער־טיפ האט ער נאך ניט געשאפען. גנבים זיינען איינזייטיגע מענשען. דערפאר צובעגרעניצט.

פאר וואס האט אפאטאשו פונקט אויסגעקליבען צו מאהלען גנבים? ער האט מיר אמאל אזוי געזאגט:

„ביי אידען איז ניט געווען קיין ראמאן. און אז א אידישער שרייבער האט געוואלט שרייבען א ראמאן האט ער געמוזט מאה־לען די ליעבע אויפ'ן ראנד פון לעבען. ווען מענדעלע האט גע־וואלט מאהלען ליעבע, האט ער גענומען פאר זיין העלד „פישקע דעם קרומען". פרץ האט ווידער גענומען דעם פעלטשער, דעם קלעזמער. אלץ אוואנטוריסטישע נאטורען. ווייל קיין העכערע קלאס איז ביי אונז ניט געווען. דאס לעבען פון קליינע געשעפטסלייט איז געווען צו מאנאטאן, די ארבייטער האבען ווידער געלעבט צו גרוי, צו וואכעדיג. קיין קעניגען, קיין פרינצען אדער גראפען איז ביי אונז ניטא: דערפאר האט מען ביי אונז אין דעם ראמאן געמוזט נעהמען מענשען, וואס שטעהען אויפ'ן ראנד פון לעבען. דערפאר האב איך גענומען דעם גנב, דעם אוואנטוריסט, ביי וועמען ס'איז דא האנדלונג, געוואגטקייט, געפאהר און ליעבע."

און מען מוז אנערקענען, אז ס'איז איהם געלונגען צו געבען

א ראמאן פון גנבים. דער פערד־גנב איז מייסטעריש געשריבן. אמת, קיין פיינער נאכגעפיהל בלייבט ניט פון אזא כאראקטער. ווייל דיזעלבע עקסטרעמעטעטען פון פאסיאן — וואס דאס ווערט סוף כל סוף דערווידער.

די ליידענשאפט איז נאר שעהן ווען זי איז פערהילט, פער־קליידט אין א פארם. אבער ביי אפאטאשו איז זי פארמלאז, צולאָ־זען... דערפאר מאנכעס מאל אבשטויסענד. אין איהם רעדט איבער־טריבענער טעמפעראמענט אוים פראטעסט צום איינגעבוירענעם אסקעטיזם. ס'קלינגט אפשר פאראדאקסאל, אבער אזוי איז דאס: איבערטריבענע שטארקייט קומט פון שוואכקייט...

אבער דאך ווערט אונז אפילו זאנוויל טהיילמאל נאהענט. פארהאן מאמענטען ווען ער ליידט אזוי טיעף מענשליך, אזוי טראַ־גיש, אז מיר ליידען מיט איהם מיט. די טראגישקייט פון צופאל, די אייביגע אונרוה שפירט איהר אין דער איבערלעבונג ווען זאנ־וויל פערשלאפט און פערשפעטיגט צו זעהן רחל'ן. וויפיעל פיינ־ליבער וואהנזין איז פארהאן אין דעם אריינשפרינגען ביינאכט דורכ'ן פענסטער איבערצובעטען רחל'ן. און וואס פאר א פער־סמ'ענדען ענטפער ער קריגט פון איהר:

„דאס פאסט פאר א גנב!"

ווי פערשאלטען זיינען מענשען, ווען זיי הערען זיך אויף צו פערשטעהן!... ווי גרוים זיינען דאן די אומזיסטע ליידען:

„זאנוויל'ען האט זיך געדאכט, אז דער מח פלאצט, צופאלט אויף שטיקער, און אין די אויערען האט כסדר געקלונגען: — דאס פאסט פאר א גנב! פאר א גנב!"

ווי גרוים איז דא דער צער פון מיסגעפיהל, ענטוישונג און פערדרוס. דא ווערט אונז זאנוויל נאהענט. מיר זעהען אין זיינע ליידען אויך אונזערע. ווייל דא ליידט ניט זאנוויל דער גנב וואס האט דורך א צופאל געהאט א שלעכטע ערציהונג און א שלעכטע פראפעסיע — נאר דא ליידט דאס אייביג אונרוהיגע מענשליכע הארץ, וואס איז פעראורטהיילט צו ליידען אהן א פארוואס...

זאנוויל ווערט אונז אויך סימפאטיש אין זיין שטרעבען צו ווערען א בעסערער מענש, אין זיין ראנגלען זיך ארויסצורייסען פון זיין שלעכטע סביבה:

„צייט זאנוויל האט זיך בעקאנט מיט רחל'ען האט ער גענומען

אלם מעהר און מעהר אויסמיידען זיינע פאר הערדיגע חברים."

אבער אזוי ווי ביי אלע מענשען איז פון וועלען ביז קענען זעהר ווייט, אזוי איז אויך ביי זאנוויל'ען זעהר שווער זיך אבצוגע־וואוינען פון שענק און זיינע חברים. און ער כאפט זיך פון צייט צו צייט צו צום טרינקען און פערברענגען מיט מאנק'ען. אבער ער איז שוין מעהר ניט צופריעדען מיט זיך. ביי זאנוויל'ען איז דא געווי־סען. עס בעקומט איהם מעהר ניט דער פערגעניגען:

„זאנוויל איז צומישט געווארען, און געפיהלט אז ער ווערט בלאס. ער האט מאנקע'ן אויפגעהויבען אויף די הענד און זי אוועק־געזעצט אויף א לעדיגע שטוהל. איהם האט זיך געדאכט, אז רחל שטעהט אין ווינקעל א בלאסע, א פערוויינטע און קוקט אויף איהם, קוקט ווי ער האלט מאנקע'ן".

דא האבען מיר דעם אידישען געוויסען וואס לאזט ניט זינ־דיגען. ביי זאנוויל'ען איז דא דער געפיהל פון יושר. ניט קיין אוי־סערליך אנגענומענער, נאר אן איינגעבוירענער פון דור דורות. ער קען ניט פערליידען קיין אונגערעכטיגקייט אויף וויפיעל ער פער־שטעהט דאס. ווי גראב אפאטאשו'ם מענשען זאלען ניט זיין, ווייַ־זען זיי אין געוויסע מאמענטען, אז טיעף אין זיך האבען זיי קול־טור. דער שטארקער סעם „פון ניו יארקער גהעטא" האט זיך גע־שלאגען מיט'ן איטאליענער אזוי לאנג ווי עס איז קיין בלוט ניט געגאנגען. אבער: „גלייך ווי סעם האט דערזעהן דאס בלוט, האט ער זיך א רוק אבגעטהון, אנגעהויבען און געפיהלט ווי די הענד הייבען זיך שוין נישט מעהר ווי פריהער."

דאס איז ניט בערעכענט מיט'ן אינטעלעקט, נאר דא האט דער איד אינסטינקטיוו דערפיהלט די ג ר ע נ י ץ. ביי אידען איז די עטיק ניט קיין אויסגעלערענטע. זי איז אין אונז. דער יושר ווייזט זיך אפילו ארוים ביי מענשען פון דער אונטערוועלט. אליהו, דער פערד־גנב שטעכט זיין קאמעראד, דעם שייגיץ, פאר וואס ער האט אומזיסט גע'שחט'ען דעם זשרעבאק. פערשטעהט זיך, אז די עטיק דריקט זיך דא אוים אזוי ווי ביי גנבים. אבער דאך איז ביי זיי דא א גרעניץ וואס מען מעג און וואס מען טאר ניט. און דער אידישער יושר ווייזט זיך ארוים אויף פערשיעדענע מדרגות. ער ענטפלעקט זיך אנדערש ביי'ן רב און אנדערש ביים גנב, אבער ער לייכט אין יעדער אידישער נשמה.

אבער ניט קוקענדיג אויף אלע זיינע מעלות, איז אפאטאשו צו דעם ווייטסטען גרענעץ פון זיינע מעגליכקייטען נאך ניט דער־גאנגען. פאר וואס? ווייל איהם פעהלט א העכערער לעבענסבליק. ער האט ניט קיין אידעאלע בעציהונג צו וועלט און מענשען. פאר איהם איז בלויז דא אינטערעס. ער טהיילט איין די וועלט אין אינ־טערעסאנטע און ניט אינטערעסאנטע זאכען. אזא בעציהונג האבען נאר מענשען, וואס גליטשען זיך אויף די שטיינער פון דער דרויסי־גער וועלט. א מענש, וואס האט אינערליכעס, הייליגעס ווארפט אויף אלעם זיין שיין... און דאס קליינע ווי דאס גרויסע ווערט פאר איהם אינטערעסאנט:

"There is no great and no small
To the Soul that maketh all."

זאגט עמערסאן.

אפאטאשו מאהלט אפשר דערפאר דאס גראבע, דאס דרויסענדיגע, דאס גשמיות'דיגע אין לעבען, ווייל איהם פעהלט ראיה פאר דאס אונענדליכע, פערבארגענע... ער זעהט בלויז דאס רגע'דיגע, פערגענגליכע... זיינע מענשען לעבען נאר מיט די מינוטען. ניטא ביי זיי די אונרוה פון אייביגקייט... זיי ציהט ניט, זיי טראכטען קיינמאל ניט פון עפעס ווייטעס... אונדערגרייכבא־רעס. אלעס איז ביי אפאטאשו אזוי מעגליך, זעלבסטפערשטענדליך — ניטא קיין אונבעגלייפליכעס, גייסטערהאפטעס, קיין מיסטער־יום, ווי דאס לעבען וואלט געווען מעכאניש פאראויס בערעכענט.

אבער אין לעבען איז דאס ניט אזוי, און ס'דארף אויך אזוי ניט זיין אין דער קונסט.

קונסט איז א גריבלען אין די אייביגע סודות, א ראנגלען מיט זיך אין די וועלט, אן ארויסגעריסענער, א פערפרוירענער מאמענט פון זעעלען־ציטער. דאס אונאויסדרוקבארע וואס איז אין לעבען אין ברעקלאך און ווערט ניט בעמערקט, ווערט פערגליווערט אין דער קונסט אין גאנצע געשטאלטען און בלייבט אייביג צו זעהן, און צו אינספירירען...

האט אונז אפאטאשו עפעס געגעבען וואס זאל אונז אינספי־רירען?

יעדער אמת'ער קינסטלער מעקט אויס די מאפע פון דער וועלט און שאפט זיך א נייע מיט איינענע ווענען. איינער פון די

וועגן ווערט זיין הויפּטוועג.

ווייזט אַפּאַטאָשו זיין נייעם וועג?

דער ענטפער איז אַ נעגאַטיווער.

בלייבט טאַקע די פראַגע, צו וואָס פיהרט ער אונז?

אַ לייכטען מאַך מיט דער האַנד אויף דעם היינט איז ווייניג. דער אמת'ער קינסטלער דאַרף ניט בלויז אויפוועקען פון שלאָף, נאָר אויך ווייזען אַ וואָהרען חלום...

וואָס מען בעדאַרף, איז ניט מאָהלען שוין לאַנג אָבגעלעבטע מלמדים, שחטים, הענדלער, און גנבים. מען דאַרף שאַפען העל־דען. העלדען פון אונזער צייט. כאַראַקטערען וואָס האָבען איבער־געלעבט און איבערגעליטען אַלעס וואָס מיר האָבען איבערגעליטען און זיינען דאָך געקומען צו אַ נייע האָפענונג, אַ נייעם שיין...

דער ראָמאַן דאַרף ניט בלויז קאָפּירען דאָס לעבען, נאָר דאַרף אויך זיין אַ מוסטער פאַר'ן לעבען. מיט אַנדערע ווערטער, די העלדען דאַרפען ניט זיין קיין פאָטאָגראַפיען פון מענשען, נאָר מ ו ס ט ע ר ע ן פון מ ע נ ש ע ן.... אַז די קונסט וועט זיך שטעלען העכער פון לעבען וועט זיך דאָס לעבען אויפהויבען צו דער קונסט... ווייל דער טענ־דענץ פון לעבען איז צו אויסברייטונג, ערהויבונג. עס דאַרף נאָר זיין אַ וועגווייזער און דאָס לעבען פאָלגט. און דער נייער הערא־אישער העלד דאַרף ווערען אונזער וועגווייזער. ער דאַרף אָבער זיין אַן אַלמענשליכער כאַראַקטער, וואָס זאָל זיין נאָהענט צו אַלעמענס הערצער.

וועט איהם אַפּאַטאָשו בעשאַפען?

אין דעם נייעם ראָמאַן „אין פוילישע וועלדער" האָט זיך אַפּאַ־טאָשו שוין פערמאָסטען צוגעבען גאַנצע אידישע טיפּען. אידען וואָס זאָלען זיין אַזוי פעסט ווי די דעמבעס אין די ליפּאָווצער וועלדער.

דער ראָמאַן הויבט זיך אָן מיט אַ שילדערונג פון אַ משפחה, וועלכע האָט דורות לאַנג געלעבט אין די פוילישע וועלדער און גע־פיהרט אַ פּראָסטען אָבער געזונדען לעבען. די שטאַרקע וואַלד־אידען האָבען ניט געוואָלט וויסען פון קיין איבערגעשפּיצטע חכמות, פון צופיעל קאָפּדרייערע און פּלפּול. זיי האָבען געפיהרט אַ פּשוט לע־בען און געפיהלט אַזוי ווי די ביימער פון וואַלד.

אפאטאשו וויל אין דעם ראמאן ווייזען, אז ווען די אידען זיי־נען געווען רויה, פרימיטיוו, זיינען זיי געווען שטארק ווי ריעזען. אבער ווי נאר זיי האבען זיך בעקאנט מיט׳ן חסידיזם זיינען זיי גע־ווארען שוואך. די א י ד ע האט זיי צובראכען.

אפאטאשו האט זיך אין דעם ראמאן זעהר גרויס פערמאסטען. ער וויל פאר אונז דורכפיהרען די אידישע דעגענעראציע און ווייזען ווי פיעל אידען זיינען געווארען אבגעשוואכט. ערוועקט זיך פארט אין אונז די כחות פון דורות און מיר האבען די קראפט אריבערצו־טראגען אלע געפאהרען און זיך ניט פערלירען.

אין דעם ראמאן זעהט מען, אז ביי אפאטאשו׳ן איז פארגע־קומען אן אינערליכער ריס. א נייער דראנג האט זיך אין איהם גע־נומען ראנגלען. ער האט געקרוגען א ווידערגעפיהל צו זיינע גראבע, חומר׳דיגע מענשען, און גענומען ווייזען מענשען מיט נשמות און מיט נשמה׳דיגע פערלאנגען. ער האט זיך פערבענקט צוריק צו דעם פערבארגענעם צדיק, צו דעם אידישען מקובל.

דער גאנצער ראמאן איז נאך ניט געדרוקט. נאר פון די אייניגע קאפיטלאך קען מען זעהן, אז דער פערפאסער האט גע־נומען גראבען טיעפער. אין דעם קאפיטעל „מלקות" געלונגט דעם פערפאסער איבערצוגעבען אויף א זעלטענעם אופן ווי טיעף מענש־ליך זיין העלד מרדכי לעבט איבער זיין אויסערגעוועהנליכע רעלי־גיעזע אונרוה.

אין דעם ראמאן „אין פוילישע וועלדער" ווערען ארויסגעפיהרט פיעלע אידעען. דער פערפאסער האט אויך פרובירט אנריהרען די משיח־אידעע. אבער איצט איז נאך שווער צו זאגען צו עס איז איהם געלונגען די קאלאסאלע אידעע צו פערטיעפען. פון דעם וואס מיר האבען ביז איצט געלייענט האט מען נאך דאס ניט געקענט זעהן. שעהן איז דאס קאפיטעל „פעדעם", וואו ער וויל ווייזען אז נאך אלע שטורמען וואס אידען האבען דורכגעלעבט זיינען דאך געבליבען גאנץ די פעדים וואס פערבינדען אונזער פערגאנגענהייט מיט אונזער צוקונפט.

דאס זיינען די אייביגע פעדעם, וועלכע וועלען צוריק פערבינ־דען אונזער דור מיט די דורות פון די אמאליגע גרויסע אידען. אידען, וועלכע האבען געהאט היילינעם... אין דער וועלט — און אימער געשטרעבט צו א בעסרע!... צו א היילינע וועלט!...

משה נאדיר
יצחק רייז

„זומער־לעבען. אַ, די זומערס און די ליעבעס, זיי פערגעהן, פערגעהן. טראגיש. סע וועט נאָך אַמאָל קומען דער אמת׳ער קריטיקער און ענטדעקען אין מיר — דעם טראגיקער. נאָך אַלעמען בין איך דאָך אַ טראגישע פיגור און עקסצענטריש און מיין לאַכען איז היסטעריקע.“

(פון נאַדיר׳ס שריפטען).

משה נאדיר האט מיך דערפרעהט. ער האט צופריעדענגע־שטעלט מיין פאנטאזיע וועגען איהם. אזוי האב איך געוואלט זאל ער אויסזעהן.

אז מען האט ליעב א שרייבער, מאהלט מען זיך אוים זיין געשטאלט, און מען ווערט נייגעריג איהם צו קענען פערזענליך.

משה נאדיר, האב איך זיך אלע מאל פארגעשטעלט, מוז זיין א גוטמוטיגער, א גוטברידערליכער, און ער איז טאקע אזוי.

משה נאדיר איז א הויכער, א בויגיגער; פעסט געבויט, ברייטע פלייצעס, א געזונדער קארק און א הויכע ברוסט.

זיין פנים: אפאטיש און סענטימענטאל. זיינע ליניען: ציטערדיג און גלייכגילטיג. ליידענשאפטליך און בלאס. פיבעריש און רוהיג...

זיינע אויגען: ברוין־לאכענדיג און מעלאנכאליש — פלירטירענד און דאך פערבארגען ערענסט... אבער תמיד לייכט און אינטים...

זיין הויכער אידישער שטערען: מיט דינע דאפעלע עלעגאנטע קנייטשען. די שווארצע האהר אויף זיין שטאלצען קאפ, מיט זילבער דורכגעוועבט — און אויף זיינע רונדע פולע ליפען, א זיך זעלבסט פערמאטערענדער מיעדער שמייכעל...

נאדיר איז תמיד אונבעשטימט, נעגאטיוו, לייכט־בליקיג אבער ראפינירט און גראציעז. געקליידעט געהט ער אימער נעט, אבער ניט אנגעשטרענגט. מיט זיין קליידונג מאכט ער דעם איינדרוק פון א ניט־אונזעריגען.

משה נאדיר איז דער געבוירענער אריסטאקראט, וועמען עס האט דערעסען זיין אריסטאקראטיש־זיין. רייסט ער פון זיך אראב אלע שטייף געפרעסטע קליידער פון קאנווענציאן, און טהוט זיך אן א ווייכען בינעזישען מאנטעל, מיט ברייטע ארבעל, און שפרייזענדיג איבער'ן צימער א לייכטער, א לופטיגער, צייכענט ער אויף זיינע לירישע שמעטערלינגען.

אנדערע געהען ארום מיעדע, אבגעלאזענע, גלייכגילטיג צו מענשען — אדער אנגע'ברוגז'ט, קאלט. טייל זיינען פיקטורעסק־פער'חלומ'ט, אונצופריעדען, גלייך יעדער איינער וואלט זיי עפעס שולדיג געווען. נאדיר איז קיינמאל ניט ברוגז, אנגעצויגען, אדער

גלייכגילטיג. ער מעג אייך נאָר האָבן געזעהן איינמאָל, געדענקט ער אייך שוין, און ווערט מיט אייך גוט־ברודער. ער האָט פאַר יעדען איינעם אַ גוט וואָרט. איהר מעגט זיין אין דער ערגסטער שטימונג, ווערט איהר אין זיין געזעלשאַפט פרעהליך, געמיטהי־גער.

נאַדיר פערוואַנדעלט דאָס גאַנצע קלוג־נאַריש לעבען אין אַ געלעכטער. און דעם דאָזיגען, צום געלעכטער געוואָרענעם לעבען, איז ער אין הארצען אַ טיפער שונא — פערלאַכט עס, פער׳חוזק׳ט עס, דער׳הרג׳עט עס ביי יעדער געלעגענהייט, און מאַכט דערפון אַ שפּיעל. ער דאַרף ניט קיין סך טראַכטען, וואָס איהר זאָלט ניט זאָגען, האָט ער דערויף אין איינפאַל, אַ פּערטיעפטקייט, אַ שפּרו־דעלדיגען וויץ, און איהר מוזט מיט איהם לאַכען. און ער אליין לאַכט אויך. נאַדיר לאַכט אליין פון זיינע אייגענע איינפאַלען. זיי קומען צו איהם ניט געריכטערהייט, דעריבער קוקט ער אויף זיי ווי אויף פרעמדע. און אַז זיי געפעלען איהם לאַכט ער — לאַכט מיט זיך...

אָבער נאַדיר קען לאַכען פון זיך אויך. דער חוש פאַר הומאָר איז ביי איהם אַזוי שטאַרק, אַז ער קען קוקען אויף זיך אָביעקטיוו. און לאַכען פון אייגענע שוואַכקייטען. אַ מענש וואָס קען דאָס ניט, קען ניט זיין זעלבסט־קריטיש. אָבער נאַדיר קען זיך. ער איז ק ר י ש ט א ל ד ו ר כ ז י כ ט י ג פאַר זיך אַליין. און דער וואָס איז זעלבסט־קריטיש, האָט אַ רעכט צו זיין קריטיש. נאַדיר איז ביידע — און נאָך מעהר... און דערפאַר פערוואַנדעלט ער זיין אייגענעם טראַגיזם אין געלעכטער — אין דעם דומף־קלינגענדען געלעכטער פון זעלבסט־דערקענטניש, פון זעלבסט־קריטיק.

נאַדיר לעבט אין ווידערשפּרוכען. דאָס איז זיין פאָרמע. זיין ראַהם איז די אונענדליכקייט, די ראַהמלאָזקייט, און ווי דער קאַפּריזנער קעניג־זוהן פון זיין לעגענדע „פון גאָלדענעם גאָרטען" צייכענט ער אָפּטמאָל דעם ראַהם, און דאָס בילד אַליין מאַכט ער פון האַליץ... דאָס איז נאַדיר׳ס פילאָזאָפיע — די פילאָזאָפיע פון זיין מעלאַנכאָלישען הומאָר, פון טויטענליכט, וועלכע שפּיגלען אָפּ ס׳לעבען — דאָס אונרוהיגע, זיך אייביג־ווידערשפּרעכענדע, עקס־צענטרישע לעבען.

⁝ ⁝ ⁝

נאדיר זעהט ניט בלויז, נאר ער שפיאנירט אויך. און יעדער זאך וואס קומט אונטער זיין אויג ווערט דורכזיכטיג. ער צושפאלט זאכען מיט זיין קריטישען בליק אזוי, אז זיי ווערען פלאטערדיג־דין, הויך דעליקאט. ער בענוצט זיך דערביי מיט פערשיעדענע אינסטרומענטען, מיט פערשיעדענע פארמען פון הומאר. אבער צום בליציגסטען ווייזט זיך ארויס זיין אריגינאלי־טעט דארטען וואו ער קען לייכט שפרינגען און טאנצען מיט פא־ראדאקסען, פערשייטקייטען און קאפריזען.

צו דער פראגע: וואס איז קאפריז?

קאפריז איז דאס פערווינקלען זיך פון קינסטלער. אריינפרע־סען די גאנצע וועלט אין זיין איך־ווינקעל. פריזמאטיש צו־נויפברענגען אויף איין פונקט אלע ברענפונקטען פון זיין נשמה־פייער. נישט געפעלען דעם לעזער, נאר בעזייטיגען איהם. און נאדיר בעזייטיגט איהם מיט אלע שפיצלאך און פערשארפטקייטען. ווי יעדער אינטואיטיווער מענש, ווייסט נא־דיר, אז עס איז איבעריג צו פערפראבלעמאזירען וועלט־פראב־לעמען און צו פערקלוגען קלוגהייטען. נאדיר זאגט: אנדערע שרייבען קלוגהייטען פאר נאראנים, איך שרייב נארישקייטען פאר קלוגע... ער גיט אייך וועלט־ראנגלערייען אין גראטעסטקען פארם, קורצ־אטהעמדיג און שארף. ער נעהמט די העכסטע לעבענס־פראבלעמען אוןווארפט זיי ארונטער אזוי נידעריג — ביז צו די זוילען פון די שיך:

„איך רייב אויס די שיך.

איך געה און רעד וועגען מלחמה און — די שיך רייבען זיך דערווייל אויס.

איך געה און ערקלער זיך אין ליעבע און — די שיך רייבען זיך אויס.

איך ענטלויף פון דער ציוויליזאציע און — די שיך רייבען זיך אויס און ווערען א תל.

איך געה אויף קידוש השם און געהענדיג רייבען זיך דערווייל אויס די זוילען, און איך מוז זיך אבשטעלען ביי א שוסטער...

איך געה אנטקעגען דעם טויט, און געהענדיג צום טויט, נוץ איך דערווייל אויס א מאסע שיך, און עס קאסט מיך אפ אן אוצר

מיט גאָלד.

זאָ וואהר איך לעב!"

אָדער ער נעהמט מענשליכע ווערטהען, קאָלאָסאַלע געשעהע־נישען און פערטאַגטעגליכט זיי אַזוי, אַז זיי ווערען פאַר אייך קלאָהר ביז אַבסורד. און איהר קענט שוין מעסטען זייער וויכטיג־קייט פאַר׳ן מענשליכען לעבען מיט אזא וואָכעדיגער זאַך ווי קאַווע און קוכען:

„זאָגער און בעהויפּטער.

זיי בעהויפּטען. איך — זאָג.

איך „בעהויפּטע" נישט.

איך בעהויפּט אפילו נישט, אַז זיי בעהויפּטען. איך זאָג נאָר.

דער אויסגאַנג פון דער מלחמה? — איך טרינק מיר מיין קאַווע און — צווישען טרונק און שלונג זאָג איך.

זיי? — זיי שטעלען אַוועק ס׳טעלער׳ל מיט עסען, ווישען זיך אָפּ באָרד־און־וואָנצען, פּוצען זיך אויס די אויגען, און מאַ־כען אַ בעהויפּטונג...

זאָג איך, אַז זייערע בעהויפּטונגען זיינען מלמדיש, און מעג זיי דער טייוועל נעהמען.

ווייל נאָך אַלע פּריוואַטע קומט — דער טויט. רוסישע רעוואָלוציאָנען העלפען נישט.

און איך טרינק קאַווע און איך עס גוטען קוכען מיט אַן איי־ערדיגען פּראַסט פון אויבען.

און איך קוק אין שפּיגעל צו זעהן, צי דער שמייכעל ליעגט נאָך קרום אויף מיינע ליפּען, צי ער וועט נישט אַראָפּפאַלען...

זעהט דער הערר בעהויפּטער, אַז דער פּאָהנפּלאַטעריזם פון זיין פּאַרטיי קיהלט נישט מיין הייסע, הויכזומערדיגע נשמה. בעהויפּטעט ער, אַז מיינע זאָגערייען וועלען יונג שטאַר־בען, ווייל לויט זייער הויכקייט האָבען זיי נישט די וואָג.

אַ סימן, אַז זיי זיינען שוואַך און נישט מיליטער־פעהיג.

טרינק איך מיין קאַווע (שטאַרקע) מיט פּראַסטקוכען און איך זאָג און זאָג — נאַרישע רייד, קלוגע רייד. וואָס געהען מיך אָן

מיינע רייד, די טויטע טראַפּענס אַטעם?

איך בין זייער שקלאַוו נישט, ברודער!

זאָג איך: פֿרייהייט, גלייכהייט, ברידערליכקייט, קאַווע, קור־כען, קאַלאָמעאַ, אידענשטאַאַט, פּראַפּאַן, פֿריימויערער, דאַנקאַן, אבימלך, עטצעטראַ."

וויפֿיעל טיעפֿע פֿילאָזאָפֿיע, ווי פֿיעל אמת, איז פֿערבאָרגען אין די קאַפּריזען?

אַז נאַדיר געהט צו צו אַ פֿראַגע, ריהרט ער איהר באַלד אַן ביים דנאָ. אַט ווי ער מינעוועט אונטער מלחמה־העלדישקייט. ער זעהט ווי מען פֿיהרט צוריק פֿון די שלאַכטפֿעלדער די צושאָסענע העלדען. אבער זיי זיינען שוין מעהר נישט קיין העלדען, נאָר האַלב דערקוילעטע חיות. און אין דעם טריפּ־טריפּ קלאַפּען פֿון די בלוט־טראַפּענס, הערט ער ווי זיי שרייען:

„זאָל דער טייוועל נעהמען אַלע אייערע קרייצען און מע־דאַלען, טריפּ־טריפּ מיר שטאַרבען, און אַז מיר שטאַרבען, שטאַרבט מיט אונז אַב די גלאַרייכע צוקונפֿט. שטאַרבען מיט אונז אַלע מעדאַלען. שטאַרבען מיט אונז אַלע פּראַכטפֿולע עפּעל און באַרען און פֿלוימען און אידעען און בלומענגערטנער און רויטע זונען און בלאַסע לבנות און ראָמאַנטישע ערצעהלונגען וועגען העלדען — טריפּ־טריפּ, צום טייוועל!..."

און דאָס אַלץ איז געשריבען אין אַ שטיפֿערישען קאַפּריזנעם אַט־אַזוי־זיך־טאַן, אַז איהר שמייכעלט אַפּילו אויף דעם, אויף וואָס איהר דאַרפֿט זיין אין כעס און שרייען.

אינטימיטעט.

אַנדערע קינסטלער שרייבען, ווי זיי וואָלטען געשטאַנען אויפ'ן אָלימפּוס־באַרג, און אַרונטערגעגרויסט זיך צו זייערע קנעכט. נאַדיר, כאָטש אַ קינסטלער־אַריסטאָקראַט, איז אבער אינ־טים אין זיין שרייבען. ער דונערט ניט ווי צעאוס פֿון אָלימפּוס, נאָר ער שרייבט, ווי ער וואָלט געזעסען מיט זיינע לעזער ביים טיש און געטרונקען שאַמפּאַניר וויין.

נאַדיר קולטיווירט נישט דאָס וואָס ער שרייבט — ער אַט־העמט עס. ער מעקט אָב די גרעניץ צווישען דעם פֿערפֿאַסטען און

געלעבטען. אין נעשפרעך פאלט איהם איין א שעהן ווארט, א קלך־נער וויץ, און באלד געפינט מען עס געדרוקט.

אויף נאדיר'ן קען מען זאגען אז ער ל ע ב ט זיין הומאר. א פיבערהאפט, העל ארויסלאכענד שטיל פערמעלאנכאלישט לע־בען. ער איז אזוי אינטים מיט זיך, אז ער האט אנגעשריבען א דראמא, האט ער דעם הויפט העלד א נאמען געגעבען „משה נא־דיר."

נאדיר איז זיך זעלבסט א פעליעטאן. איך בין איינ־מאל צו איהם אהיימגעפאהרען דורכקוקען אייניגע זאכען פון זיינע שריפטען. איך האב איהם דערצעהלט, אז איך האלט אין ארויס־געבען א בוך מיט פארטרעטען און כאראקטעריסטיקען. מיר האַ־בען גערעדט איבער פערשיעדענע זאכען. נאדיר האט זיך געווי־צעלט איבער זיין אונשטערבליכקייט וואס איך געה פערפונדעווען אין דעם בוך. מארגען האט ער שוין אנגעשריבען א זאך וועגען דעם. אט איז עס:

„איך מאך אן איינדרוק
פערשוועכדט עטליכע טעג אויף צו מאכען אן איינדרוק.
עס איז געווען: א בלאנדליכער יונגער מאנסביל, מיט א פיין פערקאמטער נשמה, איז ארויפגעקומען צו מיר אהיים און געזאגט:

— איך וויל דיך בעשרייבען אין א בוך, אין א גרויס בוך, מיט פארטרעטען און וויניעטען. אפשר האסטו א קאלטען טרונק?

גיב איך איהם א טרונק, און איך בעמיה זיך צו מאכען א טיעפען איינדרוק מיט מיין פריינדליכקייט, מיט מיין פיינעם שמייכעל, מיט מיינע אפאריזמערייען. איך וויים: עס איז א פראגע פון לעבען און טויט. פון א י צ ט אדער ק י י נ מ א ל ניט, פון ז י י ן אדער נ י ט ז י י ן, און אז יעדע מינוט וואס איך פערפעהל צו מאכען אן איינדרוק אויף מיין ביאגראף, איז גלייך ווי איך וואלט גענומען רויהע שטיקער אונשטערבליכקייט און וואלט זיי ארויסגעווארפען דורכ'ן פענסטער...

און דער טאג איז צעווארימט ווי א פערליעבט־און־נישט־געזעטיגטער מענש. און איך בין מיעד און מיין ביאגראף — נ י ש ט. און איך מוז אויף איהם מאכען אן איינדרוק. נישט אזוי צוליעב זיך אליין, ווי צוליעב מיינע קינדער, וועלכע גויטיגען

זיך אין א גאָט־בענאַבטען טאַטען. און איצט איז די צייט. איצט אָדער קיינמאָל נישט. און דאָס בוך, אין וועלכען מען וועט איבער מיר שרייבען וועט האָבען פאַרטרעטען און וויניעטען, און סע וועט זיין געבונדען אין א לעדערנער פאַררעדע און בעשניטען מיט גאָלד."

נאַדיר איז דער אינטימסטער שרייבער וואָס מיר האָבען. אז איהר לעזט איהם, לעזט איהר ניט קיין פרעמדען, ווערמען איהר דאַרפט גלויבען אויפ'ן וואָרט: אייך דאַכט זיך אז זיינע געדאַנ־קען זיינען גאָר אייערע. נאָר ער האָט געהאַט דעם טאַלאַנט זיי אויפצושרייבען און איהר האָט דעם טאַלאַנט צו לעזען.

פרעגט מען: צו לעזען דאַרף מען אויך האָבען טאַלאַנט?

געוויס. ווען די אידישע ליטעראַטור וואָלט געהאַט א בע־דייטענדע צאָהל טאַלאַנטפולע לעזער, וואָלט זי נישט אזוי פער־פאַרוועדטסט געוואָרען, נישט געוואָרען אזוי נאַכמיטאַג־פאָפּולער. אזוי פ ל ע י ן ־ אידישדיג...

וואָס איז א קריטיקער, אז ניט א טאַלאַנטפולער לעזער? איינער וואָס קען אריינלעזען זיין נשמה אין א צווייטענס?...

נאַדיר האָט מיר איינמאָל געזאָגט:

„מען האָט מיר איינגערעדט אז עס זיינען דאָ געשמאַקפולע לעזער ביי אידען, האָב איך פון מיין האַרץ־גאָרטען די גאַנץ אונ־שולדיגע בלומרשט־פערשייטע רויזען ארויסגעריסען און זיי אין א קליינעם בוך ארויסגעגעבען, האָט מען אין זיי תלמוד'יש פער־רעכטיגטע פאַרנאַגראַפיע אריינגעלעזען."

נאַדיר, דער אָריגינעלער, דער נייער, דער פערזענליכער, דער מענש פון פיינעם פליטער־פלירט, האָט זיך געוואָלט געבען א לייכטען שפּיעל מיט די לעזער אויף אן אינטימען אופן, א ווײַלע צו פערמאַכען דאָס מויל פון דער אונענדליכער לײדיגקייט... האָבען אָבער די פון לאַנג שוין שטייף איינגעפרעסטע לעזער־הערצער, ניט פערשטאַנען אזא לייכטקייט און אינטימקייט. און ווער שמועסט די פערזשאַווערטע אמבאַסאַדאָרען פון אונזער קריטיק, זיי האָבען איבער דעם קליינעם בוך געשריבען גרעסערע און מעהר נאַרישקיי־טען ווי געוועהנליך. (און געוועהנליך שרייבען זיי אזוי פיעל ווי פיעל עס קען נאָר אריין.) זיי האָבען נעבעך פשוט ניט געוואוסט אויף וואָס פאַר אן אופן הנאה צו האָבען דערפון. און אפילו ווי אזוי זיך צו ערגערען דאַריבער האָבען זיי נישט פערשטאַנען... האָ־

בען זיי עס אזוי קרום־אידישלעך, אזוי נידעריג־סעקסועל אויסגע־טייטש, אזוי אבשיילעך אונמענשליך, ווי עס קענען נאָר שווער־ארבייטענדע אידישע נאָכמיטאג קריטיקער.

משה נאדיר איז פאַר זיי צו אמת'דיג מענשליך, צו אונלייט־ארטיקעלדיג, דערפאר — אונפערשטענדליך. זיי קענען נאָר פער־שטעהן דאס ז ע ל ב ס ט פ ע ר ש ט ע נ ד ל י כ ע, די אויס־געפוצטע טרואיזמען, אנערקענטע שאבלאנען — ער רייסט ארונטער יעדען שאבלאן. נאדיר מאכט א פאראדיע אויף דער גאנצער אין־שאבלאן־אריינגלאָריפיצירטער קונסט. ער לאכט אָב פון אלע אויפגעגרויסטע קינסטלער. ער איז פערזענליך. ער וויל ניט פערשטעלען און פערלייקענען זיין אינטערעסאנטען א י ך.

נאדיר זאגט:

„מיר „יונגע" גלויבען אז רעדען פון זיך אליין איז פונקט אזוי אינטערעסאנט ווי רעדען וועגען... א י י ך, צום ביישפיעל.

זיין פערזענליך — הייסט זיין: מענשליך. ווי מיר זאגען טאקע „פון מענש צו מענש". ניט פון שריפשטעלער צו לעזער, ניט פון גדולים צו קטנים, ניט פון זשעניען צו די ברייטע מאסען. נאָר פשוט: „פון מענש צו מענש."

ווילדע רויזען.

ווען מען לעזט משה נאדיר'ס „ווילדע רויזען", דאכט זיך פון אנהויב אז דער שרייבער האט זיך געוואלט אביסעל שפיעלען מיט'ן לעזער, איהם זאגען אהן ווערטער: מענש, זעה ווי ליידיג דו ביזט, ווי נאריש! און אויב ס'געפעלט אייך נישט, ווער איז שולדיג? אז איהר געפעלט זיך אליין נישט? זיי זיינען דאך א י י ע ר ע קליינליכקייטען, א י י ע ר ע זינד, א י י ע ר ע נישטיגקייטען. דערפאר קען איך אייך זאגען די אונאנשטענדיגסטע אמת'ן און איהר מוזט פערבייסען מיט די ליפען. איך קען אזוי טרעפליך שילדערען אייערע צורייצטע נישט־בעפריעדיגטקייטען, אייערע אלצומענשליכע מענשליכקייט, אז איהר מוזט צוגעבען, אז ס'איז ריכטיג. ווייל אזוי זענט איהר אלע. איהר מענשען מיט ליידיג־געהענדע נשמות און פערפרומעלטע געזיכטער.

עס איז אפשר אביסעל צו געוואגט, אבער דערפאר איז עס ניי, איז עס אזוי קערענדיג־אמת ווי דער ווילד־רויזענדיגער פאקט. אז אהן מיסט בליהען נישט די רויזען. עטצ.

פיעלע אנשטענדיגע „פרייע ארבייטער שטימע"־לעזער וועלן פערדרעהען מיט די נעז, אוועקוואַרפען דאָס בוך און אויסרופען מיט טאָפּעלטער האַנד־פערצווייפלונג: וואָס האָט מיר דאָ דער פערפאַסער געגעבען? אָבער יענע וואָס ווילען מען זאָל זיי געבען, דאָס וואָס זיי ווילען עס זאָל זיי געגעבען ווערען, מיט יענע קען זיך משה נאַדיר ניט געדולדיגען. ווייל נאַדיר וויל זיך ניט אונטערטעניג מאַכען צום לעזער, נאָר איהם בעזיעגען. ער איז ניט קיין אַנהענגער פון דער שוהלע, וואָס קעכעלט און פעכעלט דעם ליעבען לעזער. וואָס נאַדיר וויל, איז שפּיעלען, שפּיעלען מיט זיך, פערשפּיעלען זיין לאַנגווייל, פערשפּיעלען זיין שפּיעל פון וועלכען ער איז זיך אַזוי אונענדליך בעוואוסט. נאַדיר קוקט ניט אין שפּיגעל כדי צו שפּיגלען זיך, נאָר כדי צו זעהן ווי עס זעהט אויס יענער נאַדיר וואָס שפּיגעלט זיך, דער אַנדערער, דער פרעמדער.

נאַדיר האָט דערפיהלט די שרעקליכע לאַנגווייליגקייט פון לעבען, ער האָט אָבער אויך אין דער זעלבער צייט דערפיהלט די באַנאַליטעט פון געלאַנגווײלט־זיין. דעם שאַבלאָן פון וועלען זיך פעראונשטערבליכען דורך אָריגינאַליטעט.

כדי נאַדיר'ן צו פערשטעהן, דאַרף מען זיין, אָדער אור־פּרימיטיוו, אָדער הויך־קולטורעל. דער ערשטער עמפּינדעט, דער צווייטער פערשטעהט. פאַר איבערגאַנגס־מענשען האָט נאַדיר ניט קיין סימפּאַטיע, קיין פערשטענדניש. זיי דאַרפען אינטערפּרעטירער, גייסטיגע פערמיטלער. און משה נאַדיר האָט אַזוי פיינט דאָס קלאָהר־מאַכען. ער האַלט אַז דער דערוואַקסענער מענש מוז זיך נאָך מעהר שפּיעלען ווי אַ קינד, ווייל אַ קינד האָט זיין קינדישקייט וואָס איז אין זיך זעלבסט אַ שפּיעל. אָבער וואָס זאָל טהאָן דער דערוואַקסענער מענש, דער איקאַנאַקלאַסט וואָס האָט שוין אַלע זיינע געטער צובראָכען אויף שטויב, זאָל ער פון דעם דאָזיגען געטער־שטויב זיך אַ נייעם גאָט אויסформען? אַ גאָט פון הפקר'קייט, פון וואויל־יונגעריזם, פון פערשייטקייט? יאָ. ער זאָל. שאַפט משה נאַדיר זיינע מעלאַנכאָליש־פערשייטע ווילדע רויזען, אַבי דעם טויט־הונגער פון זיין אייגזאַמקייט צו שפּייזען. אַבי טהעאַטעטיש צו לאָזען, — אין געדאַנק, — איבערפאָהרען אַ פינגער און ער זאָל האָבען די מער־

דער־פרייד פון וויסען אז זיין העלער זומער־אנצוג איז רויט־גע־פלעקט ווי ביי א גזלן...

און ווער עס האט א געאיידעלטע נאז און קען שמעקען דעם פעקולירען דופט פון נאדיר׳ס עקזאטישע ווילדע רויזען. דער דערפיהלט אז אונטער די אלע וואויל־יונגערישע פערשייטקייטען, אונטער וועלכע נאדיר וויל זיך בעהאלטען, ליגט א טיעפער רעלי־גיעז־ציטערענדער פעסימיזם, ליגט די נישט־צווייפלענדע פער־צווייפעלטקייט. גרויזאם־בלענדענד ווי די ווייסע ליידיגקייט פון דעם מענשענס טעג.

נאדיר פיהלט שטארק די נישט־גלאנציגקייט, די נישט־פער־שפרעכליכקייט פון די מארגענס וואס ווערען ה י י נ ט ס, פון די רויז־פארביגע חלומות וואס ווערען גרויע ווירקליכקייטען! און ער ווייסט אז דער מענשליכער ווילען איז נאר ברייט און שטארק אין דער א י ד ע ע, אין דעם שטומען פערלאנג צ ו ו ו ע־ל ע ן. און דאס מוטערעל נאטור פעראונטערטעניגט אונז, מאכט אונז אויספיהרען א י ה ר ווילען דורך אונזערען, און בענגרע־ניצט אונז. און איבער די גרויע מיט־מאך־בעוואקסענע שטיינער פון אונזערע לעבענס, רינען די וואסער־פאלען פון דער אייביג־קייט. און זיי לאזען נאך זיך איבער נישט מעהר ווי א געהיימ־ניספולען שוים. ווערט נאדיר עלעגיש, שפיגעלט ער זיך אין א פייַ־נעם זשעסט:

„אין געדאנק.

אמאל ווערט מיר נמאס די פערשלומפערטע, לאנגווייליגע וועלט.

לאז איך זיך — אין געדאנק — איבערפאהרען א פינגער פון מיין לינקער האנד: אז עקספרעס־צוג געהט בליץ שנעל. האקט ער אב דעם פינגער אין א סעקונדע און איך ווער פערגאסען מיט ווארעמען בלוט.

אבער איך קיהל זיך נים.

לעג אונטער נאך א פינגער און נאך איינעם, בין מקריב די גאנצע האנד,ביידע הענד —

און דאס בלוט טריפט. קאפעט איבער מיין העלען אנצוג.
איך בין רויט־געפלעקעלט ווי א מערדער.
און דאס הארץ זידט אין מיר אלץ.

און מיר איז אזוי לאנגווייליג ווי נעכטען.
ווי אייערנעכטען.
ווי מאָרגען."

און זעהט! א מענש קעמפפט מיט דער חיה־רעה „לאנגווייל"ע.
אָבער ער איז מאכטלאָז קעגען דעם ר י ע ז י ג ע ן ג אָ ר־
נ י ש ט. ווייל קעמפען קען מען נאָר מיט א זאך וואָס ס'א י ז,
וואָס האָט פאָרמען און ליניען. און די לאנגווייל"ע איז דאָך אזוי
מורא'דיג פאָרמלאָז, אזוי גרוי קאָמפּליצירט ווי דאָס לעבען. ווי
דער טויט. האָט ער — אין געדאַנק — זיך אָבגעהאַקט א האַנד
כדי צו ווערען אביסעל אויפגערעגט. כדי צו דערפיהלען דאָס וויב־
רירען פון זיינע אייגענע נערוועז. אָבער —

„מיר איז אזוי לאנגווייליג ווי נעכטען, ווי אייערנעכטען, ווי
מאָרגען."

איהר אלע מענשען וואָס האָט א סך געלעבט און אלט געוואָ־
רען פון צופיעל יוגענדליכקייט, איהר אלע וואָס האָט געזעהן
די וועלט אין איהר גאנצער פלאך־און־רונדקייט, איהר אלע וואָס
האָט געשעפּט פון די לעבענס־קוואלען און געוואָרען ענטוישט פון
זייער נישט אפּעטיטליך ביטערען טעם, איהר אלע מוטיג־פער־
צווייפעלטע וועט געפינען א חבר אין משה נאדיר'ן.

לעזט זיין עלעגיע אין די „ווילדע רויזען" וואָס איז אזוי לי־
ריש סענטימענטאל אויסגעציטערט אז אייער אייגענע נשמה
(אויב איהר האָט אזא!) וועט וואונדיג אנגעריהרט ווערען פון די
פעלזען שפּיציגע אָפּגרונד־טיעפע ווערטער:

„אַן עלענד בלעטעל פלאַטערט אויף דעם צופאלענעם בוים:
הערבסט.
קראָהען דרעהען זיך ארום אין דער הויך און קראַקען דיר
אזא אונענדליכע שווערקייט אין הארצען אריין.
און די זון געהט אויף, געהט אונטער, —
אזוי לאנגווייליג.
און דו ביזט טרויעריג,
ווי נאָך א רייכען, איבערזאַטען מאָלצייט.
אָדער האָבענדיג איבערגעלעזען א בוך פון אייגעם,
וואָס איז אונענדליך גרעסער פון דיר,
און טאלאנטפאָלער.

און נאָך טרויעריגער איז עס וואָס —
איך בין אַליין דער הערבסט.
דאָס עלענדע בלעטל. די שוואַרצע קראָ.
די מיעדע זון, וואָס גײט אויף און אונטער און גײט ווידער אויף אַהין אַ זין און ציל.
איך בין אַליין דער זאַטער מאַלצייט: דאָס פּיינע בוך.
דער טאַלאַנטפולערער קינסטלער..."
דער פּעסימיזם וואָס קומט פון פערצוויפעלט־זיין און נישט פון צווייפלען, איז דער הויפּט טאָן ביי נאַדיר'ן. דער פּראָפעסאָר האָט זיין מעלאַנכאָלישע שטימונג ניט געקענט בעהאַלטען. אפילו ווען ער האָט זי געוואָלט פערקראַנצען מיט ווילדע רויזען...
קיינער האָט דעם לידיש־פּערהומאָריזירטען טאָן נישט פערשטאַנען. ער איז צו טיעף...
האָט נאַדיר ניט דערפיהלט, אז ער זינגט זיין ליעד פאַר טויבע אויערען?
יאָ. אָבער זינגען מוז ער סיי ווי: ווייל ער וויל זיך אַליין פערזינגען... ער זאָל נישט דערהערען דאָס טרויער־ליעד פון זיין נשמה: פון דער נשמה וואָס בענקט אונענדליך...
און צו דער פראַגע: ווער איז משה נאַדיר?
האָט איהר געזעהן ווי אַ קאַפּריזנע קינד וויינט, אז עס וויל ניט וויינען?
האָט איהר געזעהן אַ פילאָזאָף וואָס לאַכט פון דער גאַנצער וועלט און זיין אייגענער פילאָזאָפיע, און אַפילו פון זיין אייגענעם פערגניינען פון דער זעלבער פילאָזאָפיע?
האָט איהר געזעהן אַ מענש וואָס צוקנייטשט בידים זיינע נייע זיידענע קליידער כדי זיי זאָלען ניט אויסזעהן צו ניי, צו גלאַנציג?
דאָס איז משה נאַדיר.
משה נאַדיר איז יענער מאָדערנער מענש, וואָס האָט בעטראַכט דאָס לעבען פון אַלע זייטען און האָט ניט געפונען קיין פעסטען פּינקט אויף וועלכען זיך אַבצושטעלען. וואַסער, וואַסער, אומעטום! די תבה פון זיינע פערלאַנגען איז ביז צום אַראַראַט־באַרג נישט דערשוואומען. נאַדיר האָט זיין האַרטע און בלייכע לעבענס־מינץ אויף אַ רויט־גאָלדען טרוים־רענדעל אויסגעביטען, כדי שפּע־

טער ד אָ ס אויך אוועקצואוואַרפֿן. ווייל עס איז נישט עכט. נישט פֿער׳כשוף׳ען קען איהם אפילו דער רענדעל־קלאַנג פון אידעאַלען, נישט בעגייסטערען קען איהם דער וואונש פון דעם אונטערדריקטען ארבייטערקלאַס, וואָס קעמפּפֿט פאַר טיע־פערע שיכלען בארשט און פאַר מעהר גאַלדענע יויך אויף דער חתונה צווישען קאַפּיטאַל און ארבייט.

אויך דאָס גיט איהם נישט קיין אינספּיראַציע. נאַדיר׳ס לייטמאָטיוו איז נישט דאָס ז י י ן, נאָר דאָס ו ו ע ר ע ן. דאָס אייביגע פון זיך אוועקגעהן, דאָס אונפּראַגראַמאַטישע, דאָס נישט אָרגאַניזירטע. בעשאַפט ער זיך איין אילוזיע נאָך דער צווייטער. אפשר וועט ער זיך קענען פערווינקלען, זיין ארט גע־פינען. אבער דעם ערענסט מעלאַנכאָלישען נאַדיר ווערט דאָס באַלד נמאס, און ער צולאַכט זיך פון זיין פּוסטען שפּיעל. און לאַכענדיג שאַפט ער ווידער נייע אַרנאַמענטאַציען, נייע קאַרניזען אויף דער טורעמדיגער נול־געביידע פון זיין לעבען און ער בלייבט ווידער עלענד, מיט זיין מיסטעריעזען נישט רעדעוודיגען פריינד — מע־לאַנכאָליע.

און די אייביגקייט איז גרויס און אונענדליך און זי לאָזט ניט קיין פּלאַץ פאַר דאָס פערגענגליכע, פאַר דעם מאָמענט.

וואָס זאָל טהאָן דער מענש, אז זיין לעבען איז נישט פון איין שטיק אייביגקייט געשניטען, נאָר פון קליינע צוריסענע מאָ־מענטען צונויפגעלאַטעט? זאָל ער זיך מיט די דאָזיגע לאַטעס גרויס האַלטען? אָדער זאָל ער זיי פאַר בעטלער־צוועקען אויס־נוצען און זיך דערנידעריגען? נאַדיר קען נישט דאָס איינע און אויך נישט דאָס צווייטע. און דארום זיינען זיינע זשעסטען אזוי אונבעהאָלפען, אזוי נישט זיכער, אזוי קאַפּריזנע

און גאָט! — וויפיעל קינסטלער וועלען נאָך אויסטראַכטען פאַנטאַסטישע זונשפּיעלען כדי זיך צו פערבלענדען?

און וויפיעל וועלען נאָך זינגען הויכע פרייד־ליעדער בשעת זיי וועלען מיט וואַקלענדע טריט געהען איבער די שטיין־וועגען פון לעבען?

וויפיעל וועלען נאָך כלומר׳שט מאַכען דעם אנשטעל, אז זיי איז פרעהליך, בעת זייער נשמה וועט אויסצאַנקען פון א כעמי־שען זיך־אויפלייזען אזוי ווי נאַדיר׳ס?

אט ווי נאדיר שילדערט זיין געזעלשאפטליכקייט:
„אין פענסטער קלאפען עטליכע גרויסע פליגען.
צו אידישלאך־חוצפה׳דיג — אבער היימיש.
שטעלען זיך אזוי פריינדליך אויפ׳ן שפיץ נאז.
מאכען א גרויסען טומעל — כמעט א ב ע ו ו ע ג ו נ ג.
מיר איז אזוי גוט.
אזוי פרעהליך...
איז דעם ליעבען לעזער אויך אזוי פרעהליך?"

און נאדיר האט תרעומות אויף זיין לעזער וואס נישט נאר קען ער איהם גאר נישט געבען, נאר קען אפילו נישט נעהמען. ווייל דער דיכטער וואס שפיעלט זיך מיט אונניצליכע ווילדע רויזען אנשטאט מיט ניצליכע גארטען־בלומען, וועלכע מען קען צו געלד און צו כבוד מאכען; דער קען נישט ווערען דער ליעבלינג פון די ברייטע מאסען, וואס זוכען אין יעדער זאך א פארטיגען זין, אן אויסגעטייטשטע ניצליכקייט.

אזא דיכטער בלייבט שטענדיג אין־זיך־פערריגגעלט. אונקלאהר פאר אנדערע, און אפילו פאר זיך אליין...

לירישער הומאר.

וואס איז אזוינס הומאר?

הומאר איז הומאר. דאס איז די בעסטע דעפיניציע. פונקט ווי ליעבע איז ליעבע. מיר ווייסען נים וואס דאס איז, מיר עמפינדען דאס.

דער חן פון הומאר ליגט אפשר אין דעם סוד פון זיין פארמולע — אין בעמישער נישט־אנאליזירבארקייט פון הומאר׳ס בעזונדערע טהיילען.

עס איז אבער דא אן אונטערשיעד פון הומאר און הומאר. משה נאדיר׳ס איז דער ל י ר י ש ע ר ה ו מ א ר. דער ליריזירענדער, דער הומאר פון סענטימענטאליטעט, דער הומאר וואס בליצט ארוים פון די פערשלאסענע נשמה־קאמערען. נישט דאס פלאסטישע וואס ווערט בלויז געזעהן מיט׳ן אויג. יענער הומאר דערוועקט אין אייך בלויז געלעכטער, ווייל ער ווייזט אייך בלויז דאס דרויסענדיגע אינ׳ם פארם פון קאריקאטור. אבער דער לירישער הומאר, דערוועקט אין אייך נים בלויז געלעכטער, נאר אויך דאס טיעף מענשליכע עמפינדען. אין אלע זיינע דימענסיעס.

משה נאַדיר לאַכט ניט פון הארצען, נאָר ער לאַכט פון זיך דאָס הארץ ארויס. אנדערע הומאַריסטען גיבען אייך זייער הומאָר, שוין פאַרטיג, א ו י ס ג ע ל א כ ט, איהר דאַרפט שוין צו איהם גאָר ניט צוטראַגען. משה נאַדיר גיט זיין הומאָר נאָך ניט אויסגע־לאַכטערהייט, פּרעפּאַראטיוו, רויה; און פּונקט ווי רויה־גאָלד, מוז דורכגעהן א בעמישען פּראָצעס, כדי געליימערט צו ווערען, אזוי מוז נאַדיר׳ס הומאָר ערשט געלייטערט ווערען דורך א י י ך...

נאַדיר לאַכט ניט דורך טרעהרען. זיין געלעכטער אליין איז טרעהרען. ער דאַרף ניט מאכען קיין מיקסטור פון די צוויי בעזונ־דערע עלעמענטען, געלעכטער און געוויין, עס זאָל ארויסקומען דער פּאַטהאָס. נאַדיר׳ס הומאָר איז פּאַטעטיש אין זיין אורעלעמענט. זיין געלעכטער איז טרעהרען, איז היסטעריקע, נישט פריינעלאַזענער געוויין. ביי אידען האָט מען תמיד געזוכט צו כשר׳ן דאָס געלעכ־טער מיט טרעהרען. ווי געלעכטער וואָלט — אין זיך אליין — גע־ווען א נישט ווירדיגע זאַך, א שקאַצעריי. דעריבער האָבען אידישע קריטיקער, מעהר ווי אלע אנדערע, הויך עקספּאַנירט די פראַזע „געלעכטער דורך טרעהרען.“ ווייל דאָס פריידי־געפיהל און שפּיעל־געפיהל איז דעם אידען געווען אונקלאַסיש. ווייל דער חורבן בית־המקדש איז ביי אידען מעהר טראַדיציאָנעל ווי שמחת בית־השואבה. ווייל תשעה־באב איז ביי אונז וויכטיגער ווי פּורים. ווייל דער איד איז בטבע אסקעטיש, און בעוואוסטזיניג פער׳אבל׳ט, א בית־עולם האָט פאַר׳ן איד מעהר חן ווי א הערבסטליכער פּאַרק.

נאַדיר ווייזט אייך, אז לאַכען איז אין זיך זעלבסט א פּאָזי־ציע, א לעבענס־אויסדרוק. אז אמת׳ער הומאָר שלאָגט זיינע ווארצלען אין סאַמע הארץ פון דער וועלט. נאַדיר׳ס הומאָר, אויב־וואויל אזוי לייכט ציטערדיג, האָט אבער א טיעף שווערען הינטער־גרונד. ווייל ער האָט אין דער טיעף א פונדאַמענט, דערפאַר קען ער בויען אזוי שווינדעלדיג הויך. אמאָל פערהענגט נאַדיר די טור־דעם־פענסטער פון זיין געמיט און לאָזט אייך בלויז אריינקוקען דורך א שפּאַרע, צו זעהן ווי מעלאַנכאָליש אינוועניג איז, ווי איינזאַם. און אנדערש מאָל לאָזט ער אייך זעהן די גאָלדיג־בלענ־דענדע ליידינקייט פון לעבען, די קרומע נישטיגקייט אין אלע איהרע ציטער־פאַרבען. אבער זיינע מאָטיוון געהען אימער אין דער הויך, שפּיראַל־פאָרמיג, קונציג־געדרעהט. נאַדיר ווערט אמאָל אויך

ציניש; אבער זיין ציניזם קומט פון איבערפיינקייט, פון א פער־שארפטען עסטעטישען זין. ער שפּיעלט מיט זיך און אלעם ארום זיך, אבער זיין איבערגעשארפטער הומאָריסטישער שפּיעל מאַכט אייך נישט פּרימיטיוו־נידעריג, קינדעריש־קליין, נאָר קהלת׳דיג קלוג, אומעטיג, דעגאזשע.

נאַדיר האָט ארייגעפיהרט א סך נייקייטען אין דעם אידי־שען הומאָר. ווי שטיפערישע נאַנסענס, פלירט, פּאַראַדיע, סורפּריז, וואָרטשפּיעל, וואָרטקלינגעריי און קאַפּריז. דאָס נישט־רייצענדע פרייליין סאַטירע קומט צו איהם אמאָל אויך צו גאַסט. נאָר נאַדיר, דער קינסטלער האָט דערפיהלט, אז ער קען מיט איהר ניט זיין צו נאָהענט. ער שענקט איהר ניט קיין סך צוטרוי. ער חבר׳ט זיך אמיינסטען מיט הומאָר. אָדער ער פערהומאָריזירט זיין סאַטירע. זיין קינסטלער־בעוואוסטזיין רוימט איהם איין, אז סאַטירע איז א נידעריגערע מדרגה פון קונסט ווי הומאָר. סאַטירע גיפטיגט, פער־וואונדעט, הומאָר איז דער גלעד־באלזאם וואָס היילט. סאַטירע איז איינזייטיג, הומאָר איז פיעלזייטיג ווי דאָס מענשליכע לעבען אין אלע זיינע וואַריאַנטען. סאַטירע איז אינטעלעקטועל, טעראָ־ריסטיש, הומאָר איז פּאַטעטיש, נאָכגעביג, קלויסטערליך. סאַטי־רע איז האַפערדיג־פּעסימיסטיש, איז צווייפלענד, איז פּאָזע, הו־מאָר איז זשעסטלאָז, איז שטיל־פערצווייפעלט, אָבער ניט צווייפ־לענד. הומאָר גיט צו פּראַפּאַרציע צו איינעמס וועלט־בליק; מאַכט פערגעבען אנשטאָט האַסען, לאָזט דעם מענשען ניט שטעלען זיך אויף איין פוס און ווערען בלוט־שוועך דורך איינזייטיגער מימיק. הומאָר גיט די גלייכגעוויכט צום מענשליכען כאַראַקטער, לייטערט דאָס געמיטה אין די שווערע שעה׳ן פון אונזער לעבען...

בעדויערען מוז מען וואָס מיר האָבען זעהר ווענינ הומאָרים־טען. פּאָעטען און דערצעהלער האָבען מיר א סך. אבער נאָך דעם ווי שלום עליכם׳ס געלעכטער איז ענטשוויגען געוואָרען, איז בלויז געבליבען איין איינציגער הומאָריסט אין דער אידישער ליטעראַ־טור, אויף וועמען מען קען לייגען גרויסע האָפענונגען — משה נאַדיר. און ווי נויטיג עס איז אין אונזער לעבען הומאָר!

די וועלט האָט גענוג איבער וואָס צו וויינען — לאַכט משה נאַדיר... לאַכט פון זיך די טרעהרען ארויס... און אלע זאָגען: ווי לייכט און פריידיג דער מענש לאַכט.

אַלעס פערגעהט אונערמיעדליך און מען שטאַרבט! און
אַז איך שטאַרב שטאַרבען מיט מיר אָב אַלע מעגליכקייטען
צו שרייבען אין פיינעם מאַניר. — נאַדיר.

טראַגיזם.

די מענשליכע נשמה איז איינגעשרויפט אין דריי רינגען. דער ערשטער די נאַטור, דער צווייטער די געזעלשאַפט, דער דריטער רינג — דער מענש אַליין. וואו ער וואַרפט זיך איז זיינע אייגענע קייטען־גליעדער. דער לעצטער, דער איך־רינג, איז דער געפעהר־ליכסטער. מען קען זיך פון איהם ניט בעפרייען אויף איין מאָ־מענט. וואָס מען קען טהון איז אויסשפּיאָנירען זיין גרוים — כדי צו איהם ניט צו צוקומען צו נאָהענט און דאָס אייגענע לייב צו־רייסען...

נאַדיר׳ס איז די דורכזיכטיגע נשמה, וואָס האָט אויף זיך דערזעהן די אייביגע טונקעלע דריי רינגען. און זי זוכט צו מאַכען אַלערליי קונצען, כדי א ווײַלע פון זיי לויז צו ווערען, צו פערגע־סען... אבער וואָס מעהר זי וויל זיך פון זיי בעפרייען, אַלץ שטאַר־קער דערפיהלט זי די רינגען — דערפון קומט זיין פערצווייפלונג און מעלאַנכאָליע. ד ע ר פ אַ ט ה אָ ס פ ו ן ה י ל פ ל אָ ז־ק י י ט. ער שרייבט צו אברהם רייזענ׳ען:

„ס׳איז אומעטיג און מעלאַנכאָליש, און די ליידיגקייט פון לע־בען איז אַזוי גרוים — אפילו אין א זאַאַל מיט העל־בעלויכטענע אויגען און מיט גרין־בעקראַנצטע לויב־רעדען.

מיר ווייסען אַלע וועגען זיינען שמאָל און שטויביג, און אנ־שטאָט א האַרץ געפינסטו א שטיין.“

דאָך איז דאָ א טרייסט אין אומעט. דער אומעט אַליין ווערט א געטראַנק מיט וועלכען מען פער׳שכור׳ט זיך. פון דעם אומעט־בוים אַליין שניצט מען זיך א כשוף־שטעקען אוועקצויאָגען די לאַנגווייליגע. פון דער הילפלאָזקייט אַליין פלעכט מען זיך א קראַנץ דעם געבויגענעם קאָפּ צו בעציערען...

אָבער אַזוי שפּיעלען מיט זיך אַליין, קען מען נאָר, ווען מען שטעהט אנטקעגען דעם גרויסען מיסטעריעזען ריעז, דאָס לעבען. אבער אנטקעגען דעם אַלמעכטיגען שד דעם טויט, זיינען מיר אין גאַנצען אָהן הילף. דער טראַגיזם, דער פּאַטהאָס פון טויט, איז אונ־ענדליך. ער איז אַזוי אונפערשטענדליך און מעכטיג, אַז מיר האָ־

בען אפילו נישט קיין כח איהם צו האסען. ער איז איבער אונזער ווילען, איבער אונזער ערפאהרונג. מיר פיהלען פאר איהם בלויז א בלינדען שרעק. — און פאר דעם דאזיגען שרעק האבען מיר מורא. און אפילו דער ביטערסטער שפאט אליין קען דער נשמה איהר אטעמען ניט גרינגער מאכען.

ווען פרץ איז געשטארבען האט נאדיר געוואלט מיט א פאר לייכטקייטען פערדעקען דעם גרויסען הארץ־דים — אבער ער אליין הויבט אן זיין פעליעטאן מיט אן ארויפגעהויבענעם קאפ, מיט א „פונדעסטוועגען" און ענדיגט א צובויגענער, מיט צוריק־לויפענדע טרעהרען. אין דעם זעלבען פעליעטאן שפאט ביי איהם ארויס דער געוויין מיט די ווערטער:

„טהייל מאל דאכט זיך אייך, אז דאס איז קאמיש: געשטאר־בען א מענש וואס דו האסט אזוי ליעב געהאט און דו — פאזירסט. געשיעדען זיך פון דיר דאס טהייערסטע, וואס דו פערמאגסט און דו קלעהרסט, וואס פאר א קליידער זאלסטו טראגען צו דער לויה..."

וואס דען קען א מענש טהאן? וויינען? מאכען אן אויס־שטעלונג פון'ם אייגענעם טרויער? אדער א געשעפט?

און ווי טיעף נאדיר האסט און פערשפאט די פראפע־סיאנעלע וויינער. ער איראניזירט:

„רייסען די האר פון קאפ און פון יעדען בינטעל האר מאכען א פערז איז — א פעהיגקייט, וואס ניט יעדער בעזיצט. זאגען, אז עס איז אויסגעלאשען געווארען דיין ליכט — איז גאנץ נאטיר־ליך: ווי דען אנדערש קען מען זאגען? פרעגען „צי איז מעגליך, אז פרץ איז טויט?" כאטש דו ביזט דרין זיכער. עס איז אן אלטע פראזע — אבער זעהר פאסיג פאר דער געלעגענהייט.

וואס קען מען דען בעסער טהאן?

מיר זיינען מענשען — ניט מעהר. שטארבען מיר פערגעסט מען אונז. בלייבען מיר אונשטערבליך — מאכט מען ווענען אונז א שטיקעל טומעל און דאן גיט מען אונז ארויס עטליכע בענדער, אדער מען בעציערט מיט אונז א וואנד פון א מוזעאום.

מיר זיינען מענשען — ניט מעהר. און אז פרעמדע ליידען ווילען צו אונז צוקומען, מוזען זיי דורכגעהן דורך אונז. מיר זיינען די גרעניץ פון אלע גרעניצען, דאס לאנד פון אלע לענדער און

דער מיטעלפונקט פון אלעם וואס לעבט... טו ווי קען אונז ריהרען די טיעפע טראגיק פון טויט? צי קענען מיר דען דעם טויט דורכלעבען פונקט ווי מיר לעבען דורך די קלענערע טראגעדיען פון לעבען? יענע טראגעדיען וועלכע מיר קענען איבערזעצען אויף זיך זעלבסט, און זיי מיטפיהלען?

דער קאמישער טויט! ער בערויבט דיך און מאכט דיך אזוי נאריש. דו שטעהסט און קוקסט אויף זיין קרבן און — וואס קענסטו טהאן? דו קענסט זיך אפילו ניט איינבייסען אין זיין האלז און צערייבען זיינע האלז־אדערען צווישען דיינע צייהן...

קענסט זיך ניט נוקם זיין.
און זאגען האסטו ניט וואס...
און שווייגען קענסטו ניט...

און קענסט אפילו ניט פיהלען זיך אזוי טיעף אונגליקליך און געטראפען, ווי דו וואלסט געוואלט. דערפאר ווייל דו ביזט א מענש — בלויז א מענש ניט מעהר.

און ווי דו וועסט טהאן, וועסטו אלץ בלייבען א הילפלאזער נאר. דערפאר האט שוין געזארגט דאס לעבען און — דער טויט. די צוויי אלטע שותפים!..."

דאס לעבען זעהט אוים ביי נאדיר׳ן ווי א טאלאנטלאזער גאט־הומאריסט וואלט זיך געוואלט א ביטערען שפאס מאכען, האט ער דעם מענשען בעשאפען...

דער טראגיזם פון טויט, דער פאטהאס פון הילפלאזיגקייט, דער בעוואוסטזיין אז דעם מענשענס לעבען איז בלויז א *פיעלפארביג פערגעהן, איז דער הינטערגרונד פון נאדיר׳ס שרייבען.* אט דער אייביגער אונמוט — נישט אומעט — בעהאלט זיך אונטער אלע זיינע וויצען. ער זאגט: „ווען איך וואלט געהאט א דעה אין דער וועלט, וואלט איך איינגעפיהרט, אז די מענשהייט זאל זיך איינטיילען אין צוויי העלפטען: איין העלפט מענשהייט זאל שרייען „געוואלד" בייטאג, און די צווייטע העלפט מענשהייט זאל שרייען „געוואלד" ביינאכט... פון ארבייטען אדער עפעס אנדערש איז אָבגערעדט: ווען זאל עס ליגען אין זינען צו ארבייטען, אדער צו זיין גליקליך, אז פון דער ערשטער רגע זינט מען איז געבוירען

געווארען הויבט מען אָן צו שטאַרבען, און מען שטאַרבט רעגעל־מעסיג 24 שעה אַ טאָג, און מ'הערט ניט אויף שטאַרבען אפילו אַ מינוט.

און ער ענדיגט:

אַ יעדען זונטאָג פאָהר איך צו אַ פּיק־ניק מיט דער בלאָנדער אַנאַ. זי איז זעהר אַ נאַאיווע און זי האָט ליעב צו פאָהרען אויף אַ קאַרוסעל. — — — "

נאַדיר האָט דערהויבען דעם טויט צו אַ לעבענס־פילאָזאָפיע, צו אַ לעבענס־פּאָזיציע, צו אַ לעבענס־טעכניק. דורך דעם טויט צו דער דערלייזונג פון לעבען, וואָס איז שפּל'דיג, אַזוי אונאייביג — אין פערגלייך מיט דער לאַנגער אייביגקייט פון טויט. אַזוי קאָמפּ־ליצירט אין פערגלייך מיט דער סימפּליציטעט פון טויט. „איך ליעב דיך היינט אייביג" זאָגט נאַדיר צו זיין געליעבטער. ווייסט ווי לע־בערליך, ווי אונהעראַאיש, ווי מילבענקליין עס איז די קאַפּאַציטעט פון לעבען! דאָס לעבען איז נישטיג — און פון דער דאָזיגער ני־דעריגקייט קריגט עס זיין ווערט. ווייל ערגער קען נישט זיין — דערמיט אליין איז עס שוין בעסער, איז דאָס בעסטע וואָס מיר האָבען. און דעריבער איז אונזיניג צו וועלען העראָאיש אָ פּ פּ ע־ר ע ן ד אָ ס ל ע ב ע ן פון ה י י נ ט פאַר מ אָ ר ג ע ן, פאַר איבערמאָרגען — צו אָפּפערען מיין דערוואַקסען לעבען פאַר מיין אייניקעל. איך בין עלטער פאַר מיין אייניקעל און מעהר ניצ־ליך פאַר דער וועלט ווי ער — זאָגט נאַדיר. דעריבער איז די פּ י י ג ה י י ט — זיין העכסטע לעבענס־עטהיק. דעריבער וואַרפט ער זיינע שאַרפסטע פיילען אויף דער העלדישקייט־אידעע. אויף איהר פּאַרוועניוואַישער צושפּרייטקייט, אויף איהר ליידיגקייט...

ווען איך וואָלט געווען אַ גאָט, זאָגט נאַדיר, וואָלט איך גע־צאָהלט מיינע מענשען 2.90 סענט אַ טאָג פאַר — לעבען. ווייל דאָס לעבען אַ ל י י ן איז אַן אַרבייט, אַן אויפגאַבע, אַ פּראָ־פעסיע.

אין דעם פּרט פון לעבענס־עטהיק איז נאַדיר דער אידישסטער שרייבער. דער פרומסטער פון אַלע. דער נאַכגעבענסטער, דער כריסטליכסטער. אַסקעטישסטער. — כאָטש איז לעבענס־אויס־דרוק, און אויסערליכקייט, איז ער דער פרייעסטער, דער וואָויל־יונגערישסטער, דער ציגיינערישסטער.

איך בין שוין מיעד פון מיין אייגענע וויצן,
מיין אייגענע געזעלשאפט אינטערעסירט מיך ניט מעהר,
מיינע אייגענע חכמות דערקוויקען מעהר ניט מיין גומען.

מ. נ.

פערזענליכעס.

און דער דיכטער וואס איז לויטער פערזענליכעס האט אויך פונדעסטוועגען זיין פ ר י וו א ט ע פערזענליכקייט, זיין סאנקטום אין וועלכע נאר אויסדערוועהלטע קענען אריינקומען.

אין מאמענטען פון גרויסען צער עפענען זיך די טירען פון דעם דאזיגען סאנקטום און מען קען זעהען טיעפער ווי תמיד.

שלום עליכם'ס טויט איז געווען דער גרויסער צער וואס האט די שטארק פערריגעלטע טירען פון נאדיר'ס פריוואטע פערזענליכקייט געעפענט. קיינער איז ניט געווען אזוי צובראכען ביי דעם טויט פון דעם גרויסען אידישען הומאריסט ווי נאדיר.

א פאר טעג שפעטער האב איך נאדיר'ן געטראפען אין קאפע, ער איז געווען אזוי אינטים ווי אימער, נאר לייכטע שפורען פון בלאסקייט זיינען געבליבען אויף זיין געזיכט. אפשר אויך א פערטרוקענטע טרעהר. ווער ווייסט?

מיר זיינען ארוים אין גאס. אין דעם רוישיגען איסט בראדוויי, פון דארט אויף דער וויליאמסבורגער הענג־בריק, וואו מיר האבען זיך צוגעזעצט און פערפיהרט א געמיטליכען שמועס.

איך האב געזאגט: איהר ווייסט, מיין ליעבער נאדיר, איהר וואלט זיך בעדארפען נעהמען אביסעל ערענסטער.

— געהט שוין, זייט ניט קיין קינד, מען דארף קיין זאך ניט נעהמען ערענסט; אפילו נישט דעם הומאר. פאר וואס זאל דער הומאריסט לאכען פון אלצדינג, נאר נישט פון זיין געלעכטער?

— שטיינבערג, — האט ער ווייטער גערעדט — ווי קען מען לאכען ערענסט אז די וועלט שטארבט אב? אט שטעה איך דא און מאך אפאריזמען און ערגיץ שטארבען מענשען. נישט נאר מענשען, נאר אפילו די אונשולדיגע זונטאגס און מאנטאגס שטארבען אויך אב. אט איז שוין היינט דער לעצטער פרייטאג, מעהר קיין פרייטאג וועט שוין הייגטיגע וואך נישט זיין, וואס דאס איז זעהר א פיינער אפאריזם. איהר מעגט איהם פערצייכענען, שטיינבערג ברודער, אפשר וועט איהר אמאל שרייבען וועגען מיר.

— אבער עס זיינען דאך פארהאן גרינדליך ערענסטע זאכען אין דער וועלט, מיין ליעבער נאדיר.

— ערענסט קען נאר זיין דער צווייפלענדער, אבער נישט דער פערצווייפעלטער. דער וואס שטעהט ביים ראנד פון לעבען קוקט נים אין שפיגעל, ציערט זיך נים מיט פראגיזם. צווייפעל איז א פאַ־זיציע, אבער פערצווייפעלט זיין איז א קאטאסטראפע. און א מענש קען נישט אויסרעכענען אויף פאראויס די חנ'עוודיגע נאטע, אויף וועלכער ער זאל א שריי טהאן „געוואלד!“ בשעת ער ווערט אי־בערגעפאהרען פון א לאקאמאטיוו, וואס דאס איז אויך א געוואל־דיגע פראזע.

נאדיר'ס ליפען האבען געציטערט א צוק געטהאן און ער האט ווייטער גערעדט אין א זעהר שנעלע טעמפא, און זיינע ווערטער זיינען געפאלען איינס איבער דאס אנדערע.

ווי מקנא בין איך די מענשען וואס האבען א בעשטימטע מיינונג וועגען אלצדינג און וואס ווייסען אקוראט ווען זיי דאר־פען אויפשטעהן און ווען זיי דארפען זיך לייגען, ווען ס'איז יום טוב און ווען ס'איז אין דער וואכען. איך אליין האב קיינמאל נישט געהאט קיין בעשטימטע מיינונג וועגען קיין זאך. איהר קענט ביי מיר פועל'ען אי אזוי, אי פערקעהרט. היינט אין דער פריה, אונגעפעהר ביז א זייגער עלף, בין איך געווען א ציוניסט. דערנאכדעם האט אנגעהויבען רעגענען, איז מיר געוואַ־רען אומעטיג, בין איך אריבער צום אנארכיזם. ס'האט געדויערט ביז א זייגער דריי בין איך געווארען מיעד סיי פון אנארכיזם, סיי פון ציוניזם און בין געווארען א טהעארעטישער אנטיסעמיט. א זייגער אכט האב איך זיך שרעקליך געגומען האסען פאר מיין אנ־טיסעמיטיזם, און פערבייגעהענדיג אן ארטאדאקסישע שוהל, פון וועלכער עס האט ארויסגעקלונגען אן אומעטיגער „ברכו“, בין איך אריין זאגען קדושה. איך האב זיך געפיהלט אזוי אונענדליך גוט, די סינאגאגישע פייערליכקייט איז מיר אריין אין הארצען. און איך האב בעגריפען אז דאס אלט־אידישע דאווענען, איז אינהאלטליכער ווי די ליעדער פון אונזערע „יונגע“. און אינספיראציאנעלער ווי די ליטעראטור פון אונזערע „אלטע“. — אך שטיינבערג, פליעז זאגט מיר וואס מאך איך עפעס? פיהל איך זיך גליקליך? אויב יא, פאר וואס יא? און אויב נישט, ווארום נישט?

— הערט! — האָב איך גענומען פּריוועז א נייע סטרונע.
— פאר וואס גיט איהר נישט ארויס אייערע ווערק אין עטליכע ביכער?

— איך וועל קיינמאָל נישט א ר ו י ס ג ע ב ע ן מיינע זאכען, איך האָב נישט קיין געדולד דערצו. איך וועל זיי ארויס־ווארפען דורכ'ן פענסטער, פּונקט ווי איך ווארף מיינע נישט גע־דרוקטע מאנוסקריפּטען א ר י י ן דורכ'ן פענסטער פון דער רעדאקציע. אויב עמיצער וועט זיי אויפקלייבען און ארויסגעבען וועט זיין גוט. אויב נישט... — נאָדיר האָט זיך פערטראַכט, בע־מערקט, אז ער האָט זיך אליין געכאפּט ביי א זשעסט און צוגעגע־בען: — אויב נישט וועל איך זיי מסתמא אליין ארויסגעבען. ווייל איך בין העכסט פערליעבט אין מיינע זאכען. איך האלט, אז איך בין א געוואלדיגער זשעניע, א צווייטע אמעריקא, וואס מען דארף ערשט ענטדעקען. גלויבט מיר, האָט ער צוגעגעבען מיט זיין לייכט שפּאַטישען טאָן, אז איך וואָלט נישט געקארגט די פּאָר דאָלאר, אבי צו קריגען דעם לייטישען קאָלאמבוס וואס זאָל מיך ענט־דעקען.

—אָך, שטיינבערג, ווי ענטדעקט מען ערגיץ א גוטען ענט־דעקער, וואס זאָל מיך ענטדעקען? אונזערע „יונגע“ האָבען שוין פערכאפּט אלע בעסטע קריטיקער און איך, — האָט ער בלומרשט אנגעשטעלט א וויינענדיג קול, — בין דאָך אויך א מענש, און דארף אויך לעבען אויף דער וועלט, צי ניין? און די אונשטערב־ליכקייט איז שוין באלד צוכאפּט, און דער טויט אין מיר ווערט יונגער, רייפער און לעבענסלוסטיגער פון טאָג צו טאָג.

— יא, חבר שטיינבערג, — האָט ער פערענדיגט, — מען מוז זיך צוויילען. די ריין פּערזענליכע אונשטערבליכקייט איז אזוי קורץ. א יאָהר איז ביי מיר א לעגענדע. און די ווייטע צוקונפט איז אן אויסגעטראכטע אונגלויבליכע זאך. מיין אייביגקייט בע־שטעהט פון קליינע מאָמענטען. פון א י צ ט י ג ק י י ט ע ן. און אלץ איז אזוי קרום געלאטעט, אזוי קליין, אזוי מיזעראבעל און אזוי פערביילויפענד...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און ערגיץ אין דער ווייטקייט האָט א בליץ געטהאָן א ווייסער זענגעל פון א שיף און איז פערשוואונדען ווי א מאָמענט. ווי דאס

אויפבליצען פון א העלזעהערישע מענשליכע נשמה, ווי נאַדיר׳ס א פאראדאַקסאלע אין־זיך־זעלבסט־פערגעהענדע אייביגקייט.

און ארונטערגעהענדיג פון דער בריק, האָט נאַדיר מעלאנכאָליזירט מיט א שמייכעל:

„צווישען הימעל און ערד הענגט אונזער לעבען — א פאַפירענער נול צווישען צוויי אייביגקייטען... צווישען צוויי שטאָהלענע אייביגקייטען...“

נייע קריטיק.

משה נאַדיר שרייבט א גאַנץ נייע קריטיק. דאַכט זיך ער איז לייכט, גימנאַסטיקירט מיט ווערטער, שפּיעלט זיך מיט אייגענע קאפּריזען, שטעכט ארויף זאכען אויף דעם שפּיץ פון געדאנק; דאָך איז זיין קריטיק אינטואיטיוו און דערפאר — עסענציוו. מיט עטליכע שפּיזען־ווערטער בויערט ער דורך דעם תמצית פון א ווערק. — מען זאָל דאָ ניט פערשטעהן, אז איך מיין זיין קריטיק איבער׳ן אידישען טהעאטער, וואָס האָט אין גאַנצען קיין וויכטיגען אינהאלט ניט. וואו דער געהאנגענער האָט ניט די ווערטה דעם שטריק. און ס׳איז נאָר א שאָד די גאָלדענע פיילען וואָס ער שליידערט אויף דעם ליימענעם גולם. אבער פונדעסטוועגען האָט נאָך קיינער ניט אזוי געשריבען טהעאטער קריטיק ווי נאַדיר. — טיעף דורכדרינגליך איז ער ווען ער שרייבט וועגען דיכטונג און דיכטער. ווי ווייטזעהענד ער איז, למשל, ווען ער שפּיאָנירט דורך ראָלניק׳ס שאפען. איך וויל דאָ אונטערשטרייכען דעם עקזאלטירטען געדאנק:

„אויבערפלעכליכע נאַטורען מיינען, אז ראָלניק אידעאַליזירט דאָס קליינע ליטווישע לעבען, אָבער טיעפע בעאָבאַכטער — צום ביישפּיעל, איך און דער בלאנדער זישא — ווייסען, אז ראָלניק׳ס אַרעמקייט איז ניט קיין לעבענס־אידעאַל, נאָר א לעבענס־מאַסקאראד. ניט א רעכטער טויער צו זיין אייגענער העכסט־אינטערעסאנטער פּערזענליכקייט, נאָר א פאנטאַסטיש טהירעל צו דער גרויסער, באנאלער, אָבגעשמאקטער אונענדליכקייט — א פּראָזע, וואָס איז מיר אַליין אונפערשטענדליך.“

ער פארגעסט אבער קיינמאל ניט, אז ער איז דער הומאריסט, און דער געדאנק גיט באלד א טאנץ אויף צוריק און מאכט א וויץ פון זיין אייגענע בעהויפטונג. וועגען דער אונענדליכקייט. אדער ער ווערט נאהענט און שפאסיג ווי קיינער וואלט זיך ניט געקענט ערלויבען, און ביי קיינעם וואלט עס ניט ארויסגעקומען אזוי חנ'עוודיג:

„.... י. ראלניק, מיין חבר: דו געהסט אויף בלאטיג-פערבלו־טיגטע זאמדיגע, דארניגע וועגען — אבער ווער הייסט דיר אהין געהן? קום בעסער טהו אן דיין קעניגליכען, שארלאך-מאנטעל־אויבערראק און איך וועל דיך אין די וויינגערטנער פון לעבען פיהרען, און דו וועסט ניט מעהר איינגעבויגען געהען, און שיל־טענדיג גאט און פערשווייגען זיינע מייסטערווערק."

„א גרויסער דיכטער ביזטו, י. ראלניק, ניט נאר דיכטער ביזטו, נאר א פערזענליכקייט אויך, און ז י י ן פ ע ר ז ע נ־ל י ך א י ז ש ו ו ע ר ע ר ו ו י ש ר י י ב ע ן פ ע ר־ז ע ן.

„ס'איז גוט וואס דו געהסט אין זאמדיגע וועגען! ווען דו וואלסט ניט געגאנגע'' אין זאמדיגע וועגען, וואלט אויך געוועז גוט."

קיינער האט נאך ניט געוואגט און קיינער האט נאך ניט געקענט זיין אזוי אינטים און פערזענליך אין קריטיק ווי נאדיר. אז ער שרייבט וועגען רייזענ'ען איז דאס קעפעל: „מיין פערזענ־ליכער אברהם רייזען." און רעדט צו איהם אזוי ווי אויג אויף אויג:

„פערשטעהן זיי דיך דען? לעזען זיי דיינע ליעדער, טייטשען זיי פון זיי די גראמפארטינקייט ארויס. לאבען זיי זיך מיט דאס נ ע ז א ג ט ע און ווייסען נישט, אז דו זאגסט בלויז צוליעב דעם נישט-דערזאגטען, אז דו רעדסט צוליעב דעם שווייגען וואס ווערט מעגליך אין די פאוזען. בעגרייפען זיי נישט, אז אונטער דעם בליץ־און-וויץ פון דיין דערצעהלונג ליגט עטוואס, וואס איז טיעפער און קלוגער און העכער ווי דאס אנגעשריבענע. ליגט דאס וואס דו האסט א ו י ס ג ע ש ו ו י ג ע ן מיט אזוי פיעל רעליגיעזי־טעט, מיט אזוי פיעל בענקשאפט..."

אויך זיין פּאָלעמיק איז אַן אייגענאַרטיגע. אויך דאָ איז ער אינטים און וויציג. און ער קען מעהר איבערצייגען מיט אַ וויץ, ווי אַנדערע מיט פאַקטען און בעהויפּטונגען. איינער פון די על־טערע שרייבער איז אַרויס מיט אַ זידעל־צוג געגען די יונגע דיכ־טער, שרייבט נאַדיר אַלס ענטפער:

„אַזוי איז די יוגענד: — נאַריש, לייכטזיניג, שפּיעלענדיג און נעהמט איהר לייכטזיניגקייט אַזוי שרעקליך ערנסט! אָבער ווער פון די עלטערע מיט די גייסטיגע גראַהע בערד, און גייסטיגע רומאַטעס, וועט האָבען די חוצפּה צו זאָגען אַז די עלטער איז שעהנער, ניצליכער, בעל־הבית׳ישער, און אַז קינדער דאַרפען דאָ־ריבער געבוירען ווערען ערשט אויף די עלטערע יאָהרען?“

אַ מערקווירדיגער פּאַראַדאָקס. נאַדיר אַליין האַלט ניט פון ערנסטקייט, דאָך ווי טיעף ערנסט ער איז אין זיינע מיינונגען. און ווי אמת׳דיג ער דריקט דאָס אויס ווען ער רעדט וועגען די יונגע אין אונזער ליטעראַטור. אָט איז זיין נייער אַטיטיוד:

„מיר זאָגען ניט, אַז אונזער וועג איז דער ריכטיגער. מיר ווייסען, אַז מיר בלאָנזשען זעהר אָפט און פערקריכען אין אַלדע גוטע יאָהר... אָבער דאָס בלאָנזשען אַליין איז אונזער צוועק. אונ־זער פערזענליכקייט איז אונזער אויפגאַבע. און דאָס ריין מענשלי־כע, דאָס ניט ליטעראַרישע — אָפט דאָס ניט־גראַמאַטיקאַלישע — איז די רעזידענץ־שטאָדט פון אונזער וואונש...“

און פונקט ווי ער אַליין האָט זיך ליעב צו שפּיעלען מיט פּאַ־ראַדאָקסען, אַזוי האָט ער פיינט, אַז אַנדערע בעפּוצען זיך מיט ליגנערישע אמת׳ן. ער האַסט דעם פערקליידטען ליגען און ווען ער דערשנאַפּט איהם שלעפּט ער איהם אַרויס פון זיין טונקעל־בע־קוועמען ווינקעל און עקספּאָנירט איהם אונטער דער טעלעס־קאָפּישער ווייטזעהענדיגקייט פון זיין קריטישען זין.

איינע פון יענע שעהן־פערקליידטע ליגענס איז, אַז אַ קינסט־לער דאַרף זיין בעשיידען. נאַדיר זאָגט:

„אין גרונד גענומען איז קיין מענש ניט בעשיידען. און איז דער קינסטלער ניט קיין לעבעדיגער מענש?

שוואַכע נאַטורען רעדען ניט וועגען זיך נאַר... וועגען וועטער. איז דען דאָס וועטער אינטערעסאַנטער פון מענשען? און איז דען דאָס טהעמאַ „איך“ ניט אַזוי פּיעלפאַרביג און אַלץ אַרומנעהמענד

ווי דער קאווע־שמועס וועגן סווינבורן און וועגן דעם נאַטור־פאַרשער איפסילאָן?

דער אמת'ער מענטש קען ניט אמת'דיג עהרליך איגנאָרירען זיין פאַרשווינליכקייט. קען ניט פערפעהלען צו ברענגען זיין „איך“ אין שפּיעל ביי יעדער געלעגענהייט. צו רעדען פון שריפטשטעלער איפסילאָן און ניט פון מיר יצחק רייז, וועלכער איז נאָך מיין מיינונג א גאַנץ סימפּאַטישער יונג, וואָלט געהייסען אונטערדריקען אז אמת וואָס שרייט פון מיין בלוט ארויס, קלאַפּט ארויס פון מיין דופק; און פּינקעלט ארויס דורך דעם שוואַרצאַפּעל־שימער פון מיין אויג.“

און ער איז אויסגעהאַלטען. אז מען דאַרף זאָגען א ניט פערקליידטען אמת, קוקט ער ניט אויף קיין בעשיידענהייט, נאָר זאָגט איהם מיט זיין גאַנצער פריקייט:

„די אנערקענונג איז ניט קיין רעזולטאַט נאָר אן אורזאך. זי איז אן א י נ ס ט ר ו מ ע נ ט, מיט וועלכען דער קינסטלער שאַפט זיינע ווערק. די קאָמפּלימענטען וואָס דער דיכטער קריגט זיינען נויטיג, כדי איהם צו בעגייסטערען פאַר זיין ארבייט. ווען עס וואָלטען ניט געווען קיין מעצענאַטען אויף דער וועלט — וואָלטען די קינסטלער אליין געמוזט ערוועהלען פון צווישען־זיך מעצענאַטען און זיי צאָהלען א געוויסען געהאַלט פאַר זייער מעצענאַטירוי...

איך האָב אמאָל געטראָפען אונזער שלום אש'ן אין א געדריקטער שטימונג. זיינע גרויסע, קינדישע אויגען זיינען געווען פערפינסטערט. מיר האָבען גענומען א קליינעם שפּאַציר צוזאַמען, און נאָך א ווײלע שווייגען האָט זיך אש צו מיר אנגערופען כמעט ערענסט:

— איך בעט אייך, ליעבער מענש, מאַכט מיר עטליכע קאָמפּלימענטען... איך דאַרף היינט אנהויבען א ניי ווערק און ס'כאַפּט ניט קיין כח דערצו... טהוט מיר א געפאַלען און זאָגט מיר, אז איך בין א גרויסער קינסטלער.

איך האָב איהם פערשטאַנען...

נאָר מיטעלמעסיגע טאַלאַנטען קענען טהאָן זייער ארבייט אָהן שום אנערקענונג פון דרויסען. דער אמת'ער קינסטלער האָט גענוג

טיעפע אמת׳ן אין ז י ך, צו וועלען זיך אמאָל אפּפרישען מיט א פיינעם, עלעגאַנטען, שוימענדען ליגען.״

נאַדיר׳ס געדאַנק קלעטערט אַלעמאָל אַרויף אויפ׳ן העכס־טען שפּיץ כדי ער זאָל קענען אַריבערקוקען און זעהן וואָס ס׳טהוט זיך אויף יענער זייט. די קונסט איז פאַר איהם ניט יענע כשופ׳דיגע זון, אין וועמעס פּנים מען טאָר ניט אַריינקוקען. נאַדיר בליקט אריין אין איהרע פערבאָרגענסטע ווינקעלאך און פערטרויט אַלעמען איהרע סודות. נאָך מעהר: ער ווייזט, אז דאָס זיינען גאָר קיין סודות נישט. ער האַלט, אז קינסטלער דאַרפען ניט זיין אזוי ערענסט ווי מען האָט זיי איינגערעדט: „דער אמת׳ער קינסטלער שטעהט העכער פון זיין קונסט. אָדער ריכטיגער: שטעהט אין דער זייט פון זיין קונסט און, ער קוקט זיך צו, ווי זי ווערט געמאַכט. ער האָט הנאה פון דעם ליגען, וועלכען ער פער׳אמת׳ט מיט זיין טאַ־לאַנט... אזוי, אז פון דעם ליימענעם גולם פון אבסטראַקטע פאַלש־קייט — ווערט בעשאַפען א וועזען וואָס אָטהעמט און הוסט, און — האָט אַנדערע לעבעדיג־מענשליכע בעדערפעונישען, כמעט ווי שוישפּיעלער, אָדער קריטיקער.״

אָט אזוי, מיינע הערשאַפטען, רעדט דער נישט־איבער־מענש־ליכער, דער א י נ ט י מ ע ר, דער לירישער פער־דו־רעדענדער משה נאַדיר.

: : :

פינאַל.

נאַדיר איז אַן אויסערגעוועהנליכער סטיליסט. ניט קיין סטי־ליזאַטאָר. נאָר ער איז אַליין סטיל. קיינער האָט ביי אונז ניט גע־מאַכט אזוי פיעל פאָרם־עקספּערימענטען ווי ער. איהם געלינגט צו שרייבען אין פערשיעדענע פאָרמען און סטילען. איהר געפינט ביי איהם, אַנהויבענדיג פון א ליעד, א פעליעטאָן, ביז א דראַמא און א דערצעהלונג. נאַדיר דערצעהלט שעהן און פּיקאַנט. „מיין ערשטער ראָמאַן״ האָט א בעזונדערען משה נאַדירשען חן. מיט אזוי פיעל דינקייטען, אזוי פיעל קינדערשע נאַאיוויטעט, און אזא שיינענדע אונשולדיגקייט, וואָס נאָר אזא ווייטער קינדער־טרוים האָט געקענט אַנהויבען און נאָר אזעלכע פלינקע ווייס שלאַנקע הענד ווי נאַדיר׳ס האָבען געקענט אויפצייכענען.

נאַדיר דערצעהלט ניט קיין מעשות, ווי אַנדערע. ער בעשאַפט

ניט קיין העלדען. ער איז אין זיין שרייבען אימער א ל י י ן דער ה ע ל ד... דערפאר אז איהר האט א סך געליינט נאדיר'ן — געדענקט איהר ניט אזוי ו ו א ס איהר האט געליינט, ווי איהר געדענקט דעם גוטען נאכ־טעם. מען געדענקט מעהר פון אלץ, נישט זיין שרייבען, נאר איהם — דעם ל ע ב ע ד י ג ע ן משה נאדיר. דעם קינסטלער פון ווערטער־רעגענבויגענס, דעם מייסטער פון פיעל שיינענדע און ב ל ע נ ד ע נ ד ע שפראכליכקייטען. דער ווערטער־ווירטואז וואס שפיעלט זיך מיט קלאנג און ריטם אזוי וואונדערליך פלינק, אז — ווען ער זאל זיין א פיעדעלשפיע־לער — וואלט איהר פונקט אזוי בעוואונדערט זיינע בויגען־בעוועגונגען, ווי זיין טאן, ווי זיין שפיעלען. נאדיר'ס סטיל־טעכניק קענט איהר נישט נאר הערען, נאר אויך זעהען. — אזוי צו זאגען — פונקט ווי די פוטוריסטישע מאהלער מאכען אמאל א קאמפאזיציע פון בלויז פארבען, אזוי מאכט נאדיר טהיילמאל א קאמפאזיציע פון בלויז ווערטער און קלאנגען. ער זעהט ווערטער ווען זיי זיינען נאך נאקעט, אין זייער פריוואטען לעבען. און ער קען זיי דערפאר אנטהאן אין וואס פאר א געדאנקען ער וויל. אפטמאל שרייבט ער, ניט צוליעב געדאנקען, נאר צוליעב מוזיקאלישען ווערטער־שפיעל. מען האט בלויז א הנאה פון דער שפראך־מוזיק, אזוי ווי אין: „דיינע שמעטערלינגען, ליעבע פרוי."

נאדיר איז דער פוטוריסט אין אונזער ליטעראטור. „10 מינוט רויהע געדאנקען" איז אפשר דאס נייעסטע און אריגינעלסטע, וואס מען האט ביי אונז געשריבען. ניין, ניט געשריבען. אזעלכעס שרייבט מען ניט. דאס איז כירוגיש ארויסגעשניטען פון זיין נשמה. נאדיר האט די נאך ניט פערקליידטע געדאנקען ארויפגע'כשופ'ט אויפ'ן פאפיר, אזוי נאקעט, אזוי פראגמענטאריש, מיט אלע שפיצען און קנייטשען, פונקט ווי די נאך ניט אויסגעפורעמטע גייסטיגע בלי־צען אין א פלינקען מענשליכען מוח. איהם איז געלונגען צו פער־טרייבען דעם געדאנק אין זיין ענגסטען ווינקעל, און איהם דארטען פאנגען. און ווי א לעבעדיגער, ערשט־געפאנגענער שמעטערלינג ציטערט און ווארפט זיך צווישען די פינגער פון דעם וואס האט איהם געכאפט, אזוי ציטערט און פלאטערט דער ביי־דער־ארבייט־געכאפטער געדאנק, אונטער נאדיר'ס פעדער.

וואס פאר אן אוצר'דיגען אידיש נאדיר האט! מען ווייסט

נים פון וואַנען ער נעהמט אַזוי פיעל קלאַנגען. און ווי לייכט און גראַציעז די ווערטער בויגען זיך ביי איהם. די ווערטער זיינען אימער גרייט איהם צו דיענען. נאַדיר גיט בלויז אַ כשוף־וואונק, און די עקזאַטישע ווערטער קומען ווי פייגעל צופליהען פון זייערע פערבאָרגענע שפּראַך־נעסטען. און וואָס ער הייסט זיי טהאָן, טהוען זיי. אַט הייסט ער זיי זאָגען אַזאַ געדאַנק — פאָלגען זיי און זאָגען:

„יהואש ד ע נ ק ע ר ט דורכאויס און פאָלשטענדיג און— אהין־און־צוריק. דאַריבער: נעהמט ער אַ יעדער וואָרט און צע־שפּאָלט עס אויף צווייען און לייגט אַריין אינוועניג אַ מין געדאַנ־קענראַזשענקע, כדי עס זאָל זיין פול מיט אינהאַלט...“

אָדער אַזעלכע געדאַנקען און ווערטער זשינגלערייען:

„די וועלט און די אומגעגענד.“

„די אייביגקייט און נאָך לענגער.“

„פון די אַלערלייסטע געשלעכטער וואָס דרעהען זיך אַרום אויפ׳ן ערדקוגעל, פערליעבט זיך דער מענש ענטוועדער אין אַ מאַן, אָדער אין אַ פרוי.“

„אַז איהר זאָלט מיך פרעגען וואָס איך וויל, ווייס איך נים, אָבער איך וועל ניט רוהען ביז וואַנען איך וועל עס ניט קריגען.“

„קיין זאַך גראָבט נים אַזוי אונטער דאָס געזונד, ווי דאָס לע־בען. אַז מען לעבט אָב אַן אַכציג, ניינציג יאָהר, איז מען אַ רו־אינירטער מענש.“

„אַמאָליגע יאָהרען איז ביי אידען געווען אַ בושה צו אַרביי־טען — אָבער דעמאָלט זיינען נאָך די אידען געווען אַ נ אַ ר־מ אַ ל און געזונד פאָלק...“

אָדער ער פּאָרט ווערטער. צו ברידערליכקייט, מאַכט ער ש ו ו ע ס ט ע ר ל י כ ק י י ט. צו מאַנספּערשוין — פ ר ו י ס־פּ ע ר ש ו י ן. צו פינסטערלינג — ל י כ ט ל י נ ג. אָדער אַזאַ געדאַנקען־פאַנג:

„איך שרייב. איך׳ל נאָך אַמאָל אָנשרייבען אַזאַ זאַך, אַז די גאַנצע וועלט וועט מוזען צוגעבען, אַז נאָך שלום עליכם׳ען ע״ה פערנעהם איך — געב גאָט דאָס נעמליכע צו פערנעהמען.“

נאַדיר שרייבט אויך לידער. אָבער זיינע לידער זיינען שוין נים אַזוי געלונגען. מען פיהלט אין זיין אַ געוויסע ש ט י י פ־

ק י י ם און ענגקיים. עס פעהלט אין זיי די משה נאדיר׳שע לופט. דאס ליעד איז אפשר צו ענג פאר זיין פרייען פלאטערדיגען טאַ־לאַנט. ער מוז האבען א סך רוים אין וועלכען זיך צו צאפלען און צו ווארפען. די הארטע גראמען־ווענד און די געשניצטע פערזען־פיס שטעהען איהם אין וועג. און מען פיהלט אז דאס ליעד דער־שטיקט איהם. עס פעהלט די לייכטקייט און וואסער־פאל־בע־וועגליכקייט פון זיין פּראזא. דערפאר זיינען זיינע ליעדער ניט הומאריסטיש, נאר וויציג, אדער ס ע נ ט י מ ע נ ט א ל.

אבער צופיעל אונטערשעצען נאדיר׳ס טאלאנט צו ליעדער שרייבען, דארף מען אויך נישט. ער האט גאנץ אייגענאַרטיגע זאכען אין פערזען. „די לעגענדע פון כאנדרא״ ענטהאלט א סך אָריגינעלע סטראפען. און מען געפינט כמעט אין יעדען ליעד ביי איהם א פיינע בליציגע שורה. און אפילו אין דעם שוואכסטען ליעד, דערקענט מען דעם ק א פּ־ר י ז נ ע ם נאדיר, מיט זיינע חנ׳עוודיגע איינפאלען:

„די זון איז נע־ונד, זי קומט און זי פערגעהט,
אזוי איז אויך מיין טרוים — ער קומט און ער פערגעהט...

די זון איז נע־ונד, צושיט זי פריי איהר גאלד,
אזוי בין איך שוין ניט — איך שיט ניט פריי קיין גאלד!...״

אויף א פאסט־קארטעל שרייבט מיר נאדיר:

„ביטע פריינד נח שטיינבערג: ציטירט די פאלגערע צוויי סטראפען מיינע, אלס בעווייז ווי טיעף טראגיש מיין לעבען איז...

מיין הארץ.

די זון איז גרויס און פרעמד,
אזוי איז אויך מיין הארץ.
די נאכט איז טיעף און שווער,
אזוי איז אויך מיין הארץ.

די גראזען וויינען שטיל,
אזוי וויינט אויך מיין הארץ.
די גראזען שטארבען שטיל,
אזוי שטארבט אויך מיין הארץ.״

„יענע וואָס איך האָב שטאַרק געגלוסט צו קושען און האַלזען, האָב איך דאָך קיינמאָל ניט געקושט, און יענע וואָס איך האָב אַזוי האַרציג געקושט און געהאַלזט, האָב איך דאָך קיינמאָל ניט געגלוסט צו קושען און האַלזען.“
(יצחק רייז).

משה נאַדיר איז דער מענש וואָס בלאָנדזשעט אַרום צווישען אַספאַלט און שטערען, צווישען לעבען און טויט, ווי אַן איינזאַמער קאַוואַליער אין אַ טאַנץ־זאַל. ער זעהט מיאוסע און שעהנע דאַמען. די מוזיק שפּיעלט. זיי ווילען טאַנצען און האָבען ניט מיט וועמען. ער האָט יאָ מיט וועמען, נאָר ער פוילט זיך. — די וואָס טאַנצען זיינען אונצופריעדען מיט זייערע מיט־טענצער... די וואָס טאַנצען ניט זיינען אונצופריעדען מיט זיך אליין. ער איז אַ ליעבלינג און האַסט די ליעבלינגעריי. ער זעהט דעם טאַנץ, און די אונטענצליכקייט דערפון. ער הערט דאָס נאַרישע מוזיק־געקלימפּער, און ער ווייסט, אַז אויך דאָס וועט באַלד אויפהערען, און ער ווייסט אַז אַ נישט געטהוענע נאַרישקייט איז נאַרישער ווי אַ געטהוענע. ער מערקט דעם טויט זיך אַרומדרעהען צווישען די מיעדע טענצער — באַלד וועלען זיי מוזען אהיימגעהן שלאָפען... און דאָס אייביג טוידט־זיין איז אַזוי ערמיעדענד און באַנאַל! געהט ער צו צו דער שעהנסטער אָדער מיאוסטער דאַמע און גיט איהר אַ מאַנירליכען קוש, און פּלאַפּעלט ליידיגע ליעבעס־ווערטער, וואָס קלינגען אַזוי שעהן, צום ריטם פון דער נאַרישער לעבענס־מוזיק, פון דעם שווינדעלדיגען לעבענס־וואַלצער... ווייל ער ווייסט אַז:

„...אַלץ פערגעהט—פערפליסט... דאָס ליעד און אויך די פליייט!
און אַלץ צונאַגט, צופרעסט דער שאַרפער צאָהן פון צייט—“
(פון זיין „לעגענדע פון כאַנדראַ“)

דאָס איז אפשר ניט אַקוראַט אַזוי. דאָס איז בלויז איינע פון יצחק רייז'ס אויסגעטראַכטע זאַכען, וועלכע איך האָב פאַר איהם אויסגעטראַכט. אָבער נאַדיר זעהט זיך צום בעסטען אין דער אויסטראַכטונג. ווייל משה נאַדיר איז אַן אויסגעטראַכטער — אַ פון־זיך־זעלבסט־אויסגעטראַכטע לעגענדע...

ר. אײזלאַנד

„לעג דײן קאָפּ צו מיר אין שױס
און מאַך די מידע אױגען צו.
איך װעל דײן קאָפּ מיט מײנע דאַרע פינגער גלעטען,
און בײדע װעלען מיר װי קלײנע קינדער בעטען
צום ליעבען גאָט נאָך רוה,
נאָך אײביג שטילער רוה."

ר. אײזלאַנד.

אין א שעהנעם זומערדיגען אבענד בין איך מיט אייזלאנד'ן אומגעגאנגען איבער די ניו יארקער גאסען. איבער אונז האט די לבנה אויסגעשפרייט איהר בלאס ליכט, לאנג האבען זיך אויסגעצויגען אונזערע צוויי שאטענס, און מיר זיינען זיי נאכגעגאנגען א גאנצע נאכט און גערעדט צווישען זיך פון דיכטער און דיכטונג. מיר האבען זיך אזוי פערטיפט אין געשפרעך, אז די נאכט איז אוועק אזוי ווי אין א חלום. אז מיר האבען דערזעהן אז דער הימעל איז שוין העל און בלוי, האבען מיר זיך ערשט געכאפט, מען דארף געהן אהיים...

מיט אייזלאנד'ן איז זעהר אנגענעהם צו פערברענגען. מען קען מיט איהם רעדען וועגען אלצדינג. ער איז ניט קיין פערשלאסענער. ער איז צוגעלאזען און גיט זיך אייך אוועק אין גאנצען, אזוי ווי אין זיין שרייבען. און ער קען אזוי אינטים אוועק רעדען טעג און נעכט און ניט מיעד ווערען. אין א געשפרעך קען ער אייך איבערדערצעהלען א מעשה, א לעגענדע און אמאל א גאנצע קריטיק איבער א ווערק. ער רעדט שטיל, לאנגזאם, אבערווארעם.

אייזלאנד האט פיעל געלעזען און געדענקט דאס געלעזענע. ביי איהם ווערט אלץ סיסטעמאטיזירט אין א שטה. די אידישע קולטור איז ביי איהם איינס מיט דער אייראפעאישער. אבער דאס איז בלויז אין גייסט. אויסערליך איז ער א טיפישער איד. זיין פנים איז לענגליך, בלאס, מיט א בעזונדערע אידישע ווייכקייט, מיט אן עכט אידישע נאז; און עס פעהלט איהם נאר אויס באָרד און וואנצען אויסצוזעהן ווי א היימישער רב.

שטענדיג זעהט אייזלאנד אויס מיעד. איך האב טהיילמאל דערפאר מיט איהם אויסגעמידען צו רעדען, ניט וועלענדיג איהם נאך מעהר מיעד מאכען.

ערשט שפעטער, אז איך האב זיך מיט איהם נעהענטער בעקענט, האב איך איינגעזעהן אז ער מאכט נאר דעם איינדרוק פון א מיעדען. אין דער אמת'ן איז ער יונג, פריש, און האט ליעב צו זיין נאהענט מיט מענשען.

אז איך בין אריינגעקומען צו אייזלאנד'ן אין הויז, האבען מיר ביי א גלעזעל טהיי, אזוי זיך פערנאנדערגערעדט, אז מיר האבען פערגעסען אז ס'איז דא צייט אין דער וועלט. איך האב זיך אויפמערקזאם איינגעהערט צו זיינע רייד. ער האט זיך געפיהלט

ליכט, געלאָפן פון איין געדאַנק צום צווייטן און יעדער געדאַנק איז געווען אַ נייער בליץ.

געווען מאָמענטן, ווען דער מידער אויסדרוק איז אין גאַנ־צן פערשוואונדן פון זיין געזיכט. און צוזאַמען מיט די געדאַנ־קען האָט זיך געגאָסן אַזאַ שטילע פרייד איבער זיינע ליפּן. זיינע אויגן האָבן אויפגעלויכטן. ער איז געוואָרן אַזוי שעהן און האַרציג, אַז איך האָב דערפיהלט אַ פרייד קוקענדיג אויף איהם. כ'האָב געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר עס האָט זיך ניט גע־רעדט. בין איך געבליבן זיצן רוהיג, שטיל. אין זיך האָב איך געטראַכט:

אייזלאַנד איז דאָך אַזאַ פערהילטער — מען ווייס נאָך ניט ווער אייזלאַנד איז...

איך האָב איהם געבעטן ער זאָל מיר לעזן זיינע לידער. האָט ער מיר געגעבן אַ בוך, מיט נאָך ניט קיין געדרוקטע לידער. איך זאָל אליין לעזן. איך האָב איבערגעלייענט איין ליד און נאָך אַ ליד און מיר איז געווען גוט לייענדיג די שטילע געמיטהפולע פערזען. וואָס פאַר אַ וואַרעמער געפיהל ליגט אין זיי. אַז איך לעז פיהל איך ניט קיין ווערטער, נאָר ווי אַ מילד ווינטעל וואָלט פער־ביינעבלאָזן און איבערגעלאָזט אַ פרישקייט. איין ליד געדענק איך הויבט זיך אַן:

„אין דרויסן שמעקט מיט פריש געקאָסעט היי.“

אין אַ ווײַלע אַרום לעזט ער מיר זיינע איבערזעצטע כינעזי־שע לידער און רעדט מיט פיעל ליעבע וועגן דער כינעזישער ליריק.

עס קומען אַריין זיינע צוויי אינגעלאַך, טאַנצען אַרום איהם, רעדען צו איהם, נעהמען זיך שפּיעלען מיט'ן טאַטען. און ער, דער טאַטע קוועלט אָן פון זייערע קונצען. שפּיעלט זיך מיט זיי אַ ווײַלע. באַלד ווערט ער מיעד, בעט ער זיך ביי זיי: „קינדערלאַך לאָזט מיך צורוה“.

זיין שטימע קלינגט אַזוי געבעטפול, ווייך, אַז די קינדערלאַך דערפיהלען עפּעס... און געהען אַריין אין צווייטן צימער.

בלייבענדיג אליין, זאָגט ער צו מיר: „איהר ווייסט? שריי־בער האָבן ניט קיין קינדער, קיין ווייב, קיין עלטערן, זייער שרייבען זונדערט זיי אָב פון אַלץ—“

אייזלאנד קען זיין אן אינטימער פריינד. זיין איינפאכע צו־געלאזענע האלטונג צושטערט באלד די גראַטע, וואָס שטעהט צווישען מענש און מענש.

איך ווייס ניט ווער ס'קען ניט ליעב האבען אייזלאנד'ן. דאכט זיך אלע האבען איהם טאקע ליעב. ניט שרייבער און אפילו שריי־בער אויך.

געשריבען האט אייזלאנד נאך גאנץ ווייניג. אדער בעסער געזאגט, געדרוקט האט ער ווייניג. און דאס וואס ער האט שוין געדרוקט האט אויך ניט געמאכט קיין גרויסען רושם. ווייל אייז־לאנד גלאנצט ניט, בלענדט ניט מיט קיין געקינצעלטע פארבען, ער איז צו איינפאך, כמעט וואכעדיג, מען זאל איהם קענען לייכט דערקענען.

אייזלאנד האט אבער מיט זיין איינפאכקייט אריינגעבראכט זיין בעזונדערען טאן אין דער אידישער פאעזיע.

אין וואס בעשטעהט אייזלאנד'ס בעזונדערקייט?

ער ענטפערט דערויף אליין אין זיין ארטיקעל:

„די נייע ווענדונג אין דער אידישער פאעזיע." געדרוקט אין „מענש צו מענש".

„די נייע ווענדונג אין דער אידישער פאעזיע, איז די ווענדונג צום לעבען. צום אלטעגליכען לעבען פון יחיד, מיט זיינע ליידען און זיינע פריידען, און אלע זיינע עמפינדונגען. דערפאר זוכט דער מאדערנער פאעט פריהער פאר אלץ געדעכט צו ווערען צו זיך אליין. דערפאר פערנעהמט ער זיך אזוי ווייניג מיט דעם וועלט־שמערץ און נאציאנאלען שמערץ; מיט הויכע אידעען און סא־ציאלע פראבלעמען. ווארום ער ווייסט, אז פריהער פאר אלץ און שטארקער פאר אלץ אינטערעסירט איהם זיין אייגענער איך און אט די אלע טויזענטער קליינע ערשיינונגען וואס רינגלען איהם ארום יעדע מינוט.

„וואס פאר א דערהויבונג קען מען דען געפינען אינ'ם לעבען פון יחיד, וואס איז אפט אזוי גרוי און וואכעדיג?

אבער דאס לעבען, אפילו דאס גרויע וואכעדיגע לעבען, איז גאר ניט אזוי איינפאך, ווי עס קען זיך אויסדוכטען... יעדער איינ־ציגער מענש איז א גאנצע וועלט פאר זיך... אין אונזער נשמה גע־פינען אן אבקלאנג יעדע ערשיינונג, יעדער בעריהר און יעדער

קלאנג אפילו.

א מאך מיט דער האנד, צי א בלאז פון א ווינטעל; א בוים אין מיטען פעלד, צו דער גערויש פון שטאָדט; דער קנאפּעל פון א פרויען־שוך, צו א קוק פון אן אויג, — יעדע זאך פרעסט זיך איין טיעף אין אונזער געמיטה און רופט ארויס א גאנצע רייהע מיט געפיהלען און געגען־געפיהלען... חלומות ווערען געבוירען און חלומות שטארבען אב... אפטמאל איז גענוג א קוק, מיר זאַ־לען ווערען ווי קליינע קינדער.

„ד י ש ט י מ ו נ ג איז אייגענטליך דער הויפּט מאָטיוו פון דער גאנצער מאָדערנער פּאָעזיע.

„וואס איז שטימונג?

„דאס איז יענע פערפּלאנטערונג פון געפיהלען, וואס לאזט זיך ניט אויפפּלאנטערען, דאס איז איבערהויפּט יענע דערהויבונג פון דער מענשליכער נשמה וואס דערנעהנטערט יעדע וואכעדיגקייט צום אייביגען סוד פון גאנצען אוניווערזום.

„דער עלטערער אידישער פּאָעט ווייס ניט פון קיין שטי־מונג... דערפאר ווייל ער איז קיינמאל ניט צוגעגאנגען צו זיין איי־גענעם איך... און ווען יא, איז ער צוגעגאנגען מיט פרעמדע, גע־בארגטע ברילען. פאר אלץ האט ער שוין געהאט אן אלגעמיינעם פּארטיגען בעגריף...

„אונזערע בעציהונגען צו דער פרוי, האט ער געוואוסט הייסען „ליעבע". האט ער זיך פערקוקט אויף א לאנדשאפט, האט גע־וואוסט אז ער קוקט אויף דער „מוטער נאטור..."

„פאר פּאָעטען פון זייער שניט שפּיעלט דערפאר די הויפּט ראל דאס טעמא... ניט געפינענדיג גענוג פּאָעזיע אין דעם אייגע־נעם איך, נעהמען זיי זיך צו „טעמאס."

קומט מען ווידער מיט א טענה, אז די מאָדערנע פּאָעטען זיי־נען ניט דייטליך, אז מען פערשטעהט זיי ניט.

אבער ווי מאָדנע! דאכט זיך אין דער גאנצער אידישער פּאָעזיע איז ניט געווען אזוי פיעל איינפאכקייט פון ווארט, ווי דוקא ביי אָט די „יונגע".

יא, טאקע דערפאר, ווייל זיי זיינען איינפאך, פערשטעהט מען זיי ניט.

אין דער אידישער פּאָעזיע איז מען נאך צוגעוואוינט צו דער

הויכער פראזע. און געוואוינהייט ווערט די ע ר ש ט ע נאטור. די מיידלאך וואס געוואוינען זיך צו צו פאלשע פארבען קענען מעהר ניט זעהן זייער אייגענע פארב אויפ'ן פנים...

מענשען האבען זיך פאר לאנגע יאהרען צוגעוואוינט צו פאל־שען גלאנץ. און ווען ס'קומט איינער און ווייזט זיין אמת'דיג פנים, איז עס צו נאטירליך עס זאל אויף זיי מאכען אן איינדרוק. זיי דאר־פען עס זאל זיי בלענדען פאר די אויגען. און אזא דיכטער ווי אייז־לאנד בלענד ניט. ער איז צו וואהרהאפטיג... דערפאר פערשטעהען איהם נאר די ווענינע טיעפע נאטורען, די וואס לעבען ניט בלויז אויסערליך נאר מיט זיך און פיהלען די וויכטיגקייט פון דאס נאהענטע...

מען דארף אבער ניט מיינען, אז אייזלאנד'ס וואכעדיגקייט, איז די אזוי גערופענע פשוט'קייט, מיט וועלכע עס האבען זיך ליעב צו פוצען אונזערע אלטע. אייזלאנד'ס פשוט'קייט, איז יענע איינפאכקייט, וואס קומט פון א רוהיגען געמיטה. די פשוט'קייט, וואס וועהט ארוים פון דער אלטער כינעזישער ליריק. ביי לאנדוי איז אויך דא דער פשוט'ער טאן. נאר ביי לאנדוי איז ער פרעטענ־ציעזער, און דערפאר — אנזעהעוודיגער.

אייזלאנד איז אבער א שטילער. און שוין דערפאר אליין, איז איהם לייכט צו פ ע ר ז ע ה ן. און אז מען זעהט איהם שוין יא, איז זעהר לייכט איהם מיסצופערשטעהן. ווייל איהר געפינט אין זיין ליעד, אזעלכע עלעמענטארע אונבעדייטענקייטען ווי „פאנ־טאפעל“, „אייער“, „ציבעלע“, אז מען קען מיינען זיין ליעד איז אונבעדייטענד. אבער דאס הייסט ארייגפאלען אין א טעות. ווייל די שרייענדע זאכען איז לייכט צו מאכען זעהן. אבער כדי צו מאה־לען דאס שטילע, אונבעדייטענדע, צו דעם דארף מען האבען א נשמה, וואס זאל פיהלען דעם סוד פון דאס פשוט'ע.

אבער דאס פשוט'ע וואלט נאך אין גרונד, אפשר קיין קונסט ניט געווען, ווען אונטער דעם זאל זיך ניט פיהלען די שטימונג פון דעם שטילען זעהער אייזלאנד:

„דורך דעם פענסטער קוקט אריין צו מיר א טריבער מארגען.
מיעד, ניט אויסגעלאפען געהט ארום די פרוי.
די פאנטאפעל קלאפען וואכעדיג און גרוי,
פון די ווענט און ווינקלען קריכען וואכעדיגע זארגען.“

דאַ האָבען מיר דאָס לעבען אַזוי ווי עס איז. אַהן פאַלשע פאַר־בען. דאָך ווי שעהן איז דאָס וואָכעדיגע לעבען, ווען עס איז גע־מאָהלען פון אייזלאַנד'ן ?

אייזלאַנד האָט מיר אַמאָל געזאָגט: „מען דאַרף זיך געבען אַזוי ווי מיר זיינען, ניט פערגרעסערען, אויך ניט פערקלענערען: נאָר געבען די ווירקליכקייט. און פון דער ווירקליכקייט אַליין וואַקסט דאָך שוין אַרויס דאָס וואונדערבאַרע...“

אייזלאַנד זוכט ניט קיין נייע הימלען. ער האָט זיך בלויז אויסגעזוכט אַן אייגענעם ווינקעל דאָ אויף דער ערד. זיין ווינקעל איז דער געוועהנליכער. ער איבערדיכטעט די שעה'ן פון אַלע טעג. דאָס לעבען אַהן סענסאַציעס. ער רופט טאַקע זיינע לידער „פון אַלע טעג“. און זיי זיינען אַזוי שטיל און איינפאַך ווי די טעג פון אַ גאַנץ יאָהר. ווי געטריי געמאָהלען, מיט אַזאַ ל י י כ ט־ק י י ט און ד י נ ק י י ט... און אַהן די מינדסטע איבערטריי־בונג פון וואָרט אָדער בילד.

אייזלאַנד האָט אויך געשריבען איינציגע זעהר שעהנע ערצעה־לונגען, וועלכע צייכענען זיך אויך אויס מיט זיין בעזונדערע איינ־פאַכקייט און וואַהרהאַפטיגקייט. ער האַלט אויך אין שרייבען אַ ראָמאַן פון דעם אַמעריקאַנער לעבען. איינציגע קאַפיטלאַך פון דעם ראָמאַן זיינען שוין געווען געדרוקט אין זשורנאַלען און צייטונגען.

אָבער איצט רעד איך נאָר וועגען אייזלאַנד'ס לידער.

: : :

ווי אַזוי איז די שאָפּ געווען רעפּרעזענטירט אין דער אידישער ריכטונג פון אונזער גרעסטען דיכטער, מאָררים ראָזענפעלד, און ווי זעהט אויס די שאָפּ ביי אייזלאַנד'ן ?

ראָזענפעלד שרייט, אָדער וויינט:

„ביטערע טרעהרען און זודיגע טרעהרען
צוואָווייקען מיין מאַגערען מיטאָג, מיין ברויט.
עס ווערגט מיך, איך קען ניט מעהר עסען, איך קען ניט!
אַ שרעקליכע פּראַצע! אַ ביטערע נויט!“

אָבער ער וויל מאַכען דעם איינדרוק שטאַרקער. שרייט ער אויס מיט די ווערטער פון אַן אמת'ן אַגיטאַטאָר:

„אַ סוף צו די קנעכטשאַפט, אַ סוף זאָל דאָס זיין!“

און דאָך מאַכען די דעקלאַמאַציאָנס קולות קיין טיעפען איינ־

דרוק, ווען מען לעזט זיי פאר זיך אין דער שטיל. אפשר דערפאר, ווייל מיר זיינען שוין אזוי ווייט פון יענער צייט? —

אייזלאנד אבער שרייט ניט. ער מאָהלט שטיל, מיט א רו־היגע האנד. ער ווייזט אייך די קללה פון שאפ מיט די איינפאכסטע ווערטער און מיט די געוועגליכסטע בילדער.

ראזענפעלד שרייט:

„ס'שיינט מיר די שאפ אין מיטאג צייט ש ט ו נ ד ע
א בלוטיגער שלאכטפעלד,
ארום און ארום זעה איך ליגען הריגים,
עס ליארעמט פון דער ערד דאס פערגאָסענע בלוט..."
(פון דעם ליעד „די סוועט שאפ").

און אט לאמיר זעהן ווי אזוי אייזלאנד מאהלט די מיטאג־שעה אין שאפ:

„ס'איז מיטאג צייט. ארום איז שטיל. בלויז ווי א ביהן
דארט זשומט אין א ווינקעל וואו איין איינציגע מאשין.
א מיידעל עסט און קנאקט די שאלעכץ פון אן איי.
און איינער אדער צוויי געמיטהליך זופען טהיי.
דערנעבען כראמקעט עמעץ ציבעלע מיט ברויט, —
און בלאסע מיידלאך אנגעפארבט אויף רויט,
צושטעלען זיך ביי אפענע פענסטער אויס,
און קוקען זשעדנע ערגעץ וואו ארויס.
און אנדערע לאכען קייבענדיג און ריידען מיט די הענט
און ריידען מיט די אויגען און מיט צייכענס אויף די ווענט.

און אויף א פענסטער זיץ איך מיר אליין.
די פיס פערלייגט, א האנד אין שוים, און קוק ארויס,
אזוי זיך גלאט ארויס."

אין אייזלאנד'ס פראסט פשוט'ע שורות פיהלט מען, אז דאס איז דער אמת'ער שאפ. אזוי לעבען און ארבייטען מענשען יאהר איין, יאהר אויס, ביז זיי הויכען אויס זייער אטהעם און פערגעהן אזוי שטיל, ווי עס פערגעהט א טאג פון אלע טעג, אויף וועלכען קיינער קוקט זיך ניט אום... אין די איינפאכע שטילע ווערטער פיהלט מען אפשר מעהר די גרויזאמקייט פון אזא לעבען ווי ביי דעם שרייענדיגען ראזענפעלד'ן.

דאָס קען אפשר אויך ערקלערט ווערען דערמיט, וואָס פון ראָ־זענפעלד'ן רעדט דאָך נאָך אלעמען ניט מעהר, ווי דער פערבי־טערטער, צייהנקריצענדער, ניט ראפינירטער ארבייטער. בעת אייז־לאַנד איז דער אויסדרוק פון אַ גאַנץ אנדער דור. א ד ו ר פ ו ן ג ר י ב ל ע נ ד ע נ ש מ ו ת, וועלכע זיינען געווארען הוי־זען־נעהער אין אמעריקאַ.

אזעלכע מענשען שרייען ניט. זיי טראָגען אוים זייערע ליי־דען אין דער שטיל...

פונדעסטוועגען פיהלט מען אין די שטילע שורות אַ פער־קלעמטען כעס צו דעם גאַנצען ביליגען, וואָכעדיגען לעבען.

אַט ווייזט ער אייך אַ פריהמאָרגען אין אַ וואָכעדיגען טאָג, ווען מען געהט צו דער ארבייט. דאכט זיך אַ גאַנץ איינפאַך בילד. אָבער גראַד אין דער איינפאַכקייט זעהט מען די טיעפע, ריין פער־זענליכע ליידען פון אַן איינזאַמען, פערזאָרגטען אין זיך פערקלעמ־טען מענשען:

„כ'שטעה ביים טהיר און וואַרט. אַ מיידעל קומט:—גוט מאָרגען!
ס'קומען יונגע, אלטע לייט — גוט מאָרגען און גוט יאָהר!
ס'עפענט זיך די טהיר. אַ נענער־יונג מיט קרייזעלדיגע האָר,
ציהט ארויף אונז אין דער הויך. אַ זשום, אַ פליה.
באַלד מיר זיצען שוין אין יאָך ווי פיה,
און ציהען אויסגעמוטשעטע, געשפּאַנט אין שווערע זאָרגען.“

מיטאָג צייט — האָבען מיר געזעהן — ווייזט ער אייך, ווי מען זיצט און מען „כראַמקעט ציבעלע מיט ברויט. און בלאַסע מיידלאַך אנגעפאַרבט אויף רויט, צושטעלען זיך ביי אָפענע פענסטער אוים, און קוקען זשעדנע ערגעץ — וואו ארוים“. און ער צווישען זיי אַ פערביטערטער, מיט אַ בעהאַלטענעם כעס, זיצט אויף אַ פענסטער און קוקט אויך ארוים פון שטייג... אין שטייג פון שטאָהל און אייזען — — —

ווי אזוי פיהלט אַ רעפינירטער מענש נאָך אַ טאָג ארבייט?

אַט מיט וואָס פאַר אַ גרוילדיגע גלייכגילטיגקייט אייזלאַנד גיט אונז איבער די אבענד־שטימונג, ווען מען קומט אהיים פון פאַבריק:

„אבענד. אבגעגעסען. זעץ איך זיך אוועק,
טראכט זיך גאנץ גלייכגילטיג: ס'געהען אלע טעג,
איינער ווי דער אנדערער, אזוי גרוי און פויל,
כאטש נעה נעהם פון פוילקייט און צועפען ס'מויל
אין א גרויסען גענעץ און שפיי ביטער אויס,
אדער עפען ס'פענסטער, ווארף זיך גלאט ארויס".

דער גרויער לעבען פון טאג איז אזוי מעכאניש, אזוי געפיהל־לאז, אז מען ווערט פערטעמפט. ס'ווערט אזוי ערשעפט יעדער לעבענסלוסט, אז ס'בלייבט אפילו קיין געפיהל זיך צו פרעהען מיט די אייגענע קינדער. ס'איז בלויז געבליבען די מיעדקייט, וואס עסט די געפיהלען פון הארצען ארויס.

„קומט צו געהן מיין טאכטער, שטעלט זיך לעבען מיר:
ס'קליינע פון דער וויטענס, קריכט אויף אלע פיער,
און מיין זוהן, ער זיצט שוין ברייטליך אויף מיין שויס,
רייט אויף מיר א פערדעל, צופט מיין וואנצע אויס.
און אט איז דאס קליינע אויך שוין אויף מיין האנד,
פלאפעלט „דא" און פאטשעלט קיכלאך דורכאנאנד.
זאגט די טאכטער: „פאפא געניץ ניט אזוי!...
ווייסט איך קען שוין צעהלען? — איינס און איינס איז צוויי"
בעט דער זוהן זיך: „פאפא זינג פון אלטען איך"
— געהט אייך קינדער שלאפען, ס'איז דער טאטע מיעד.
„וויל ניט געהן שוין שלאפען" פלאצט דער זוהן ארויס.
און דער טאכטער'ס אויגען ווערען גלאנציג גרויס. — —"

דאס לעבען פערזינקט אין זיך אליין. ס'איז ניטא אויף וואס צו ווארטען. ס'געהען אלע טעג, איינער ווי דער אנדערער אזוי גרוי און פויל. „אלעס איז אזוי אויסגעהוילט, אז עס איז אפילו ניט דא מיט וואס זיך אבצונארען... כאטש נעהם „עפען ס'פענס־טער ווארף זיך גלאט ארויס". קיין טראגעדיע וועט ניט זיין — ווייל ס'איז סיי ווי אלץ בלויז אויפ'ן וועג צו פערגעהן...

וויפיעל בעהאלטענע איראניע ליגט אין דעם...

„ס'איז שפעט. איך געה אליין און ס'קלאפּען מיינע טריט.
איך ווייס: מיר איז ניט גוט. נאָר ארען אַרט מיך ניט.
איך ווייס: דער מאָרגען וועט אזוי ווי היינט זיין גרוי.
איך ווייס, איך ווייס דאָס אלץ. — נו, לאָז שוין זיין אזוי!...“

אייזלאנד'ס איראָניע איז דער שמייכעל פון שטילען צער.

אייזלאנד האָט א סך דערזעהן. דער גרויסער כוול פון לעבען האָט זיך איהם בעוויזען אזוי קלאָהר, אז ער קען ניט אבווענדען זיין אויג פון איהם. ער האָט דערפיהלט די נישטקייט פון אלע שעהנע איינרעדענישען. „פוסטע תאות, איינגערעדטע פרייד“. דערפאַר געהט ער אלעמאָל איינגעבויגען, אבגעלאָזען, מיעד — און בענקט. ער איז א רעזיגנירטער, גרייט יעדען מאָמענט זיך אויפצולייזען אין נירוואנא...
רוה, רוה איז די אויסלייזונג:

„איך בין שוין מיעד,
מיט לייב און לעבען מיעד.
פון גרויע טעג: פון נאַריש לאַנגע רייד.
פון פוסטע תאות; איינגערעדטע פרייד,
פון אלצדינג וואָס איך טראַכט און טהו. —
א גרויסער גאָט אין הימעל! שענק מיר רוה!“

ווען קען מען האָבען רוה?
די איראָניע זאָגט איהם אונטער: אויף דער עלטער. און אלטקייט ווערט זיין איראָנישער אידעאַל. ער פאַנטאַזירט זיך אריין אין דעם פערגעניגען פון אלטווערען:

„איך ווינש מיר כ'וואָלט געוואָרען שוין אלט.
איך וואָלט מיר דאַן געקויפט א גראָבען שטעקען.
און אפשר גאָר א טאַבאַק פושקעלע צום שמעקען.
און וואָלט ארוים אין גאַס, געזעצט זיך פאַר דער טהיר.
בעטראַכט א יעדען איינעם און געלאַכט אין מיר
אויף אלע די וואָס יאָגען איילענדיגע זיך פערביי
און האָבען גאָר קיין צייט ניט. א קוק, א לויף, א שפיי,
און ווייטער זיך געיאָגט צו אלדי גוטע יאָהר.“

אבער דאס איז אויך צופיעל טעטיגקייט. ער גארט נאך א צושטאנד פון פאלשטענדיגע פאסיוויטעט. דעריבער הערן מיר ווייטער:

„און אפשר גאר
וואלט איך דאס אויבעט ניט געטהון.
נאר כ׳וואלט זיך פשוט, גאנץ אזוי געלאסען,
געגאנגען מיר שפאצירען אין די גאסען.
די הענד פערלייגט אהינטער אויפ׳ן רוקען,
אביסעל איינגעבוקט, בנעימת׳דיג נאר קוקען,
ווי שטיל, געלאסען ס׳טרעטען אויף די שטיינער
מיינע אלטע ביינער,
טראט נאך טראט,
טראט נאך טראט.“

אט דאס איראנישע ליעד, האט א טיעפען לירישען הינטער־גרונד.

דער אייביגער פערלאנג נאך רוה, פיהרט איהם צום וואונש נאך אלטקייט. געפינט ער כאטש דארט זיין געוואונשטע רוה? עס גלויבט זיך קוים. דערצו איז אייזלאנג צופיעל פאטאליסט. און אפשר צופיעל איך? און אויף דעם שוועל פון אלטקייט דערזעהט ער גלייך דעם שרעק פון טויט, וואס לויערט דארטען. און הערט ווי ציטער־דיג ער גיט אונז איבער אט יענעם שרעק:

מיר זענען ביידע אלט.
צוויי דינע אלטינקע מיט מאטע, וועלכע אויגען.
ביים פענסטער זיצען מיר. דער טאג איז שען, נאר לייכט פארצויגען
איז דער הימעל מיט דינע, ווייסע וואלקענס.
זי זאגט: העי אלטיטשקער, ס׳ווערט קאלט,
מאך צו דאס פענסטער און טו זיך אן דעם ווארימען כאלאט.
איך זיץ און רויכער רוהיג מיר די ליולקע, לעז א באלט
און טראכט: ווי אייביג נאריש בלייבען דאס די פרויען.

דער זייגער קלינגט.
די אלטע דרעהט זיך אום און קוקט זיך איין
מיט לאנגע בליקען אין דעם ציפערבלאט, ווי שפעט ס׳קען זיין.
כאטש קלאר און העל צעהלט אפ דער זייגער פינף.

— שוין פינף דער זייגער!... נאָ... ווי ס'לויפט דער טאָג! —
אַ ציה די שמאַלע אַקסלען און ס'פאַלען מיעד די הענד אין שויס.
און מיר ווערט פּלוצים קאַלט. איך בויג דעם קאָפּ אַרויס
און זעה ווי ס'רוימלען זיך די דינע ווייסע וואָלקענס.
און כ'ווייס אַז ערגיץ לויערט שוין די נאַכט."

אייזלאַנד בענקט נאָך אַלטקייט. פאַר וואָס? ווייל דאַן וועט ער קענען רוהען. אָבער פאַר וואָס וויל ער אַזוי שטאַרק רוהען? ווייל די בענקשאַפט נאָך רוה קומט פון פּ ע ר ק ל ע ־ מ ט ע ר אַ נ ר ו ה י ג ק י י ט. אינערליכע אונרוה איז זעלבסטצושטערונג. מען עסט זיך אליין אויף... כאָטש מען האָט איהר אַזוי ליעב — און דער וואָס פיהלט אונרוה און קען איהר ניט אויסדריקען אויף וועלכען ס'איז אופן, דער ליידט גהנים. און פאַר אַ טרייסט חלומ'ט מען זיך אוים אַ גן עדן פון רוה, וואו „אַלטע לייט מיט גראָבע שטעקענס זיצען און שמעקען פון טאַבאַק פושקעלעך."

וויפיעל איראָניע ליגט אין די אידילע פון אַלטקייט! ניט דערפאַר וויל ער אַלט ווערען ווייל ער בענקט טאַקע נאָך יענער צייט, ווען ער וועט זיין צופריעדען מיט גאָרנישט... נאָר דערפאַר, ווייל ער וויל איצט אַזוי פיעל און קען גאָרנישט קריגען!... מיר האָבען אַ סך פערלאַנגען און ווייניג צופריעדענשטעלונג. דאָס ל ע ב ע ן איז צו ע נ ג פ אַ ר אַ ר י ג י נ ע ל ע נ אַ ט ו ר ע ן...
אין דער ערצעהלונג „ד'ער זייטיגער" זאָגט אייזלאַנד:

„וואָס לאָזט זיך טאָן? אַז לעבען לעבט מען קיינמאָל ניט ווי מען וויל אליין, נאָר ווי עס לאָזט זיך".

לאַנדוי האָט געפיהלט ענליך ווי אייזלאַנד ווען ער האָט געשריבען:

„ווי עס קלאַפּט אין וואַנד אַ גריל,
קלאַפּט דער טייוועל טיף אין מיר:
באַלד פערפריהרען וועלען דיר
דיינע ציטעריגע הענד."

ס'איז אין אַלגעמיין פערהאַן ענליכעס צווישען לאַנדוי און אייזלאַנד'ן. נאָר לאַנדוי איז בעוועגליכער, געוואָגטער, פלינקער. קען שנעל איבערשפּרינגען פון איין שטימונג צו אַ צווייטע. זיין האַרץ האָט לייכטע פליגלאַך. און צוגלייך איז לאַנדוי אויך מעהר

עקשנות'דיג אין זיין ווילן. ער קען זיך מעהר רעגירען... ער קען זאגען צו זיך: ניט מיינע קאפריזען, נאר איך מוז זיין דער האר איבער זיך. און אויב לאנדוי איז סקעפּטיש צו אלעם און אלעמען: געגען זיך אבער איז ער קיין סקעפּטיקער ניט. אויף זיך זאגט ער גאר ניט קיין שלעכטע מבינות, נאך אלעמען:

„עס זיינען מיינע ליעדער: ריין ווי טויבען; קלוג ווי שלאנגען."

דערפאר איז פאר לאנדוי מעגליך געווען צוקומען צום דוקא־אפּטימיזם. אויב ער האט ניט געפונען קיין טרייסט אין הארץ, האט ער זיך געשאפען א טרייסט מיט דעם שפּיץ פון זיין חכמה.

אבער דער ווייכער געפיהל־מענש אייזלאנד, האט דאס ניט געקענט. ביי איהם מוז אלעם קומען פון הארץ... וואס זיצט פעסט אין ברוסטקאסטען — פון אמת'ע שטימונג... דערפאר איז ער גע־בליבען אין אייגענעם קלעם... דערפאר שרייט ער אויס פון מאל צו מאל מיט געבעט:

„א, גרויסער גאט אין הימעל! שענק מיר רוה.
לאז זיין אין זאמד, לאז זיין אין שטויב,
נאר לאמיך איינמאל זיין שוין טויב
פאר אט דעם גאנצען טומעל."

אויף אייזלאנד'ן איז מקוים געווארען די קללה, מיט וועלכע עס איז פערשאלטען די מעהרסטע פון אונזער יונגען דור. — די קללה פון צווייפעל. ער איז א מענש, וואס וויים א סך, אבער פער־צעהרט זיך צופיעל מיט ספקות. איהם פעהלט די איינבילדונג וואס מאכט דאס שאפען צו א פערגעניגען. ער איז צו א אנאליטיש אין זיין דענקען. היגדערט זיך אליין מיט זיין צו שארפע זעלבסטקריי־טיק. ער וויל זיך ניט אנפערטרויען א שטארקען ווילען, ער וויל זיך ניט לאזען פערפיהרען פון דרייסטע עקסטרעמען. ביי איהם וועגט קיין זאך ניט אריבער. צו איינגעהאלטען, צו אונזיכער. האט מורא איינצושטעלען. ער איז יענער קאנטעמפלאטיווער כאראק־טער וואס צוגלידערט אלץ אויף בעזונדערע טהיילען און בעזונדער זעהט אלץ אויס נישטיג. עס גליטשט זיך ארויס דער טרוים...

אייזלאנד איז אויך פון יענע שטילע נאטורען, וואס בלייבען אימער אין דער זייט. ער וועט שרייבען וועגען אנדערע, לויבען, העלפען אנדערע, ער אליין בלייבט אונבעהאלפען...

ווייל ער קען נימ שפארען זיינע עלעבויגענס, קען נימ שריי־ען, בלייבט ער אימער פערבענקט, פערצווייפעלט אין זיך... און קען נימ דערגעהן צו דעם וואס איהם ציהט.

אייזלאנד'ן פעהלט גלויבען. אין דער פריהער שוין דערמאנ־טער ערצעהלונג „דער זייטיגער" זאגט ער אליין:

„א שאד וואס איך האב מעהר קיין גלויבען נימ. א ד וואלט זיך וועלען גלויבען. שטארק גלויבען".

דערפאר איז ער אימער אונזיכער, בלייבט דער שטענדיגער פרובירער, זוכער און נימ־גלויביגער אין זיך. און א איד קען נאר זיין גרוים אין בטחון, אבער נימ אין אונגלויבען. אז מען צווייפעלט שאפט מען גאר נימ. מען ווערט פערלוירען, צובראכען, הילפלאז: מען צוגעהט:

„עס איז מיין הארץ צוטהיילט אין צוויי.
א האלב איז קויט, א האלב איז שניי.
א האלב צוגעהט ביים מינדסטען שיין,
א האלב נאר תמיד פוילט אין פיין."

די שורות זיינען כאראקטעריסטיש פאר אייזלאנד'ן דעם אין זיך גריבלער. געלאזען אלע וועגען הינטער זיך, די אלטע בריקען זיינען שוין צובראכען... מען קען נימ געהן צוריק אפילו מען זאל וועלען — און קיין נייע האט ער נימ געפונען. שטעהט ער א פער־בלאנדזשעטער, אן איינזאמער אין זיין עלענדער גרויער וועלט...

אייזלאנד האט די שטימונג פון גרויען עלענד געוואלט סימ־באליזירען אין זיין פאעמא „בעטלער". אלס גאנצע מאכט זי אבער א שוואכען איינדרוק. נאר דא און דארט בליצט עס אויף...

בעטלער, דאס זיינען די אייביגע וואנדערער וואס זוכען אימער און געפינען גאר נימ. האבען גאר נימ. און דער עיקר — קיין גלויי־בען אין א ווייטען ציעל. זייער לעבען איז בלויז א שפיעל ביים צופאל אין די הענד:

אנגעוואוירען ווייב און קינד, בין א שפיעל איך פאר'ן ווינד:
ווארפט ער מיך אהער, אהין, אהן א טעם און אהן א זין."

פון וואנען נעהמט זיך אזא אייזלאנד?

אייזלאנד איז דער מאדערנער ראפענירטער מענש, דער צנוע'דיגער, איידעלער בלאסער, וואס פיהלט זיך פערלוירען, פער־צאהמט אין די גרויסע שטאדט צווישען מאשינען און פרעמדע

הויכע ווענד. פריי פיהלט זיך נאר דער הפקר, וואו ס׳הילכט בלויז די רוישיגע גאס „אהן א טעם אהן א זין“.

אבער אין מיטען געפילדער כאפט זיך איינער און פרעגט:
„ווען וועל איך צום ישוב קומען?“

— דאס איז דער פאעט. אבער ער קריגט קיין ענטפער...

אין אייזלאנד׳ן זעהען מיר די האפנונגלאזיגקייט און פער־צווייפלונג פון אונזער צייט. די אלטע גלויבענס זיינען צושטערט געווארען און קיין נייע חלומות, וואס זאלען אונז געבען כח, האבען מיר ניט געשאפען. מיר זיינען אן אבגעריסענער דור. טהייל לייכטע נאטורען זוכען זיך צו פער׳שכור׳ען מיט איינרעדענישען, מיט שעהנע ליגענס... אייזלאנד איז אבער א צו טיעף קריטישע נאטור ער זאל זיך אליין קענען אבנארען. ער זעהט די הוילע ווירקליכ־קייט צו בולט צו גלויבען אין נישט געשטויגען און נישט געפלוי־גענקייטען. ער האט א ליעד:

„האט עמיצער געזונגען וואו?
— עה, וואס פאר א נאר ביזטו!
אויב ס׳איז וואהר אז עמיץ זינגט,
זינגט ער דאך עס ניט פאר דיר.“

אבער דאך, אונטער דעם דראנג און פערצווייפלונג, האט אייזלאנד א סך מיטגעהאלפען די ענטוויקלונג פון דער אידישער ליטעראטור אין אמעריקא. ער איז דא אויסגעוואקסען צוזאמען מיט די יונגע שריפטשטעלער. און ער איז פיעל מאל געווען זייער ווארט־זאגער. סיי דורך אבהאנדלונגען, פארלעזונגען, אדער פריי־וואט.

אייזלאנד האט דורך זיין שארף קריטישען כאראקטער ארונ־טערגעבראכט די פאעזיע צו איהר אויפריכטיגסטען טאן. זיין שטילער שרייבען איז דער ראדיקאלסטער פראטעסט געגען דעם גאנצען אלטען פראזען־בעגאזש פון די עלטערע אידי־שע דיכטער. ער קען ארגאניש ניט פערטראגען קיין שעהנע אבער פוסטע ווערטער. ער האט פיינט דאס אידיאליזירען דורך פראזען. פון שטאנדפונקט פון פארם האט אייזלאנד אזא גרויסען ווערטה פאר דער ענטוויקלונג פון דער אידישער פאעזיע, ווי ווארדס ווארטה פאר דער ענגלישער. ער האט אריינגעבראכט אמת׳ע אינטימיטעט אין דעם אידישען ליעד. ער האט בעווי־

זען אז מען קען שרייבען שעהן אהן הויכע מליצה.

אייזלאנד האט זיך אויך בעפרייט פון דעם מאנאטאנעם סטראף וואו אלע שורות זיינען ארטיפיציעל אבגעטאקט. ער האט בעוויזען אז מען קען שרייבען נאטירליך, פריי און ס'זאל דאך זיין הארמאניע, אויסגעהאלטענקייט. אויסגעהאלטען, ניט מעכאניש געצוואונגען, נאר לויט א ברייטערען געזעץ געשאפען פון דעם דיכ־טערס אינדיווידועלען געשמאק. ביי דיכטער וואו אלע שורות ציהען זיך בלויז אין לענגטא, איז דאס ליעד מעכאניש, קינסטליך, אהן לעבען. ביי אייזלאנד'ן איז אבער דא סינקאפען אין זיינע ליעדער. אט געהען זיינע שורות אין א יאמבישען ריטם און אין דערמיט גיבען זיי א טאנץ אין א טראכייאישען, אדער אנאפעסטישען. דאס זעלבע מיט'ן מעטער. איין שורה קען זיין פון צעהן זילבען. א צווייטע פון דריי. און דאך פיהלט מען ניט קיין דיסקארד. ווייל דאס וואס שיינט דרויסענדיג אונארדנונג, פאלגט נאר א העכערע ארדנונג, אן א י נ ע ר ל י כ ע ן ג ע ז ע ץ פון קינסטלער.

צו שרייבען פריי איז פיעל שווערער ווי אויסצוהאלטען רעג־לען. ווייל מען קען זיך נימ פערלאזען אויף קיין פארטיג אנגענומענע געזעצען פון אנדערע. מען מוז זיין נאטירליך און זיך שאפען אן אייגענע הארמאניע. צו דעם דארף מען זיין א געבוירענער קינס־טלער.

אייזלאנד האט בעוויזען אז ער קען דאס. זיינע סינקאפישע פערזען גיבען זיינע ליעדער נאטירליכקייט, אינטימליכקייט—לע־בען. וואס איהם פעהלט איז: וואגען! ער האט ערשט פערנאכ־דערגענומען די הענד. מיט דער צייט וועט אפשר דער גלויבען אין זיך אויך קומען. דער אלטער קלוגער בעטלער, אין זיין לעצטער פאעמא, גיט אונז שוין אן אנצוהערעניש דערויף:

„קרומע הענד און לאמע פיס.
דאך איז ס'לעבען גוט און זיס.
אהן א קלייד און אהן א העמד
און פערוואגעלט אין דער פרעמד:
דאך נאר זעהט די גרויסע פרייד,
וואס פאר אונזער אויג זיך שפרייט. —
האלט דאס הארץ נאר גוט און ריין,
וועט איהר אלע גליקליך זיין."

מ. ל. האלפערן

„ווער איז ווער איז דער רייטער דאָרט
וואָס רייט און ריהרט זיך ניט פון אָרט?
זיי שטיל מיין בלוט, זיי שטיל ניט וויין,
דער רייטער דאָרט בין איך אַליין.

אין האַלבער נאַכט, אין מיטען וועלט,
ווער האָט פאר איהם דעם וועג פערשטעלט?
זיי שטיל מיין בלוט, זיי שטיל ניט וויין,
דער רייטער דאָרט בין איך אַליין.

און אַז ס'איז פינסטער אומעדום,
וואָס קעהרט דער רייטער זיך ניט אום?
זיי שטיל מיין בלוט, זיי שטיל ניט וויין.
דער רייטער דאָרט בין איך אַליין.“

מ. ל. האלפערן.

כאראקטער.

צווישען אונזערע נייע דיכטער איז דאַ איינער, וואָס וואָגט נישטאָ ביי איהם קיין אנגענומענע שעהנקייט. ער זינגט פון זיין בלוט ארויס. און זיין בלוט איז רעוואָלוציאָנער. רויט — אמאָל אפשר ווי די זון, ווען זי געהט אויף און אונטער, און אמאָל ווי דאָס רויטע טוך, מיט וועלכען דער גלאדיאטאר צורייצט דעם בוהאי אין דער ארענא.

האָט ער פיינט, ברענט דער האס אין זיין ליעד. דער גרוי־זאמסטער עקעל שרייט פון איהם ארויס אזוי פריי, ווי זיין בענק־שאפט נאָך שעהנקייט. דאָס בורלעסקע און וואולגארע מאָהלט זיך אין זיין ליעד אזוי בולט, ווי דאָס פיינסטע בילד וואָס די פאנטאזיע בעשאפט. מיט שטארקע ארעמס — אונמעכטיג. אין דער אונ־מעכטיגקייט שטארק. בלינד מיט אָפענע אויגען — זעהענדיג די אייגענע בלינדקייט — מיט'ן גאנצען פעקעל מעלות מיט חסרונות וואָס עמיץ האָט דעם מענשען מיטגעגעבען אויף זיין לעבענס־וועג.. מיט א גרויסען פערלאנג — האלב געלונגען, און האלב ניט גע־לונגען. גרויס אין דער נישטיגקייט און נישטיג אין דער גרויס־קייט... לייכט קלינגענדיג, ווי דאָס פייקעל ביי א יונגער ציגיי־נערקע, וואָס טאנצט אויף א פרעמדען מארק פאר גראָשען־לויהן; שווער קלינגענדיג, ווי דער ווינד דורך טויזענד יאהריגע אלטע דעמבעס אין וואלד און דורך צובראָכענע פענסטער און ווענט פון פערגעסענע חורבות — זיך בייטענדיג ווי א טייך, וואָס שפּי־געלט אָב דעם הימעל, ווען ער איז לויטער און אויך ווען ער איז פערוואָלקענט... אין שטורם ברויזט ער אויף; איז שטיל — שפּי־געלט ער אין זיך אָב די לאנדשאפט פון די ברעגען — און אפשר אויך מענשען אין שיפלאָך וואָס וויעגען זיך אויף איהם...

קומט א וואלקען־ברוך, ווערט ער קויטיג און רייסט זיך, רייסט מיט שטיקער פון די ברעגען: ערד און שטיינער, בוימער און פלוי־טען און אפשר אויך דאָ און דאָרט דאָס שטיבעל פון אן איינזאמען שטילען מענשען, וואָס פערשפּיעלט זיין לעבען אין זוכען, אין טרוימען... אזוי ווי דו, אזוי ווי איך...

„האָט דער אדלער פליגעל גרויסע,
האָב איך ברייטע שטארקע הענד.
האָט דאָס לעבען קאמפף און ליעבע,
האָב איך בלוט וואָס שרייט און ברענט.“
(פון „מיין פּאָרטרעט“).

מ. ל. האלפּערן.

זיין פּנים: הויכע באקען־ביינער. א פּון בלוט פארברענטע הויט. א פּאָר גרויע אויגען, ווי שטאָהל, וואָס מעהר פון אלץ שיינט פון זיי ארויס א ביטערע בייזקייט פון איינעם, וואָס האָט פיינט אלץ וואָס איז היפּאָקריטיש,זים און ליעבענסווירדיג פלאַך, און באלעבאטיש.

חנפה'ט זיך איינער דעם צווייטען אין די אויגען. און אונטער די פּלייצעס שטעלט זיך ארויס צונגען — אבער איך בין ניט אייערער... איך האָב אייך פיינט! איהר מעגט מיך אויך פיינט האָבען.

האלפּערן איז דער פרייער מענש, וואָס שטעלט אלץ אויף זיך. ער איז דער שארפסטער אבלייקענער פון יעדע אויטאָריטעט, פון אלץ, וואָס וויל זיך שטעלען העכער פון זיין געוויסען...:

„שטאָלץ צו זיין, האָב געלערענט
שוין אין מיינע קינדער יאָהרען.
כ'האָב זיך קיינמאָל אין געפאהרען
אויף א רגע ניט פערלאָרען.“
און ווידער:
„מענשען זאָגען, אז דער טייוועל
קוקט ארויס פון מיינע אויגען,
סיי ווי סיי האָב איך פאר קיינעם
קיינמאָל נאָך דעם קאָפּ געבויגען.“

און ער איז ניט בלויז אזוי געווען אין זיינע קינדער יאָהרען. נאָר אזוי איז ער פערבליבען ביז'ן היינטיגען טאָג.

מען קען פערשטעהן האלפּערנ'ס ליעדער, ווען מען קען איהם פערזענליך און זיין הויך הפקר'דיג געלעכטער, וואָס רייסט זיך ארויס פון זיין ברוסט מיט א היסטערישען הא! הא! הא!

פון אלץ לאכט ער אב. אמיינסטען פון פאעזיע און פאעטען.
[illegible] איינהארן שרייבט ער אין „דע־לא־העסטער":

„[illegible] ניט לאנג האב איך א ליעד געלייענט פון א דיכטער,
וויינט דער ארעמער אין זיין ליעד — א טויטען צו בעקלאגען..
ב ל א ס און ק ר ע נ ק ל א ך, וויל ער נעבעך, זאל
איהם זיין די ליעבסטע.
וויל — די פ א ה נ ע פון זיין פ א לק זאל זי
איהם העלפען טראגען..."

עס איז נאטירליך פאר האלפערן, דעם לעבעדיגען מענש אין דער פאעזיע, ניט צו קענען פערטראגען דעם קינסטליך־פערבלאסטען און אויגען גלאנצענדיגען איינהארן, וואס מאכט האנד־געשניצטע תפלה׳לאך, וועלכע געלערענטע נאראנים רופען נאציאנאלע ליריק. א פערבלאסטע פערקרענקליכטע געליעבטע וויל ער. וואס איז? — ד י פ א ה נ ע פ ו ן ז י י ן פ א ל ק ז א ל ז י א י ה ם ה ע ל פ ע ן ט ר א ג ע ן. — און אז זי וועט זיין געזונד און שעהן? וועט זיי וועלען א געזונדען און שעהנעם בחור, ניט קיין פערפאהנטע אידיליען...

אבער זעהט איהר, פון מאררים ראזענפעלד׳ן לאכט ער ניט. כאטש ער האט געגען איהם געשריבען א שארפען קריטיק. אט זיינען האלפערנ׳ס אייגענע ווערטער וואס ער האט ארויסגעזאגט אין א פארטראג איבער אידישע דיכטער:

„ראזענפעלד איז אריין אין בלוט אין יעדען איינעם פון אונז. ער האט געגעבען א ברום און טויזענדער שטימען פון דעם ערוואכטען פראליטאריאט האבען מיט איהם מיטגעברומט. ראזענפעלד׳ס שפראך איז ניט אזוי ראפינירט ווי פון די שפעטערע דיכטער. אבער דאס מאכט זיי נאך ניט גרעסער פאר איהם. ווייל ניט די ווערטער מאכען דאס ליעד, נאר די שטימונג הינטער זיי.—"

מיט זעהר פיעל בעגייסטערונג רעדט האלפערן וועגען בערנע און היינע. ער קען פיעלע פון היינעס ליעדער אויף אויסענווייניג און ציטירט זיי ביי יעדער געלעגנהייט. ער האט א טהייל פון היינע׳ס ליעדער איבערזעצט אין אידיש און זעהר גוט איבערזעצט. ער האט פיעל געלערענט פון היינע. היינעס איינפלוס מערקט זיך אין אלע זיינע ליעדער. און דאס איז אפשר זיין גרעסטער חסרון. ער האט ניט אלע מאל געגאשט דעם גיפט צוזאמען מיט׳ן האניג...—

פֿאָרם.

און ליעב איך דיך דו אונרוה מיינע, דו,
פאר וואס־זשע בענקט מיין הארץ אזוי נאך רוה,
פאר וואס מוז לײדען איך אזוי פיעל שווערע פיין,
צי מוז די ליעבע דען פאר אימער אונרוה זיין,
דו אונרוה מיינע, דו...
פאר וואס בענק איך אזוי נאך דיר — א זאג...
עס געהט דאך ניט אוועק א נאכט, א טאג,
וואס איך זאל טראכטען ניט און טרוימען ניט פון דיר...
פון דיר, פון דיר—דו לעבען מיינס, דו הארץ אין מיר...
דו אונרוה מיינע דו...“

אמת'ע ליעבע. די ליעבע וואס מאכט פיהלען אזוי זיגזאגיש. מען ווייסט אליין ניט וואס מען וויל. מען בענקט נאך רוה, דאך האט מען אזוי ליעב די אונרוה. בלויז די איינציגע שורה: „דו אונרוה מיינע, דו“ איז א ליעד. אין דער שורה איז דא טרויער און פרייד צוזאמען — די ליעבע וואס פערפייניגט און גיט דאך אזוי פיעל גליק — — אפשר דאס איינציגע גרויסע גליק אין לעבען...

דאס דאזיגע ליעד גיט א געלעגענהייט א קוק צו טהאן אויף האלפערן פון דרויסען.

דער פערזבוי איז א שלעכטער. דורך געצוואונגענעם ריטם ווערט א הויקער פון דער שפראך:

„פאר וואס מוז לײדען א י ך“

אדער אינ'ם צווייטען סטראף:

„וואס איך זאל טראכטען נ י ט און טרוימען נ י ט“

איז ניט אידיש. צונויפשטעלען א שורה מעכאניש איז פאבריצירטע „פאעזיע“. דאס פלעגען זיך ערלויבען די עלטערע דיכטער:

„פיעללייכט איז עס בעסער געליעבטע,
פ א ר נ א נ ד ע ר ג ע ש י י ד ט ז י י ן מ י ר ז א ל ע ן?“
(פון „בלומען און דערנער“. יהואש).

מיר דאכט זיך, אז האלפערנ'ס ליעדער, איבערהויפט די לירישע פון די ערשטע צייטען, לײדען פון איבערליכער פארמלאזקייט. אדער בעסער, פון א ניט צונויפגעזונגענקייט צווישען פארם און אינהאלט. אבער עמאציאן איז ביי איהם אימער דא. ער

עמפינדעט שטארק, ברויזענד. ער האט אזא ווילדע אונרוה, וואס רייסט מיט אין וועלכען ס'איז פארם. אפילו אין געוועגליכע פראזא וואלט ער אייך אנגעגליהט מיט זיין ברען. נאר הארמא־ניש און לייכט ווערט ביי איהם פארם און אינהאלט צונויפגעגא־סען, ווען ער ווערט קאפריזנע און שפיעלעוודיג:

„גו ביזטו ברוגז גאר, דו נארעלע.
קום, קום, איך האב דיך ליעב.
צי קען איך אנדערש דען, דו גוטע, דו?...
פערגיב מיר איצט, פערגיב."

איז דאס ניט די זעלבע שפראך, וואס מען שרייבט אין פרא־זא אדער וואס מען בענוצט אין געוועהנליכען געשפרעך? געווים. דאך איז דאס ליעד, פון וועלכען איך האב ציטירט דעם סטראף, קיין רעטאריק, נאר אמת'ע פאעזיע. שוין וואס דער איינער סטראף האט צעהן פונקטאציאן־צייכענס, ווייזט אז דער פארם מיט'ן אינהאלט איז הארמאניש צונויפגעשפינט. ווייל אין דעם ליעד שפיעלען ניט אזוי די ראלע די ווערטער, איבערצוגעבען די שטי־מונג, ווי די פ א ו ז ע ן. דורך די פיעלע קאמאס און פונקטען קומען די שורות ארוים טאנצענדיג און שפיעלענדיג אזוי, אז זיי גיבען איבער דעם ריכטיגען טאן פון אזא קאפריזנע שטימונג.

האלפערן איז אויך אפטמאל אינטים. ער גיט זיך אריין אין זיינע ליעדער מיט זיין פיבער. אין דער הינזיכט איז ער אזוי ווי די אנדערע יונגע דיכטער. נאר דער אונטערשיעד פון איהם ביז אנדערע איז, וואס ער איז — סינטעטיש. זיי — אנאליטיש. ער זינגט איבער פ י ע ל זאכען מיט אמאל. זיי גיבען זיך אב מיט בעזונדערקייטען, מיט ניואנסען. ביי איהם פעלען די ניואנסען... זיי גיבען ב ל ו י ז דעם שמייכעל; ער גיט דעם שמייכעל אין איינעם מיט די ליפען.

אין האלפערן ראנגלען זיך פיעלע נשמות. יעדע איינע וויל נעהמען די אויבערהאנד, אבער קען ניט. ווערט געשטערט פון א צווייטע. דערפאר קיין מאנאפאנישע ליעדער, נאר מעהרסטענס — פאליפאנישע. עס מישען זיך ביי איהם פערשיעדענע קלאנגען מיט אמאל. טרעפט איין נשמה קריגט די אויבערהאנד, קומען אזעלכע פאנטאסמאגאריען, ווי ביי פראנציסקא גאיא, אדער סענטימענ־טאלע שטימונג־ליעדער, ווי די לעגענדע פון וויניאווסקי. אמיינסטען

מישעו זיך די פערשיעדענע שטימונגען צונויף. עס שטראמט צארט־קייט מיט ווילדקייט, ערענסטער פאטאס מיט שטיפערישע סענ־טימענטאליטעט, ענטציקונג פאר שעהנקייט מיט גרויל און עקעל.

טהייל דיכטער קלייבען צוזאמען שפענדלעך, לייגען אונטער האלץ, גיסען ארויף נאפט, לייגען צונויף די קוילען רוהיג און ווארטען דער לעזער זאל קומען אנצינדען — האלפערן לייגט ניט צוזאמען קיין האלץ מיט שפענדלעך. ער ווארפט באלד שטיקער פייער און פערברענט זיך די הענד... אדער ער קומט מיט גליהענ־דע גלאווענעס. זיינע ליעדער זיינען ווי ארויסגעפלאמטע פייער־צינגען פון הארצען, וואס פלאמען אפטמאל ארויס אין א ודוי. א ודוי, ניט פון קיין שטארבענדען, נאר פון א לעבענסלוסטיגען מענשען, וואס ראנגעלט זיך מיט די „שעה'ן פון זיינע טעג און האט זיי ליעב אפילו מיט זייערע ליידען און טרויער.

טרויער און טרייסט.

„זיי האבען מיך קיינער ניט ליעב. איך בין איינער אליין.
בין ווייט פון מיין היים־לאנד פערטריבען.
די איינציגע געסט — מיינע טרוימען, זיי קומען און געהען,
ווי פינסטערע וואלקענס געטראגען פון ציעלאזען ווינד,
און אויבער מיין בענקשאפט איז בלינד, ווי די נאכט
אזוי בלינד — מיין טרויער נאר איז מיר געבליבען.
און דונקעל אזוי ווי דער ים איז מיין טרויער און טיעף.
מיין האפנונג ווערט גרויער און גרויער.
א שיפער בין איך און איך בלאנדזשע ארום מיט מיין שיף.
איך האב ניט קיין רודערס. איך זוך ניט קיין ברעג. איך
בין מיעד —
וויעג, וויעג זיך מיין שיפעל — וואס האב איך דען מעהר
ווי מיין ליעד — וואס האב איך דען מעהר ווי מיין טרויער?“

יא. אפילו ביי דעם טראציגען, עקשנות'דיגען האלפערן איז דא טיעפער צער און טרויער. נאר ער קלאגט זיך זעלטען דערויף. פערקעהרט, ער טרייסט זיך מיט זיין טרויער. ער זאגט, א מענש ווערט דאן אויסגעלייזט, ווען ער קריגט ליעב זיינע ליידען. מען דארף זיין שטארק, זיך בעפרייען פון אלע ענטוישונגען און זיך שאפען אן אייגענעם טרייסט. מען דארף אין זיך בעזיעגען דאס צובראכענע... בלייבען גאנץ אפילו מען האט זיך צעבויגען!

ניט אלע קענען דאָס. מען דאַרף זיין א הערשער איבער זיך אליין, זיך קענען בעפרייען פון דעם געוואוינטן, ניט געריכטען, בייזען, צופעליגען — שוין פערפאַלענעם:

„כ'האָב וואהנזיניג ליעב געהאַט איינעם א מענש,
דער מענש האָט דאָס האַרץ געהאַט פאַלש מיר צו זיין...
און איצט אז איך וויים עס — א קינדערלאַך, זאגט:
ווי זאָל איך — ווי זאָל איך ניט אויסגעהן פון פיין?....
נאָר שטילער מיין האַרץ! וואָס פאַרביי איז פאַרביי!
זיך אָבגעטאָרט איינמאָל און איצטער, פערגעס!
דער מענש איז געשטאָרבען פאַר מיר און פאַרביי —
איך פיהר ניט מיט זיך די געשטאַלט פון א מת...“

דאָס איז א זיעג איבער זיך דורך פערגעסענהייט. און אויב האַלפערן קען אמאָל שלום ווערען מיט זיך — מיט דער וועלט קען ער אבער קיינמאָל ניט שלום מאכען. ער בלייבט דער שטענ־דיגער פראָטעסטירער. ער וויל זיך ניט און קען זיך ניט איינ־רעכטען צוזאמען מיט אנדערע אין דעם גראָבען שטריק פון לע־בען. ער וויל זיך בעסער ראנגלען א פרייער מיט זיך אליין, איי־דער צו ווערען א שקלאַף צוזאמען מיט אלע, וואָס ציטערען אונ־טער דער בייטש פון לעבען. זיין בלוט האלט זיך אין איין בונטע־ווען געגען דער שלעכטער אויפפיהרונג פון דער נאַטהייט, געגען די אונפערשטענדליכקייט פון דעם גאנצען אוניווערזום און געגען די עלענדקייט פון דעם איינזאמען מענשען: „יא, וועה צו דעם וואָס ווייסט, אז גאָט איז גרויס — פיעל גרעסער איז די וועלט... און ווען אמאָל אין מיטען־נאכט אן איינזאמע נשמה וויינט — — ווער הערט?“

פערהאַן מאָמענטען, ווען ער דערפיהלט די גאנצע אבגע־צאַהמטקייט פון אונזער ווי צו געפאַנגשאַפט פערוואָרטהיילען לעבען, דעם אייביגען מוז, געגען וועלכען עס העלפט ניט קיין בונט און קיין געשריי... ער דערפיהלט פון ווייטען דעם קומענדי־גען טויט, וואָס וועט איהם און אונז אלע איינשליסען אין דער אייביג מיסטעריעזער אונענדליכער נאכט. און ער טרויערט: „שטום און קאַלט... א טויטען־הויז, איך בין אליין. און אלע אויס־גאַנגסטירען זיינען צוגעמאַכט. מיין וועה איז שווער און גרויס... מיין האַרץ איז נישטיג — קליין — עס וואַרט אויף מיר א נאכט...

און אייביג־לאנגע נאכט — — —" און נישטא קיין אויסוועג.
נישטא וואו זיך צו בעהאלטען. ווען מען איז יונג גלויבט מען, אז מ'קען לויפען זיך אייביג חבר'ן מיט דער ליעבע, מיט דער וועלט, מיט דעם שעהנעם בליהענדען דרויסען. אבער ווען „דו הערסט שוין דעם הערבסט דורך דעם בלוט דיינעם רינען", דאן דערפיהלט מען דעם א י י ב י ג ע ן ק ל ע ם, פון וועלכען קיינער קען זיך ניט ארויסרייסען. און עס בלייבט בלויז אויף די ליפען די פערביסענע פראגע צו זיך אליין:

„וואס זוכסטו אין דרויסען, דו מענש
וואס ווילסטו געפינען?
פון אייגענעם בלוט ווען עס וויינט,
וואו ווילסטו אנטרינען?"

— — — — — — — — — — — —

אבער לאנג זיך גריבלען אין די אייביגע טיעפענישען האט האלפערן פיינט. איהם קומט באלד צו הילף די פילאזאפישע א י ר א נ י ע און מאכט אלץ לייכט אוועק מיט דער האנד:

זאגט צו מיר דער גאנג פון לעבען:
גריבעל ניט. סא אנ'אלטע מעשה.
האהר פון קינדער זיינען בלאנדע.
האהר פון זקנים זיינען וויסע.
און דער פויגעל קוים געבוירען,
פרואווט שוין אויס די קליינע פליגעל.
און א פינגערעל ביים מיילבעל,
שטעהט דאס מיידעל פאר'ן שפיגעל.
און אויך דו, מיין שטערען־זעהער,
ביזט מיר אייביג אונטערטהעניג.
ביים שפעקטיוו, די קניע געבויגען...
שטעהסטו און ווילסט מיעד ניט ווערען.
און אין ציפערן פערבייטסטו
נאהענטקייט, ווייטקייט, זון און שטערען.
כאטש נאך דיר, וועט פון דיין חשבון
אויף די זעלבע נול פערבלייבען,
וואס מיט אט־אזא־מין דרעדעל — 0 —
קען דאס יעדער נאר פערשרייבען.

א מענש וואָס האָט אזא בעציהונג צום לעבען, קומט ניט צו רעליגיעזער רעזיגנאציע, נאָר צו עפּיקוריאניזם. צו דעם איינציגען און לעצטען טרייסט פון שלמה המלך: זיך צולאָזען וואויל געהן. דערפאר שטעלט האלפּערנ'ען ניט צופריעדען קיין שעהנע פאנטאַזיעס. ער וויל זיך ניט אָבנארען מיט איינבילדונג. ער וויל דאָסווירקליכע. ביי איהם מאָהנען אלע חושים דעם אמת'ן היימעל, די גרינע פעלדער און שעהנע פרויען... דערפאר לאכט ער טאקע פון דעם אידישען אסקעט, פון דעם נזר יוחנן און רופט איהם „גרויסער נאר" פאר וואָס ער האָט אוועקגעגעבען א לעבען פאר ניט וועלען א קוש טהאָן דער שעהנער סאלאמא. ער, אלס פערצווייפעלטער עולם־הזה־מענש קען זיך ניט פארשטעלען עפּעס העכערס, הייליגערס, ווי ממשות'דיגע פרייד. פאר איהם זעהט אוים א נאַרישקייט זיך צו לאָזען אבשניידען דעם קאָפּ פאר עפּעס אידעאלעס. און ער ענדיגט דאָס ליעד:

„איך קוק אויף דיר, און וואהנזיניג בין איך פאר פרייד און לוסט.
איך קוק אויף דיר, און אלעם וואָס איך טראכט איז איין געדאנק:
איך טראכט פון יענער שרעקליכער סאלאמא, יענער שלאנג
צו וועמען נזר יוחנן האָט מיט זיין קאָפּ בעצאָהלט,
און בלויז דערפאר, ווייל ער האָט איהר קיין קוש ניט טהון געוואָלט..
איך טראכט: אויב זי—דאָס ליידענשאפטליך ווילדע קעניגס־קינד
איז שעהן געווען—אזוי געוואלטיג שעהן ווי דו אצינד,
דאַן איז דער נזר יוחנן א גרויסער נאָר געווען,
דער גרעסטער אפשר וואָס די וועלט האָט ווען עס איז געזעהן!..."

דאָס ליעד „סאלאמא" איז זעהר כאראקטעריסטיש פאר האלפּערנ'ען, דער מענש, וואָס האָט אין זיך אזא גרויסען דראנג צום לעבען. ער קען ניט פערטראָגען דעם נזר'ס הויכען אידעאליזם, וואָס איז געגען דער שעהנקייט פון לעבען. האלפּערן שטעלט לעבען, און דעם מענש אינ'ם לעבען, העכער פון אלץ אין דער וועלט. און טאקע דערפאר איז ער אזוי אויפגעבראכט אויף אלץ וואָס שטערט איהם צו לעבען. ער זעהט אזוי פיעל שעהנקייט, אזוי פיעל צויבער; א גארטען מיט רייפע פּרות, אבער דער גארטען איז פערצוימט... ניט אלע קענען דאָרט אריינקומען — —
אין זיין גרויסע פּאָעמא „דע־לא־העסטער" מאהלט ער מייסטעריש דאָס לעבען אויף דער זייט פון גאָרטען.

צווישען שטיין און אייזען.

אין אלגעמיין אונטערשיידט זיך האלפערן זעהר שטארק פון די אנדערע יונגע דיכטער. ער איז דער איינציגער צווישען זיי, וואס האט כח, וואס זינגט ארויס פון א הויכע ברוסט. ער שטעהט כמעט אליין מיט זיינע פערמאַסטענע פויסטען. די מעהרסטע פון די נייע דיכטער זיינען אזעלכע ציטעריגע, מיעדע, יעדע בע־האלטען אין זיין ווינקעל. אבער האלפערן איז דער גבור, ניט קיין שיטערע שטימונגען — ער פערנעהמט מיט זיין ריעזיגען פאט־האס דאס לעבען אין דער לענג און אין דער ברייט און האמערט עס אריין אין זיין ליעד. ער שפיעלט זיך ניט מיט קיין „שעהנע" ווערטער. ער האט אידעען, פאנטאזיען, עמאָציאָנען און בילדער. וואס מען זאל וועגען איהם ניט זאגען, זיין ליעד איז אויסגע־שמיעד פון שטיין און אייזען. מיט טעמפעראמענט. אין זיין צו־גליהטען טעמפעראמענט איז ער עהנליך צו מאָררים ראָזענפעלד'ן. אָבער ניט מעהר ווי אין טעמפעראמענט. ווייל אין פאָרם און אין אינהאלט זיינען זיי ווייט איינער פון צווייטען.

ביי ראָזענפעלד'ען איז דאָ רחמנות. ער וויינט אפטמאָל ווי א הילפלאָז קינד, רופט זיך אליין „טרעהרען־מיליאָנער". האל־פערן האט ניט קיין רחמנות. ניט אויף אנדערע און ניט אויף זיך.

ראָזענפעלד וויינט פאר וואס ער דארף זיצען אינ'ם שטייג פון שטיין און אייזען. האלפערן זינגט:

„דער שטאָדט־מענש איז א פלייסיגער\
ער מעסט זיין צייט מיט געלד...\
דער בויער האט די פערדלאך ליעב\
וואס העלפען איהם אין פעלד.

דער שטאָדט־מענש און דאס בויער'ל\
צוויי זעלטען קלוגע לייט —\
זיי ווייסען ניט אז ארבייטען\
איז פראָסט א נארישקייט...

איך בענש מיר יענעם פרייען מענש\
וואס ארבייט קיינמאָל ניט...\
איך בענש מיר אויך דעם וואנדערער\
וואס צעהלט ניט זיינע טריט..."

יא. האַלפּערן גלאָריפיצירט די אייביגע וואַגאַבונדאַזש. דער וואַגאַבונד, דאָס איז דער פרייער מענש, וואָס רייסט אויף טיר און פענסטער פון די פערלעגענע נשמה'לעך און לאָזט אריין אביסעל פרייע לופט, אביסעל פון זיין וואַנדערענדע זון... דער וואַגאַבונד, דאָס איז דער אמת'ער פרייער מענש, וואָס וויל די גאַנצע וועלט זאָל זיין אָפען פאַר יעדען איינעם. יעדער זאָל זיך קענען געהן זיין איינענעם וועג. ער איז דער שטענדיגער רעוואָלוציאָנער. זוכט קיינ־מאָל ניט קיין רייכטהום. ער איז ביי זיך פריי ווי די פייגעל אין וואַלד און קלעהרט ניט פון קיין תכלית. ער האַסט יענע פליסי־גע מענשעלאַך, וואָס האָבען פערוואַנדעלט דאָס לעבען אין א פאַבריק. יענע געלד־יעגער, וואָס ווערען ניט מיעד צו זאַמלען ביז דער קבר שלינגט זיי איין:

„כ'האָב קיינמאָל אין לעבען געטראַכט פון א תכלית.
דאָס איינענע טראַכט איך אויך היינט;
כ'האָב קיינמאָל נישט ליעב געהאַט מענשלאַך „באַלבאַטים".
איך האָב זיי אויך איצטער נאָך פיינט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

און יונג בין איך איצט נאָך און לוסטיג אין לעבען
באַטש אַלט איז מיין קאָפּ שווין און גרוי.
און זינג איך, איז — ניט ווייל איך וויל אייך געפעלען.
איך זינג — ווייל מיר ווילט זיך אזוי!"

אמאָליגע דיכטער האָבען בעזאָרגט די מענשען מיט פּאָעזיע, און ערוואַרטעט מען זאָל זיי דערפאַר בעלוינען און אָבגע־בען כבוד. דער היינטיגער פּאָעט בעזאָרגט ניט די וועלט מיט פּאָעזיע: זיין ליעד, דאָס איז זיין לעבען — זיין ראַנגלען זיך און זיין טרייסט. ער זינגט, ווייל ער מוז, אַנדערש קען ער זיך ניט בעפרייען פון זיך און פון דער וועלט.

א מערקווירדיגער פּאַראַדאָקס: דער היינטיגער פּאָעט ווערט דאַן גרויס, ווען אין זיינע ליעדער, הערט ער אויף צו זיין פּאָעט. אָדער קלעהרער געזאָגט, ווען ער זוכט צו זיין א מענש אין דער פּאָעזיע פונקט אזוי ווי אין לעבען. ווען ער נעהמט זיין לעבען, וואָס בעשטעהט פון פינסטער־ניש און בליצען, פון ווילען און קאַפּריזען, פון זוכען און ניט געפינען — און פערוואַנדעלט עס אין א ליעד.

דער היינטיגער פּאָעט רעדט מעהר ניט צו דער זון, צו דער לבנה און צו די שטערען. (למשל אזוי ווי יהואש.) ער רעדט צו מענשען. דערפאר געפינט מען אזוי פיעל מענשליכעס אין דער היינטיגער דיכטונג. ווייל דער מענש אינ׳ם דיכטער ווערט ניט קיין בוך, — נאָר דאָס בוך ווערט א מענש... און ווייל ער גיט זיך אָב מיט׳ן אמת׳ן מענשליכען לעבען, זעהט ער ניט בלויז דאָס שעהנע, נאָר אויך דאָס נישטיגע, דאָס עקעלדיגע, ווי דאָס היי־ליגע, דאָס טראגישע ווי דאָס קאָמישע. און זינגט ניט פון אויס־געטראַכטע „ב ו ך ־ ש ע ה נ ק י י ט ע ן", נאָר דאָס פּשוטע, פּרישע לעבען אָרקעסטרירט אין זיין ליעד מיט אַלע דיסקאָרדען און הארמאָניען צונויפגעמישט:

„אויפ׳ן מארק־פּלאַץ דע־לאַ־העסטער
שטעה איך איינזאם אין דער מיטען...
ווי א ריעזיגער אָרקעסטער — רוישט דאָס לעבען:
פערד און וועגען פליהען הינצוריק ווי פיילען,
פליהען וואָלקענס שטויב און זונען־שיין,
בחורים און מיידלאַך איילען
אויף דעם וועג צו די פאבריקען:
דאָרט ביים ליעד פון די מאשינען
טרוימען זיי פון גאָלד און ליעבע..."

האלפּערן, וואָס פיהלט אזוי גוט דעם באנקראָט פון דעם היינטיגען לעבען, האָט די ציוויליזאציע מיט איהר ש ט א ה־ ל ע נ ע ק ו ל ט ו ר, וואָס פרעסט ווי א ריעזיגע חיה אויף דעם מענשענס ענערגיע מיט זיינע נערוועז. ער שטעהט און קריצט מיט די צייהן, ווען ער זעהט ווי מענשען איילען זיך ארויפצו־פאָהרען ערגעץ אין א שטיינערנע שטייג אויף א גאַנצע טאָג און שענקען אוועק א העלע גרויסע זון פאַר אַן עלעקטריש לעמפּעל און פאַר א שטיק ברויט מיט רינדפלייש.

צוליעב דעם האָט דער מענש בעדאַרפען ארויס פון די וויל־דע היילען, אויס׳הרג׳ענען אזוי פיעל אונשולדיגע חיות און ווע־רען דער הערשער פון דער ערד, צו ווערען א שקלאַף ביי די מאַ־שינען?...

אבגעריסענקייט און פרעמדקייט.

פון די אלטע ציטירטע סטראפען קען מען נאך ניט ארויס־זעהען האלפערנ׳ס קראפט אלס פאעט. איך האב זיי ארויסגענומען פון א גאנצען בארג ליעדער, כדי צו ווייזען דורך זיי האלפערנ׳ס כאראקטער. די מעהרסטע ליעדער פון וועלכע איך האב ציטירט, זיינען אלס גאנצע ניט אויסגעהאלטען. האלפערן האט א סך גע־שריבען. קיין וואונדער אז ער האט אויך שלעכטע ליעדער. אבער אויף דעם שוואכסטען ליעד קען מען דערקענען זיין פנים. ער האט אין זיי אריינגעגעבען זיין בלוט, זיין אטהעם.

אבער אום צו קענען האלפערנ׳ס גרויסען שוואונג דארף מען לעזען זיינע גרויסע פאעמאס: „דע־לא־העסטער,״ „א נאכט,״ „דעם גאסען־פויקער,״ און „אין דער פרעמד״. נאר אזא ווילדע קראפט, ווי משה לייב האלפערן, האט ביי אונז געקענט צונויפ־שמיעדען אזעלכע ברוטאלע ווערק. מיט וואס פאר אן אימפעט, מיט וואס פאר א שטארקע פויסט, האמערט ער אויס דעם „גרוי־סען וואהנזין״ פון דער היינטיגער שטאדט. עס ווערען ביי איהם בילדער אזוי ווי פון שטיין. און איינציגווייז וואקסען זיי אויס פאר אייערע אויגען, אזוי מעכטיג ווי די ריעזען־געביידען פון ניו יארק.

האלפערן האט „אין דער פרעמד״ געוויזען זיין גבורה ארויפ־צוקלעטערען אויפ׳ן העכסטען גארען. ער האט זיך אוועקגע־געשטעלט אויפ׳ן העכסטען שפיץ פון שטאדט און געקוקט פון דער הויך אויף דעם גאנצען ריעזיגען קארוסעל. און פון דארט אויבען האט ער געוויזען די מענשליבע וועלט ־ בעשאפונג. דעם נייעם וואונדער פון שטיין און אייזען.

אט איז א בילד ווי די ריעזענשטאדט זעהט אויס ביי נאכט, ווען מען קוקט אויף איהר פון וייטען:

„ס׳איז נאכט.
אנטקעגען אונזער שיף שטייגט אויף
א נעבעל רויט און שווער.
נאך איהם א דונקעלע וואנט
מיט פייערען וואס ווערען מעהר און מעהר
און טורעמס וואקסען אויס

און הויבען זיך ארויס פון מיטען ים,
ווי ריעזען־זיילען הויך. און העל — צוגליהט.
א דונקעלער־רויטער פלאם פערדעקט
דעם הימעל ווייט ארום.
די לופט ווערט הייס, ווערט ענג — געדיכט.
און טורעמס ווערען מעהר און מעהר.
א שפיעל, א צויבערשפיעל פון ליכט.
א פייער־קראפט וואס שפרייט זיך אויס
און וואקסט צום הימעל הויך ארויף
און שליידערט אב די נאכט אויף מיילען ווייט.
און הויבט זיך העכער אויף — — —
א ריעזען־ווערק פון מענשען־גייסט געבויט.
א שטאדט פון שטאהל און גלוטה — —
ווי פיבער געהט די אונרוה פון דער צייט
אצינדער דורך מיין בלוט..."

און ווי עלענד און קליין פיהלט זיך דא דער מענש צווישען די הויכע שטיינער־טורעמס. און וויפיעל מעהר עלענד פיהלט זיך צווישען זיי א אידישער דיכטער, וואס האט מעהר נישט ווי זיין ליעד. און מיט זיין ליעד וואנדערט ער פון איין לאנד צום צווייטען און איז איבעראל א פרעמדער.

האלפערן האט זיך ניט געקענט צופאסען צו דער אמעריקא־נער אומגעבונג, פונקט אזוי ווי עס קענען ניט אלע אריגינעלע עקשנים. ער האלט נאר אין איין רעבעלירען. ער פיהלט זיך דא פרעמד צו אלעם און אלעם איז פרעמד צו איהם. די שטיינערנע מויערען און די אייזערנע פאבריקען און מאשינען, רופען ביי איהם ארויס א ברוטאלען שפאט. ער האט פיינט זייער רויש און זייער שטויב, וואס האט ארומגענומען די מענשען ווי א שווארצער שטורם. און אין דעם ווירבעל פון אייזען־שטויב און רעדער־רויש זעהט זיין, און אלעמענס לעבען אויס, ווי „א שפיעל פון טרוים און ווינד". קיין ליעבשאפט, קיין ווארעמקייט, קיין צוגע־בונדענקייט. שטענדיג פערנומען און עלענד.

דער געפיהל פון אבגעריסענקייט און פרעמדקייט געהט דורך אין אלע זיינע ליעדער. אזוי איז זיין לעבען. אז ער איז אויף

א לוסט־רייזע, אויף א שיף־עקסקורסיע, וואו „די ליעבע זינגט איהר לעבענס־ליעד“, זיצט ער איינער אליין ווי א זייטיגער, און קוקט ווי ביי אנדערע לייכטען די אויגען מיט טיעפע לעבענס־פרייד און אין איהם וויינט פערגאנגענע גליק. "פערגאנגענע גליק פון ליעבע, וויינט און בענקט צום טרוים צוריק." און ער טראכט גאר דאן פון דעם אייביגען רעטעניש, אז „ווידער געהט א טאג אוועק. וואוהין? די וועלט איז שטום, און בלינד דער מענש. דער טאג וואס קומט אין טויזענד יאהר ארום וועט אויף פערגעהן אין זעלבען פארבען־שפיעל. און ערגעץ־וואו א מענשען־הארץ וועט ליידען... ליידען שטיל — — —“

ווי קען א מענש, וואס איז פערפרעמדט פון דורות, זיך צו־נויפגיסען מיט יענע לוסטיג לעבענדע טענצער, אז א וועלט, א וועלט פון עלענד און האס טהיילט איהם אב פון זיי:

„די ליעבע זינגט, און אירלאנד'ס יונגע זיהן און טעכטער טאנצען און טיעפער רעדט צו מיר מיין איינזאמקייט.“

ער פרעגט זיך אליין:

„געפעלט מיר ניט דאס טאנצען אונטער פרייען הימעל, אין מיטען אויף א ים אין ליכט פון אבענד־שיין?“

ניין. דאס געפעלט איהם שוין גאר. ס'בלוט הויבט אן רוי־שען אין זיינע אדערען. ער פיהלט דאס לעבען רוישט אין זייער „טאנץ־געשריי“. אבער ער פיהלט אויך, אז דאס איז ניט זיין טאנץ. ס'איז א פרעמדע שיף, א פרעמדער ים, א פרעמדער הי־מעל. די פרעמדקייט איז אין זיין בלוט. ער איז מיט איהר געבוי־רען געווארען. נאך אלס קינד איז ער „פעראיינזאמט שוין אין שטוב ארומגעגאנגען“.

„בעטראכט האב איך—ווי דא די טענצער איצט—די קונים דארטען.
איך האב זיי קיינמאל ליעב געהאט צו זעהן.
א פרעמדקייט האט ארויסגערעדט צו מיר פון זייערע אויגען.“

אט די אייביגע פרעמדקייט געהט איהם נאך, ווי א בייזער שאטען, איבער דער גאנצער וועלט און לאזט איהם נים לעבען, און לאזט איהם ניט רוהען...

ווילדער טאַנץ.

האַלפּערן האָלט, אַז ניט בלויז מענשליכע שעהנקייט דאַרף מען בעזינגען, נאָר אויך מענשליכע מיאוסקייט. ווייל זי איז דאָ. און מען געפינט טאַקע ביי איהם אַ היבש ביסעל דערפון. ער איז דער דיכטער, וואָס שפּיגעלט אָב די הפקר'דיגקייט פון אַמעריקאַ. דאָס סאַמע רויע, גשמיות'דיגע פון דער אַ מ ע ר י ק אַ נ ע ר ו ו אָ ך. דאָס ראַנגלען זיך צווישען שטיין און אייזען. זיין ליעד איז ניט גענומען פון שעהנע ביכער, נאָר פון דעם צאַפּעל און פיבער פון דער טומעלדיגער גאַס. צווישען די טויזענטע גרילצענדיגע קולות פון דער היינטיגער מאַשין־שטאָדט, קלינגט דורך זיין העפּטיגער געזאַנג מיט אַ שניידענדיגער שטאַקאַטאָ. ער קען צוזאַמענבעהמען די שטיינער און שטיקער וואָס וואַלגערען זיך אין די גאַסען און פון זיי אויפבויען אַ טורעם — זיין ליעד...

אַט ווי גוט ב. ריווקין כאַראַקטעריזירט האַלפּערנ'ס טאַלאַנט אַלס טורעם־בויער:

„נעהמען מיר דאָס וואָרט, וואָס האַלפּערן זאָגט, צוזאַמען מיט דעם פערשפּרעכען, וואָס ער גיט, וועלען מיר האַלפּערינען בעצייכענען אַלס דעם ט ו ר ע ם ־ ב ו י ע ר, דעם אַרכיטעקט. האַלפּערן קען מייסטערען... ער האָט די נויטיגע ווירקזייג — אַ שטאָלענע פּען, פון אייזען געגאָסענע ווערטער, לאַנגע טרעפּען — זיעבען, אַכט, ניין צעהן־פוסיגע שורות — און אַ לאַנגען אָטהעם — ער קען ציהען לאַנג, ציהען הויך... און דאָס נויטיגע מאַטעריאַל? נו, דאָס מאַטעריאַל פעהלט איהם אַמאָל אויס. אָבער האָט ער עס, זעצט ער זיך רוהיג אַוועק אויפ'ן שפּיץ טורעם און דער קאָפּ שווינדעלט איהם ניט און ער פאַלט ניט אַראָב..."

איך וואָלט נאָך צוגעגעבען, אַז אויף דער סאַמער שווינדעלדיגער הויך, האָט ער נאָך גענוג מוט אַוועקצולאָזען זיך אין אַ טאַנץ. ער איז אַן אויסגעצייכענטער טענצער. און דאָס איז די הויפּט אייגענשאַפט, וואָס טהיילט איהם אָב פון אַנדערע אידישע דיכטער. זיין ליעד וועט איהר אַלע מאָל דערקענען נאָך דער האַמערדיגער שטאַקאַטאָ. נאָך דעם צולאָזענעם הפקר'דיגען ריטם, נאָך דעם צושויבערטען טאַנץ, וואָס נאָר ער קען מיט אַזאַ היץ אויסטאַנצען. דער ווילדער טאַנץ, וואָס שטורמט אין זיין בלוט, קלינגט אַריבער אַלע אַנדערע געפּיהלען.

די פונקען שפריצענדע קראפט אין האלפערן וואלט אפשר, אויסגעטאקט א שעהנעם יום טוב־טאנץ, ווען ביי אונז וואלט ניט געווען אזוי פערגרויט און פערוואכעדיגט דאס לעבען. ווען די גאס וואלט ניט געגרילצט אין די אויערען מיט איהר דאלאר־פויק. אבער אזא פער׳עקשנ׳טע אונרוהיגע קראפט ווי האלפערן קען ניט איינ־רוהען. טאנצט ער דאך — א דוקא־טאנץ!

טראגיזם? יא. אבער ער וועט ניט וויינען דערויף. צו שטאלץ. אויב ס׳קלעמט, וועט ער בעסער שפעטער, שפרינגען, פערקריצען דעם וועהטאג מיט די צייהן און אריינשרויפען אין א ליעד... אבי ניט וויינען, אבי זיך ניט אונטערגעבען. ווי שטאהל! אויב עס ציהען זיך די אדערען און עס ברענט די הויט, דארף מען זיך פ ע ר־ ט א נ צ ע ן, פ ע ר ז י נ ג ע ן.

האלפערן רופט אונז פון צייט צו צייט ארויס פון די איינזאמע קעמערלאך און זאגט: קומט, לאמיר טאנצען, לאמיר זינגען. איהר האט ניט קיין פרעהליכע ווערטער? זינגט „לאלא" אזוי ווי איך, און אייך וועט ווערען פרעהליכער. מיינט ניט, אז איך טאנץ און זינג, ווייל מיר איז זינגענדיג אויפ׳ן הארצען. ניין. איך טאנץ ווייל איך קען ניט אנדערש — דאס איז מיין טרייסט... און מיר זעהען, אז אפילו זיין לאנגע א נ ג ס ט ־ פ א ע מ א „א נאכט", איז ביי איהם פערוואנדעלט געווארען אין א ווילדען טאנץ:

„קלינגען ריטמיש הארף און ליעד —
ט א נ צ ע ן א ל ע, ט א נ ץ א י ך מ י ט.
האלאלא, האלי, האלי —
ברעכט מען איין די טיר אין הויז,
זעצט מען אונז די שויבען אויס.
טועז טיר און גלאז א פליה —
האלאלא, האלי!"

דאס איז דער ריטמישער טאנץ פון פריי געווארענע ענערגיע, וועלכע איז צו לאנג געווען איינגעפרעסט אין דער אידישער נשמה. דער „האלאלא, האלי!" שטורמט ארויס ביי האלפערנ׳ען, ווי א ווידערקלאנג פון א ווילדען ווינד. דאס גאנצע ליעד קלינגט ווי אן עכא, וואס שפעט נאך די ווילדע כחות פון דער נאטור. ווען עס מישען זיך צונויף „ביקסען, שווערד און שפיז", דאס שרייען פון

ראבען, דאס וואיען פון וועלף, און איבער זיי אלע ווארפט זיך און רייסט זיך דער בייזער ווינד:

„און ער בילט ווי טויזענד הינד.
און ער טהוט א שפרונג, א פליה —
האלאלא האלי!"

מיר האבען אין אנפאנג געזאגט, אז ביי האלפערן מישען זיך צונויף פערשיעדענע קלאנגען מיט אמאל. ביי איהם זינגען און טאנצען אלע חושים. נאר אמיינסטען זעהט מען זיין ברוטאלען כח, ווען ער ווערט ווילד פון צארן. דאן, ווען ער דערפיהלט די הפקר'דיגקייט פון אונזער לעבען, ווען ס'ווערט איהם מיאוס די פערשטויבטע האנדעל־גאס, וואו מען פערקויפט הייליגקייטען פאר ברויט און מעבעל. ווען ער זעהט ווי אלע ווירבלען זיך אין דעם שטויביג „גרויסען ווירבעל־ווינד", און מיר, די אייביגע, פון וועמעם בלוט עס שרייט ארויס: „מיר זיינען שטארק און איינזאם־פריי, און ווייט פון אלץ און אייביג גרויס — דרעהען זיך און ווארפען זיך ווי זיי אין זעלבען קאראהאד, און פאלען אום ווי זיי, און שטעהען אויף, און טאנצען נאכאמאל — און איבער אלץ צוזאמען דונערט ווילד דאס ליעד פון שטיין און שטאהל—" און ריעזיגע וואלקענס רויך כוואליען זיך איבער'ן הימעל און מאכען שווארץ די זון... און אויף דער ערד רויען זיך מענשען ווי ווערעם — ארום „פושקארטס", הויזען, דאמען־קליידער, אלטווארג און צייטונגען. און יעדער איינער וויל אריבערשרייען אלע. און אלע אין איינעם מאכען משוגע'נע ווילדע קולות. קולות, וועלכע רייסען זיך אריין אין דער נשמה און פערשטיקען איהר און פערווארפען איהר, ווי אז אונגליקליכע פערשטיקט איהר אייגען לעבעדיג קינד אין א מיסט־פעסעל. און אלץ ווערט דא אזוי רויה, ביליג, פערהאקט און פערטעמפט, אז:

„ווען א לייב זאל דא פערבלאנדזשען, וואלט ער וואהנזיניג געווארען וואלט ער זיך אליין צוריסען..."

(פון „דע־לא־העסטער").

אויף אזא איילענדיגען, טומעלדיג וואהנזיניגען יריד, וועמען קען מען הערען? דעם גאסען־פויקער. זינגט דער גאסען־פויקער:

„אט אזוי — זיך דורכגעריסען,
דורכגעריסען, דורכגעביסען.
טאנץ ווי לאנג עס טאנצט זיך נאך,
נאך א יאהר, און נאך א וואך,
נאך א שעה! קראנק און גראה —
ווער וועט ווען ארט עס? — הא־הא־הא!
הונד און שלעפער, לומפ און ווינד
טאנץ איך הפקר דורך דער פרעמד,
האב איך ניט קיין ראק קיין העמד!
האב איך ניט קיין ווייב קיין קינד!
פויק איך, אז די פויק זאל פלאצען,
און איך דזשינדזשע אין די טאצען,
און איך דרעה זיך רונד־ארום:
דזשין־דזשין, בום־בום־בום!
דזשין, דזשין, בום!"

ווער איז דער גאסען־פויקער?

דאס איז דער פאעט אליין, וואס פויקט אוים דעם כאאס פון דער גאס. האלפערן אליין. ער זאגט אין זיין „דע־לא־העסטער":
„זעה: א ריעז איז ווילד געווארען, טאנצט ער א פאיאצען־טענצעל—".

דאס איז ער אליין דער ווילדער ריעז, וואס קאוועט אוים דעם גרילץ פון דער היינטיגער שטאדט, דעם ווילדען אימפעט פון דעם היינטיגען יאנ־און־כאפ לעבען. דער וואהנזיניגער פאיאצא, וואס האט זיך פאר ווערהטאג פערשטעלט פאר א גאסען־פויקער און קלאפט אוים זיין פערביטערט הארץ אויף דער פויק — פאר טויבע הענדלער... און ער זינגט און ער טאנצט — און ווילד איז דער טאנץ.

שטעלט זיך נאך אמאל אב אויף דעם ליעד:

פרובט אבטיילען פארם פון אינהאלט, וועט איהר בשום אופן ניט קענען. די פארם איז דא אריינגעזונגען אין אינהאלט און דער אינהאלט אין פארם. דאס איז די העכסטע מדרגה פון געזאנג. פאלקאמסטע הארמאניע צווישען פארם און אינהאלט.

אינהאלט קלינגט. קלאנג איז אינהאלט.
און דאס ליעד איז וואונדערליך!...

סארקאזם.

האלפערן האט זיך ניט בעפרייט פון דער וועלט. ער ראנגעלט זיך מיט איהר, האט איהר פיינט, אבער ער קען פון איהר ניט אוועקגעהן. ער קריצט אויף איהר מיט די צייהן, אבער ער קען זיך ניט בעפרייען פון איהרע נעצען. אזוי ווי ווילדע גראזען לאזט זי אריין איהרע ווארצלען אין זיין ליעד. זי רעאגירט אויף איהם, ניט ער אויף איהר. ער צוקריעגט זיך מיט איהר ווי מיט א געליעבטע— באלד זיך איבערצובעטען... ער האט זיך נאך ניט דערהויבען איבער איהר. ער האט זיך נאך ניט געשאפען זיין מוסטער... ער שטעהט בלויז און קוקט אויף איהר מיט בייזע אויגען. דערפון קומט זיין סארקאזם. דער האס פון וועלען ליעבען און ניט קענען. און בלייבענדיג אונמעכטיג ווערט ער סאטיריש.

איך פערזענליך האלט ניט פיעל פון סאטירע. איבערהויפט פון יענע, וואס פאלט אריין אין חוזק; וואס קומט פון ענגען כעס, פון שוואכקייט. דער אמת'ער שטארקער איז ניט סאטיריש. דאס ער־קלערט אפשר פאר וואס מיר אידען האבען ארויסגעגעבען פיעל סאטיריקער. אונזער סאטירע דערמאנט מיך אלעמאל אן שוואכע קליינע מענשעלעך מיט גרויסע הויקערס... חוזק מאכעריי איז אויך ניט קלוג. דער אמת'ער חכם שפעט ניט פון זאכען נאר בעפרייט זיך פון זיי... דער סאטיריקער איז פערבלענדט. ער זעהט ניט דאס לעבען אין דער טיעף. ער ווייסט ניט דעם סוד פון נאהענטקייט צווישען לעבען און טויט...

דער וואס האט דערפיהלט דאס געהיימניש פון לעבען און דערזעהן דעם טויט לויפען פאראויס — דער קען שוין ניט זיין בייז און שרייען. קען מעהר ניט בעשולדיגען. נאר בעדויערען, און שטיל מיטליידען מיט'ן אונפערשטענדליכען טראגישען לעבען, וואס איז אזוי מיסטעריעז צונויפגעשפינט מיט'ן טויט... ער וועט זוכען צו טרייסטען זיך און אנדערע....

פאר וואס נאר קוקען פון אויבען, זיך איינרעדען, אז נאר אנדערע זיינען שוואכע, פערדארבענע — פאר וואס ניט קוקען אין דער טיעף, אין זיך, און זעהן ווי שוואך, קאפריזנע און אונ־בעהאלפען מיר זיינען?

סאטירע איז אין גרונד אונגערעכט, ווייל זי איז געבויט אויף

ניט קענען זיך אליין — איז פרעטענציעז.

פונדעסטוועגען קען זיך סאטירע אמאל דערהויבן צו גרויסעס. און דאס איז דעמאלט, ווען זי דערגעהט צו סארקאזם, טראַגיזם, אזוי ווי ביי די נביאים. און האלפערן דערהויבט זיך ניט זעלטען צו סארקאזם אויך. און דעמאלט דערזעהט ער אויך זיך אליין מיט אלע זיינע מענשליכע שוואכקייטען. ער דערגעהט אזוי ווייט, אז ער דערזעהט אויך זיך אליין א קליין מענשעלע, א מיסטעריעז קארליקעל, וואס ניט עס לעבט, און ניט עס קען שטארבען:

„וואס טהוט אזא מענשעלע איינער אליין?
עס שפיעלט זיך מיט פייער, מיט בלוט און געוויין.

אין בלוט ביז'ן העלזעל, דאס קעפעלע ברענט.
נו, שטרעקט עס די הענטלאך, און קלאגט אהן אן ענד.

צו וואס אזא שפיעלכעל? צו וואס אזוי טהון?
א מענשעלע האט זיך פערגניגען דערפון—".

פאר זיינע אויגען שוועבט א גרויס געשטאלט, דערפאר קען ער ניט קוקען אויף דעם קליינעם מענשעלע, וואס פערוואנדעלט זיך אלעמאל אין אן אנדער בריאה'לע: אט א פרעדיגער, און אט א הענדלער. — אט ווי א נביא און אט ווי א כישוף־מאכער, וואס שפיעלט זיך מיט שלאנגען. און וויל ער זיך בעפרייען פון דעם קליינעם מאנסטערעל, כאפט ער זיין קאפ און האקט מיט איהם אן א שטיינערדיגער וואנד, רינט דאס בלוט פון זיין אייגענעם קאפ... בלייבט ער אין אייביגען קלעם. דערפון זיין צארן צו זיך אליין און אפילו צו זיין שעהנסטען טרוים... און עס פלאמט ארויס דער סארקאזם. און ד ע ר סארקאזם איז שוין ניט קיין חוזק, קיין בילינגע סאטירע, נאר ער האקט מיט א גרויסע האק, גאנצע שטיקער פון די אלטע פערפוילטע דעמבעס... ער ווערט אמת'דיג שטארק, און מיט דער שטארקייט בלייבענדיג דאך אונמעכטיג,— צוברעכט ער פאר כעס, אלע ביז־איצטיגע הייליגקייטען. ער צוטרעט מיט די פיס אלע ביז איצט גלאריפיצירטע גלויבענס און אידעאלען:

„היים דיר ברינגען א פאהן נאך א פאהן,
און פלעכט פון זיי אלע א שטריק דיר צונויף."

— — — — — — — — — — — — — — —

משיח-טרוים...

צווייערליי געפיהלען ציטערען ביי האלפערן. פון איין זייט איז ער בעגייסטערט פון דער ליכטיגער משיח־אידעע, פאר וועלכער זיינע זיידעס און עלטער־זיידעס האבען דורות געליטען, ביז זיי האבען זי אנגעצינדען. פון דער צווייטער זייט ברענט אין איהם דאס פייער פון האס קעגען דעם בייזען מזל, וואס האט געפיהרט, אז מיר אידען, זאלען בעצאהלען מיט אזוי פיעל פיין, פאר דער גרויסער אידעע. די אידעע, וואס איז קעגען דעם מ ע נ ש ל י כ ע ן ל ע־ ב ע ן, וואס האט דאס לעבען פעררואטען, און אפילו געגען דער בלינדער מיסטעריעזער קראפט, וואס האט בעשאפען אט די טראַגישע וועלט.

אבער ווען עס קומען טעג פון פערצווייפלענדער אונמעכטיגקייט, ווען אלע טויערען פון האפנונג זיינען פערשפארט, דערזעהט ער דאך אן איינציגען טרייסט אין יענער גרויסער הייליגער וויזיאן. — וואס וועט סוף כל סוף די וועלט ערלייזען! ער דערזעהט זיך דאן אליין אלס משיח אין טרוים:

זעה איך טרוימענדיגערהייט
רייטען זיך אין ווייסען קלייד,
האב איך ניט קיין קרוין, קיין שווערד,
רייט איך אויף א ווייסען פערד."

אויך ביי האלפערן ענטפלעקט זיך דער איד, דער טרוימער, דער אייביגער גייסט־עקשן, וואס פערלירט קיינמאל ניט זיין האפענונג. עס וואכט אין איהם אויף א וויזיאן פון א ניי בעשאפען לעבען. און ווי ליכטיג עס שיינט ארוים די זעהונג אין מיטען פון דעם וויסטען פינסטערען קאשמאר. עס טרוימט זיך איהם, אז ער גיט א רוף:

„הויבען אן צוגעהן, צו זעהן,
ווער ס'איז בלינד און קרום געווען:
הערט מיין רוף דער בייזער טויט
שפרינגט ער איבער צוים און פלויט —
שפרינגט ער איבער בוים און הויז —
לויפט ער פון דער וועלט ארויס".

עס קומען צייטען, ווען ניט בלויז דער דיכטער, נאָר יעדער מענש דערפיהלט די ליידען פון דער וועלט. ווי איינער זאָל זיך ניט וועלען אבריייסען פון אלע און זיך פערשליסען אין זיין אייגענעם ווינקעל, בלייבט ער דאָך א געפאנגענער צווישען געפאנגענע. און די וועלט־ליידען שטעכען דורך, ווי אונזעהבארע שפיזען, אפילו דעם אויסבעהאלטענעם, זייטיגען ווינקעל־מענש.

מען קומט ניט ארויס פון א שטיין. א מענש איז אן אקומו־לאציע פון דורות. אין איין מענשען לעבען טויזענטער מענשען. אין אונז ציטערען נאָך די שרעקען וואָס אונזערע עלטערען און אורעלטערען האָבען דורכגעליטען. און פונקט אזוי ווי עס ציטערען אין אונז זייערע ליידען, אזוי בענקט אין אונז אויך יענער גרויסער טרוים, וועלכען זיי האָבען געוואָלט פערווירקליכען. עס איז ניט קיין לעגענדע. ניט נאָר יענער הייליגער דור, נאָר מיר אלע האָבען געהערט גאָט'ס שטימע אויפ'ן בארג סיני. מיר קענען זיין וואָרט ניט פערגעסען. ס'איז אונזער נשמה... מיר טראָגען זיך מיט גאָט'ס וואָרט לאנד איין לאנד אויס. ס'איז דארום נאַטירליך, אז אין די מינוטען פון זיינע שעהנע טרוימען, זאָל זיך דער דיכטער דערזעהן אלס משיח. ניט נאָר דער דיכטער זעהט דאָס, נאָר אויך מיר אלע. אבער מיר איילען זיך — און פערגעסען... און די זעהונג פער־געהט ווי א חלום. אבער דער דיכטער געדענקט זיין זעהונג און מאכט אונז אויך זעהן...

*

פאר וואָס וויל די וועלט ניט אננעהמען אונזער טויזענטיעה־ריגען טרוים, און איהם מאכען פאר א ווירקליכקייט?

ווייל די וועלט האָט איהרע אייגענע געזעצען פון לעבען. און מיר מיט אונזער טרוים, זיינען געגען איהר גאנצער פיהרונג. ווייל די וועלט וויל קאמפף און פערניכטונג — מיר ווילען רוה און איי־ביגקייט... דערפאר האָט זי אונז פיינט. זי האָט אונז פיינט, ווייל מיר ווילען אויפהויבען די ערד צום הימעל... — ארויסיאָגען דעם טויט פון דער וועלט... זי האָט אונז פיינט, ווייל מיר זיינען איהר בייז געוויסען... מיר האָבען איהר געגעבען א נביא, האָט זי איהם געקרייציגט און נאָכ'ן ט ו י ט איהם געמאכט פאר א גאָט! דער טייוועלישסטער פאראדאקס אין דער געשיכטע! א גאָט האָ־בען מיר דער וועלט געגעבען, האָט זי איהם ניט געקענט נעהמען

א לעבעדיגעז. אלס טויטעז האט זי זיך ערשט געקענט מיט איהם בעפוצעז...

עס איז קיין וואונדער, וואס אפילו די טויטע, פערשעלטעז פון די קברים ארוים זייער אייגענעם משיח־טרוים — אוים נקמה צו דער וועלט:

„אויף אייביג פערוויסט זאל פערבלייבעז די ערד
וואו דו האסט געשפונעז דיין טרוים
זאל הענגעז דארט — אהן א פארוואס, אלע נאכט
אן אנדערער אונטער דיין בוים.

און שטרעקסטו דיין האנד, א פערבענקטער אהין
נעלעמט זאל דיר ווערעז דיין האנד,
דערשטיקט זאלסטו ווערעז אין מיטען פון ווארט,
ווען דו וועסט דערמאנעז דאס לאנד.

און שטארבענדיג זאלסטו ארומוואגלעז אויך,
און קיינמאל געשטארבעז ניט זיין,
דערפאר וואס דו שלעפסט מיט דיין קעניגס־טרוים אונז
אהן אויפהער, לאנד אוים און לאנד איין.—“

אזוי שעלטעז ביי האלפערן׳עז די טויטע, וואס האבעז קיינ־מאל ניט געלעבט... (אין זיין פאעמא „א נאכט“).

אבער מיר, די לעבעדיגע, די אייביג פער׳עקשנ׳טע, דארפעז אונזער טרוים־עקשנות ביז אין דער לעצטער אייביגקייט אהינ־צווינגעז — מיט זיך, דורך זיך...

מיר דארפעז ארונטערוואַרפעז די קרומע מאסקעז, וואס די „גוט־איינגעשטעלטע“ פארמעז פון לעבעז, האבעז אויף אונז אנגע־טהאז...

מיר דארפעז זיך אויפהערעז שפיעלעז און ווערגעז מיט פרעמ־דע ליגענס... אויפהערעז זיך וויקלעז אין פרעמדע פאהנעז, ווי בעטלערס אין געשענקטע טראנטעס...

צוריק צום משיח־טרוים!
ווייל סוף כל סוף וועט פארט זיעגעז,
דאס נישט־מעגליכע —
דאס געטרוימטע...

בלינדע נבואה....

אַז דער געפיהל פון וועלט־ענטוישונג, אונמעבכטיגקייט, און פּראָטעסט, ווערט אויף אַ פּערצווייפעלטען אופן איבערגעגעבען אין „אַ נאַכט“. די פּאַעמא האָט חסרונות. ליידט פון די זעלבע סאַטירישע אומגעלומפּערטקייט. דאָ און דאָרט, ווי אַ טהייל פון זיינע אנדערע ליעדער. אבער ווי פיעל חסרונות עס זאָלען דאָרט ניט זיין, קען מען אבער ניט אוועקנעהמען, אז דאָס איז די גרעסטע פּאַעמא, וואָס איז געשאַפען געוואָרען אין דער לעצטער צייט. עס איז עפּעס דאָ אין דער פּאַעמא אזוינס, וואָס שטעלט אייך אָב. מען ווייסט ניט וואָס, צי שרעק, צי ווילדקייט, צי וואהנזין; אָבער מען דערפיהלט אַ שטאַרקע קראַפט. מען ווערט צוטומעלט און מען קען ניט געהן ווייטער... זי פאַלט ווי אַ שווערער שטיין אויפ'ן קאָפּ.

ווען די פּאַעמא איז געוואָרען אבגעדרוקט, האָבען אייניגע גראָבלער גענומען אונטערגראָבען דעם ווערטה פון איהר. זיך בלויז אָבגעשטעלט אויף די חסרונות. נאָר אלגין האָט זיך ניט געלאָזט פערפיהרען פון פאראורטייל און דערשנאַפּט דעם ווערטה פון דעם ווערק. אלגין האָט רעכט, ווען ער שרייבט:

„זיי זיינען ניט „שעהן“ — אַז די האלפּערנ'ס ליעדער. אבער למען השם ווענדעט ניט אָן צו אזוינע ליעדער די מאָס פון אנגע־נומענער „שעהנקייט“. זיי זיינען פול מיט דעקלאַמאציע אַז די ליעדער — אבער פּרופט, זייט „נאַטירליך“ און „איינפאַך“, ווען איהר רעדט פון אזוינע זאַכען. דאָס האָט אפילו ביאַליק ניט גע־נעקענט — און דאָס קען ניט קיינער. דער עיקר איז, וואָס אין די ליעדער איז דאָ די נשמה פון אַ מענשען. און זיי שטעקען אייך אָן מיט זייער ריח, און ס'ווערט אייך אויף אַ ווייל̇ע נמאָס אייער לע־בען. און דאָס איז דער ציעל. אין דעריין איז זייער ווערט. און איהר וועט זיי ניט פערגעסען.

משוגע'נע ליעדער. יאָ. ווילדע בילדער. אומגעלומפּערטע גע־שטאַלטען. היץ־פאַנטאַסמאַגאַריען. און אזוי דאַרף זיין. און אזוי האָט קיינער ביז אהער ניט געשריבען.

אַז דער געשריי וועט אייך פערפאַלגען, וואו איהר געהט און שטעהט. אַז דאָס איז די מוזיק פון אלע ליעדער: האלאלא, האלי, האלי! — דער משוגענער געשריי פון אַ משוגע'נער וועלט — האלאלא, האלי!“

א דיכטער ווערט אונז פיעל מאל נאָהענט, ניט בלויז מיט זיין גרויס וואָרט, נאָר אויך מיט זיין ראַנגלען זיך מיט דעם ניט ווי־סען; מיט זיין ז ו כ ע ן א וועג ארויס פון דער נאכט. מיט זיין גרויסען ווילען זיך צו בעפרייען פון דעם בלוטיגען קאשמאר. און ער איז אונז נאָהענט אפילו דאן, ווען ער בלייבט אזוי אונבעהאָל־פען ווי מיר.

האַלפּערן האָט אין זיין פּאָעמא „א נאכט״, אליין ניט גע־וואוסט וואָס ער וויל. ער האָט דערפיהלט, אז מען האָט איהם אריינגעשטאָכען שפּיזען אין דער ברוסט. ער האָט דערזעהן דעם גאנצען וויר־וואַר פון דער וועלט, אבער ער האָט ניט געפונען קיין איינציגע טהיר ארויס. איז ער געבליבען א זיך ראַנגלענדער אין דער פינסטערניש, אזוי ווי מיר אלע:

„אין פרעמדען הויז —אין האַלבער נאכט —
האָט אָנגעצונדען זיך דאָס הויז,
האָב איך געזוכט א וועג ארויס,
איז יעדע טיר געווען פערמאַכט.
האָב איך ווי א צוהאַקטע שלאַנג
געוואָרפען זיך, אהין — צוריק,
און אויפגעשפּרונגען בלוטענדיג,
און אומגעלאָפען גסיסה־קראַנק.״

די וועלט האָט דאָך אזוי פיעל טהירען, — און צו ענטלויפען פון אומגליק איז ניטאָ קיין איינע... בלויז די וואָס זוכען ניט, מיינען, אז זיי האָבען שוין געפונען... האַלפּערן זוכט. אבער ער האָט נאָך ניט געפונען. ער איז מיט אונז אין איינעם אין קלעם. אבער ער רייסט זיך מיט אלע כחות צו בעפרייאונג. ער האָט דער־פיהלט דעם נעץ, וואָס האָט איהם פערפּלאָנטערט אין זיך, און בייסט די רינגען זיך ארויסצורייסען. ער האָט צוריסען אלע פּאָה־נען־שטריק, מיט וועלכע מען האָט איהם געפּענטעט. זיין גאנצען כעס גיסט ער אויס אויף יענע לייט, וואָס לויפען ארום מיט פּאָה־נען איבער דער וועלט:

„איז אָנגעלאָפען אין די הענד
מיט ליכט און פּאָהנען פון דער ווייט,
אנטקעגען מיר א מחנה לייט —
האָב איך שוין קלאָגען ניט געקענט.״

דער פערוועהטאגטער שפּאַט געגען פאַהנען, געהט דורך אין דער גאַנצער פּאָעמע:

„וואַס וויקעלסטו ווי מיט א ווייב

מיט פאַהנען־שמאַטעס זיך דאַס לייב.“

וואַס איז א פאַהן?

אונטער יעדען פאַהן שטעהט א הערשער, א טיראַן.

א פאַהן שטעלט מען העכער איבער אלע קעפּ — ארויפצוקר־קען און בלייבען נידעריגער... אבער ווי שוין געזאָגט, איז ביי האלפּערן קיין זאך ניט העכער פאַר דעם מענשען. דער מענש איז, און מוז זיין דאָס העכסטע אין לעבען — און קיין זאך טאָר איהם ניט ערנידעריגען...

פאַהנען? פּלאַטערען מיט׳ן ווינד, זיינען נייע, ווערען אלט — און פערגעהען...

דער מענש דאַרף זיין צוגעבונדען צו דער אייביגקייט...

יעדער פאַהן איז א דרויסענדיגער סימבאָל. און אלעס וואָס איז דרויסענדיג, ווערט סוף כל סוף פערפוילט.

די אינערליכע הייליגקייט דאַרף ניט קיין סימבאָל, זי איז אונענדליך.

לעבענספערגיפטער זיינען די, וועלכע פּרעדיגען אויפאָפּפע־רונג פאַר אויסערליכע סימבאָלען! דערפאַר וואָס מיר לאָזען זיך פיהרען פון דרויסענדיגקייטען, האָט מען אונז פערפיהרט אין א נאַכט. א נאַכט, וואָס האָט די גרעסטע שטערען בלינד געמאַכט... ס׳איז אויפגעגאַנגען א שווארצע זון און די בלינדע מיינען, אז זי וועט פאַר זיי לייכטען. אבער די שווארצע שטראַהלען מאַכען וואָס א טאָג מעהר אויגען בלינד... און אפילו די וואָס האָבען אמאָל ליכ־טיגער געזעהן ווי אלע, האָבען אויך גענומען בלאָנדזשען. און אליין פערבלאָנדזשעטע מיינען זיי, אז זיי האָבען געפונען נייע וועגען, וועט זיי פיהרען אונז אריין אין נייע גריבער... נאָר צווישען אלע פערפינסטערטער, פערבלאָנדזשערטע הערט זיך א געשריי:

„א—האי, אהא — — — “

ווער רופט אזוי? וואָס פאַר א געשריי טראָגט זיך דורך דער נאַכט, ווי אן עכא ברייט און ווייט?

„אה־אי, אהא — — —

איז דאָס דער געשריי פון ווילדקייט, פון מורא׳דיגקייט, פון

פערצווייפלונג? פון משוגעת? אדער פון די פערבלאנדזשעטע אין דער נאכט?

ניין. דער „א־האי, אהא“ איז דער געשריי פון די איינציגע, וואס זיינען געבליבען זעהענדיג. דאס איז זייער האס־געשריי געגען דער בלינדער נאכט!

און ווער איז דער מענש, וואס לויפט פון בארג און א רייטער־פאלק נאך איהם?

ד א ס א י ז ד ע ר מ ע נ ש, ו ו א ס ו ו י ל א נ ט ל ו י פ ע ן פ ו ן ד ע ר ו ו ע ל ט! פון די מענשען, פון דעם „רייטער־פאלק מיט בייטשען אין דער הויך“. ער וויל אנטלויפען ווייל:

„האב איך נאך הילף גערופען הויך —
האט קיינער ניט מיין רוף געהערט,
און שוין האט אונטער מיר פון דר'ערד
ארויסגעזעצט א וואלקען רויך.“

דער וואלקען־רויך, דאס שווארצע פייער, וואס פרעסט לענ־דער אויף, האט ארומגעכאפט די ערד און פערשטיקט יעדען געשריי, יעדען רוף. ווי קען די וועלט דערהערען דעם געשריי פון די איינציגע זעהענדיגע? אז זי איז פערנומען מיט פ א ה נ ע ן, מ י ט ל י ג ע נ ס, מ י ט ז י ע ג ע ן א ו ן מ י ט א י ה ר ב ל ו ט י ג ע ן ש ד י ם ־ ש פ י ע ל. אויערען זיינען טויב געווארען, און אויגען זיינען בלינד געווארען. דער ווילען פאר'ן לעבען איז קראנק און דער געוויסען האט זיך ארויסגע'גנב'עט דורך א הינטער־טיהר. דער טויט האט גענומען די אויבערהאנד איבער'ן לעבען און רייצט און ווינקט מיט די אויגען ווי א גאסען־פרוי: קוממ אלע צו מיר. איך האב א סך גריבער פאר אייך, א סך קברים פאר אלע... איהר מעגט זיי אליין גראבען פאר זיך. קוממ איך וועל אייך אלע אין זיי בעהאלטען. אייך וועט זיין גוט, זעהר גוט — איהר וועט האבען א זיעג... א גרויסען זיעג — און דערנאך פריעדען... — אייביגען, אייביגען פריעדען אין די קברים... — —

און די וועלט־פיהרער?

א, זיי האבען זיך פערנומען מיט הייליגע ארבייט. גענומען זוכען אלץ נייערע „פעהנער“, מיט וואס בעסער צו קענען פער־שטעלען די אויגען...

און די מענשהייטס־דערלייזער?

זיי האָבען אויך צוגעשאָקעלט מיט די קעפּ: ס׳וועט שוין אַלץ זיין גוט, — גיט אונז נאָר נייע פעהנער. ג ו ט ע פ ע ה נ ע ר מיט פאַרבען וואָס זאָלען בלינדען, פערבלענדען און בלינד מאַכען. — — —

אַזוי אַרבייט די ב ל י נ ד ע ג ע נ י א ל י ט ע ט פון דער וועלט־געמיינהייט דור איין דור אויס — אייביג. — —

נישט קיין וואונדער, אז דער דיכטער האָט דערפיהלט אַן עקעל צו דער גאַנצער פ ע ר ש אַ ל ט ע נ ע ר ק אָ מ ע ד י ע, צו דעם מין מענש, און אפילו צו זיך אליין. ווייל ער איז אויך איינער פון דעם מין... פון דעם מענשעלע:

„וואָס בראַט זיך אין פייער, און בראָט זיך ניט אָפּ.
עס טרינקט זיך אין בלוט, און עס זינקט ניט אַראָפּ“.

דערפאַר האָט ער ניט געקענט רוהיג זיננען. נאָר טאַנצען ווילד און שפּעטען. טאַנצען פאַר וועהטאָג, פאַר כעס, פאַר עקעל, פאַר וואהנזין, א קאַשמאַר — א נאַכט־טאַנץ.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

די טאָפּעלטע פערשאַלטענקייט איז, וואָס דער אייביגער טויט־שפּיעל ווערט גראַד געפיהרט פון וויסענשאַפטס־מענשען, פילאָזאָפען און דיכטער. זיי, וואָס האָבען בעדאַרפט זיין די אייביגע בעשיצער פון לעבען, זיי זיינען דוקא די מלחמה־שדים, וואָס פערשווענדען ז י י ע ר ז ש ע נ י ע פ אַ ר ׳ ן מ ל א ך ־ ה מ ו ת.

טראַכט איך פון דעם, רייסען זיך קללות פון מיין בלוט.

זיי, וואָס האָבען בעדאַרפען פאַרויסגעהן דעם לעבען מיט דעם אייביגען עמוד־האש, זיי אליין גראָבען די פינסטערע קברים פאַר מיליאָנען לעבענס, אויף דעם גרויסען בית־עולם, וואָס זיי האָבען פון דער שעהנער גוטער ערד געמאַכט, און זיי זוכען אַלע מאָל מעהר מענשען־פלייש פאַר די גרויסע מיילער פון זייערע „אידעאַלען“... וועה איז צו די לעבעדיגע, אַז א דיכטער ווי מעטערלינג, דאַרף איצט טרייסטען מיט׳ן טויט. פערשאָלטענע זאָלען זיין די וועלט־פיהרער, וואָס האָבען איינגערעדט די „אונשולדיגע“, אַז פעהנער זיינען העכער ווי דאָס לעבען! אַז פאַר א פעהנדעל דאַרפען מיר אויסבייטען אונזער לעבען — אויף א קבר! דערמיט וועלען מיר זיין העלדען... הייליגע — —

ס'איז א ליגען! א פיעל־טויזענד־יעהריגער ליגען!

נאָר יענע העלדישקייט איז בערעכטיגט, וועלכע פיהרט צום לעבען! ווייל עס גיבט ניט קיין העכערעס און הייליגערעס ווי דאָס לעבען. דאָס לעבען פון יעדען איינציגען מענשען.

ווי עגאָאיסטיש געמיין זיינען די אזוי גערופענע „אידעאַליס־טען", וואָס ווילען בויען דעם „פּראָגרעס" אויף די טויטע ביינער פון זייערע מענשען־ברידער!

עס איז ניטאָ קיין זאַך אין דער וועלט, וואָס זאָל קענען בע־צאָהלען פאַר'ן טויט. די העלדישקייט פון טויט איז דער ליגען פון דורות, וואָס האָט בערויבט דאָס לעבען. די אייגגערעדטע העלדיש־קייט אוועקצוגעבען זיך פאַר פעהנדלאַך, איז די גרעסטע זינד פון דער מענשהייט אנטקעגען דעם מענשען. אנטקעגען דעם גאַנצען לעבען. — די זינד אנט־קעגען אוניווערזום!

: : :

ס'איז געווען א צייט, ווען דער מענש איז געווען פערבלענדט פון אן אויסגעטראַכטען פאַלשען גאָט, און ניט געזעהן די וועלט. איצט איז דער מענש פערבלענדט פון דער פאַלשער וועלט און זעהט ניט זיך — דאָס לעבען...

און פונקט אזוי ווי דער מענש האָט זיך בעפרייט פון זיין פאַל־שען גאָט, אזוי דאַרף ער זיך בעפרייען פון דער הייגטיגער וועלט. דאַן וועט ער קענען דערגעהן צו זיך — צום לעבען.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איז האַלפערן שוין דערגאַנגען?

ניין. ער איז געבליבען אין איינעם מיט דער וועלט אין קלעם צווישען שטיין און אייזען... זיין משיח־טרוים איז דער טרוים פון א בלינדען, וואָס רייסט זיינע אויגען אין פערצווייפלונג צום הי־מעל. אלץ וואָס ער האָט אונז דערוויל געקענט ווייזען, איז א בליץ אין דער נאַכט — א נבואה אין דער נאַכט. ניט קיין קלאָהרע — א בלינדע נבואה... — — — — — — — — — — — — — — —

„אהאַי! אהאַ! — — —"

ה. לייוויק

אויף זיך אליין
פערדריקסט די ציהן, —
בעפריי זיך שוין
פון זיך אליין....
און טאָג וועט זיין,
און זונען־שיין...“

אין דער פינסטערניש, איינגעשלאָסען אין זיך, מיט פערבי־סענע ליפען אויף זיך אליין, לעבט ה. לייוויק דער דיכטער.

אויף זיך אליין פערקריצט ער די ציהן, גיט א קוק אויף זיך אליין אין זיין אייגענעם שפיגעל און קעהרט זיך אב מיט פעראכ־טונג.

נאָר מיט אמאָל פון דעם זעלבינען שפיגעל טהוט א בלענד פאר זיינע אויגען א ווייסע האנד: אן אָנזאָג פון קומענדען טאָג, פון זונענשיין...

: : :

ה. לייוויק איז נאָך גאָר א יונגער דיכטער, אבער אין איהם ווייזען זיך שוין בולט ארויס פיעלע מעלות: איינפאכקייט פון שפראך, קאָנצענטרירקייט פון געפיהל און פארם און, מעהר פון אלץ, געטרייקייט צו זיך. דאס איז ביי איהם קיין אנשויאונג, נאָר זיין כאראקטער, ער אליין.

אט די לעצטע אייגענשאפט פון זיין נאטור איז דער סוד פון זיין שאפען. זייענדיג געטריי צו זיך האָט ער ניט געשריבען קיין ליעדער, נאָר ווערטער פון הארץ צו הארץ.

ער איז געוואָרען דער דיכטער פון דעם א י ן ז י ך איינ־געשלאָסענעם מענשען.

לעזט מען לייוויק'ן פיהלט מען אז די וועלט איז א גרויס גע־פענגעניש און מיר זיינען די געפאנגענע.

פון וואנען איז צו לייוויק'ן געקומען אזא לעבענס־עמפינדונג?

אן אויבענאויפיגער קריטיקער האָט שוין געזאָגט: ווייל ער איז געזעסען „פערשפארט אין קאמער פון דער סיבירער טורמע“.

ניט אמת. ווייל לייוויק איז נאָך אלס קינד געווען געפאנגען. פערשלאָסען — אין זיך... ער האָט אפילו וועניג גערעדט מיט זיי־נע עלטערען. זיין פאטער האָט איהם גערופען „מורלא“ (אן אָנגע־כמורעטער שווייגער) און איז געווען זעהר שטרענג צו איהם.

זיכער איז אויטאביאגראפיש:

„זיצט ביים טיש דער בייזער טאטע.
דורך די שויבן
קריכט א ווינט און לעשט דאס לעמפעל
און דאס לעמפעל ווערט פארלאשן.
איך שלאף אויך ניט,
איך, דער שטילסטער פון די קינדער.
אויף מיין פנים
פיהל איך נאך דעם טאטענס פינגער,
ווייז איך שטיל פאר זיך אין קישן...

— — — — — — — — — — — — —

איינגעבויגן
זיצט נאך אלץ דער בייזער טאטע,
הערט קיין זאך ניט...
זאג איך: טאטע, איך וועל שטארבן,
מעהר וועסטו שוין מיך ניט שלאגן!..."

ניט דאס געפענגעניש, נאר די צושטרענגע ערציהונג האט געמאכט פיהלן דעם יונגן לייוויק'ן אז דאס לעבן איז א דראַמטענע נעץ, וואו מען איז פעראורטהיילט זיך צו ראנגלען ביז'ן לעצטען אטהעם. שוין אלס קינד האט ער ניט איינמאל פערקריצט מיט די צייהן און פערשרויפט דעם וועהטאג אין זיך. פאר וועמען זיך צו פערטרויען האט ער ניט געהאט, און פערשטענדיג איז ער שוין געווען, האט ער געלעבט מיט זיך אין זיך.

לייוויק איז אויך אזוי ווי ראלניק געבוירען און אויפגעוואקסען אין דער ליטע אין א קליין שטעדטעל, וואו דאס לעבן איז גרוי און ארעם. „ארעם איז פעלדער און בלומען" און — „מיט לאנגווייליגע רייך".

אין אזא סביבה זוכט דער מענש זיין היים אין זיך גופא, דערפאר איז לייוויק אויסגעוואקסען אזא א י ד ־ ג ר י ב ל ע ר. ווייל דער אופן ווי אזוי מען לעבט אין די יונגע יאהרען שפיעלט א גרויסע ראלע אין דעם מענשענס מזל. די ערשטע איינדרוקען שטעמפלען זיך זעהר שטארק אב אויפ'ן כאראקטער, און האבען א גרויסען איינפלוס אויף דעם גאנצען ווייטערדיגען לעבען.

יענער קאלטער שטילער לעבען, די איינזאמע פערשוויגענ־קייט פון דער ליטא וועהט נאך איצט ארום דער געשטאלט פון לייוויק'ן.

לייוויק בענעהמט זיך שטיל. ער רעדט שטיל. אבער מיט א ליטערער שטימע. ער קען שארף אויסדריקען זיינע געדאנקען אין א געשפרעך. ער האט ליעב צו רעדען קורץ מיט אויסגעקליבענע ווערטער. אז ער רעדט בעטאנט ער זיינע געדאנקען מיט פעסטקייט. אבער ער קען אויך זעהר א סך שווייגען. ער האט ניט ליעב די צו נאהענטקייט פון מענשען. איהם איז שווער צו ווערען אינטים. ער קען זיך ניט צונויפגיסען. מען דערקענט אין א געזעלשאפט, אז ער איז אן אנדערער. פיעל מאל האט ער פערדרום דערפון וואס ער קען ניט זיין צוגעלאזען, אבער טהיילמאל טרעפט, אז ער ווערט ווארעם און צוגעלאזען. איהר דערהערט פון איהם א הארציגען גע־לעכטער. איהר דערפיהלט זיך מיט איהם לייכט. אבער דאס קען ער נאר זיין מיט געצעהלטע, נאהענטע. מיט די מעהרסטע מענשען פיהלט ער זיך פרעמד און שעמעוודיג. ער פיהלט אלע מאל די וואנד וואס שטעהט צווישען מענש און מענש.

ער האט מיר איינמאל דערצעהלט: ווען ער איז געווען א ישיבה־בחור, פלעגט ער שטעהן ביי יענעם אין הויז שעה'ן לאנג, ניט געהן עסען, ביז מען האט איהם ניט געהייסען זיך וואשען. ער האט זיך איינמאל איינגעשניטען די האנד ביז צום ביין שניידענדיג ברויט, ווייל ער האט געמיינט אז מען קוקט אויף איהם. אזוי האט ער זיך געפיהלט אבגעזונדערט פון מענשען. שפעטער, אז ער איז נעקומען אין געפענגעניש, האט ער נאך שטארקער דערפיהלט די פרעמדקייט פון מענש צו מענש.

מען קען זיין פריינד, חברים, מאן און ווייב; אפילו געליעב־טע, אבער לעבען איינער אין צווייטען קען מען ניט:

„מיר זיינען נאהענט און דאך אליין,
ווי וועלטען צוויי בעזונדער,—"

און אן אייביגע גרעניץ צווישען די איינזאמע וועלטען. מענ־שען קענען קיינמאל ניט קומען אויף א גלייכען וועג איינער צום צווייטען. מיר געהן אלעמאל דורך הינטערוועגען... וואנט מען אמאל יא, ווערט מען ענטוישט. דערפאר מוז זיך יעדער ראנגלען אליין. אויב מען וויל שוין אמאל איינער דעם צווייטען העלפען, מען

שטרעקט אויס א האנד, שפרינגט דער אנדערער אב א טראט און מען קען שוין זיין האנד ניט דערגרייכען:

„שטילערהייט פאר זיך אליין
וויינט זיך עמיצער ביים וואנד, —
הערענדיג ווי איינער וויינט
שטרעק איך אויס צו איהם מיין האנד.

שפרינגט ער אב א טראט פון מיר,
וויל ניט אננעמען מיין האנד.
דער וואס וויינט פאר זיך אליין
האט איין חבר נור — די וואנד.“

לייוויק האט זיך ליעב צו פערטיעפען אין די אבגרונדען פון דעם מענשליכען איך. ער מאהלט ניט קיין לייב, ניט די דרויסיגע נאטור. אין אלע זיינע ליעדער דערמאנט ער ניט קיין פריהלינג, קיין בלומען. ער האט מיר איינמאל דערצעהלט: „לעזענדיג אין גע־פענגעניש ליעדער פון אלערליי דיכטער האב איך צו די ווערטער „בלומען“, „פריהלינג“, „זונענשטראהלען“, דערפיהלט א פיזישען עקעל“.

לייוויק'ן אינטערעסירט אין דער וועלט בלויז דער מענש און דאס ניט זעהבארע אינ'ם מענשען. די אביעקטיווע וועלט אינטערע־סירט איהם אויך אזוי פיעל, אויף וויפיעל זי דריקט אויס דאס סו־ביעקטיווע פון דעם מענשען. וויכטיג זיינען ביי איהם דעם מענ־שענס אינערליכע איבערלעבונגען. ער וויל זעהן וואס אינוועניג טהוט זיך... אין געפענגניש האט ער געקענט אריינקוקען אין א סך מענשען. דארט זיינען געווען נאקעטע נשמות. און ער האט געזעהן, אז יעדע נשמה איז איינגעשרויפט אין זיך אליין. און איינע וויים ניט די צווייטע. זיי קענען זיך קיינמאל ניט פעראייניגען.

דער מענש וויל אבער ארויס פון דער אבצאהמונג. ס'ווילט זיך זעהן וואס ס'טהוט זיך אויף יענער זייט. און דאס ניט קענען, דאס אייביגע אנקלאפען זיך אן די שטאהלענע וועגד, פיהרט איהם צו ברוטאלע קאלטקייט:

„ניטא מעהר קיין טרעהרען
און אויך קיין געלעכטער;
איז מאכטלאז דער גוטער,
אזוי אויך דער שלעכטער.“

אין די טיפעניש איז מען אויסער גוטס און בייז. די פון יאָהרען געשפּונענע טוגענד ווערט צוריסען ווי שפּינוועבס. עס הערשט בלויז די מורא פון איין מענש צום צווייטען. ניטאָ קיין מיטלייד. דער וואָס האָט שאַרפערע צייהן — בייסט...

ניטאָ דאָרט קיין מענשליכע מאָראַל, עס בלייבט נאָר די אי־ראָניע:

„די לייבער צושמיסען
מיט אייזערנע ריטער;
און ווער עס האָט מורא
דער חנפה'ט דעם היטער..."

מען קומט צו אַזאַ פערגליווערטע גלייכגילטינקייט אַז ס'ווילט זיך פון זיך אַליין נעהמען נקמה. מען דערגעהט אַזוי ווייט, אַז מען האָט הנאה פון די אייגענע ליידען. מען קוקט אויף אַלץ מיט אַזאַ א י י ז י ג ע ן שמייכעל, אַז דאָס טראַגישסטע רייסט זיך אַרויס מיט ווערטער פון קאַלטען שפּאָט. דער מענש ווערט אַליין אַ שאָ־טען, און קוקט אויף זיך אַליין ווי אויף אַ טויטען:

„מיר אַלע ווי שאָטענס
אין קאַמער אין טויטען...

אָבער ער קלאָגט ניט אויף דעם. ער גיט אַ קריץ:

און שרעקט אייך די שטילקייט,
טאָ — טרייסעלט די קייטען!..."

מיט אַזאַ אָבגעמאָסטענע קאַלטקייט גיט ער איבער די רויע גרויזאַמקייטען, וועלכע ער האָט דורכגעלעבט. אָבער מאָדנע: די קאַלטקייט ציהט אונז אַריין, ווייל מען פיהלט באַלד, אַז ער האָט זיך בלויז פון אויבען בעפאַנצערט, אין דער טיעף ברענען נאָך די שפּורען פון אַמאָליגע וואונדען.

ער האָט מיר אַמאָל דערצעהלט, ווי ער פלעגט זיך ביינאַכט אויפכאַפּען אין צעל און דערזעהן אַ מייזען־טאַנץ. די מייז זיינען געווען גרויס ווי קעץ. „אין צעל זיינען געשלאָפען אַריבער פערציג מאַן און זיי האָבען ניט קיין מורא געהאַט. איך האָב גענומען קלאַ־פּען, זיי האָט ניט גערט, ווייטער געשפּרונגען אין אַ קרייז אי־בער'ן צעל. עס האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ שוידער קוקענדיג אויף

די טאַנצענדיגע מייז און באַלד בין איך אַריינגעפאַלן אין א פערגליווערטע גלייכגילטיגקייט:

„קיינער וועט אהער ניט קומען
און פון דאנען ניט ארויס...
אין א קרייז ארום מיין בעטעל
טאַנצט ארום א שווארצע מויז."

די געפאַנגענע פלעגן כאַפּן א פּאַר מייז און זיי אויפהענגען אויף דער טהיר פון צעל. אַז די וועכטער זיינען אין דערפריה אריינגעקומען, האבן זיי געטראָפּען הענגען די הינגעריכטעטע מייז. ס'איז געווען א גרויל צו קוקען. נאָר שרעקליכער פון אַלעם איז געווען די גלייכגילטיגקייט, מיט וועלכער מען האָט צוגעקוקט ווי מען האָט יעדען טאָג געטהאָן דאָס זעלבע מיט מענשען..."

ער האָט פערקריצט מיט די צייהן און איז געווארען נאָך ווייסער ווי געוועהנליך. באַלד האָט ער אבער געביטען דעם טאָן און געזאָגט: איצט גלויבט זיך מיר גאָר ניט, אַז איך, וואָס זיץ דאָ אין א ווארעם הויז, ביי א שעהנעם טיש און רעד מיט אייך, בין דאָרט געווען. איצט שיינט מיר אַלץ ווי א שרעקליכע לעגענדע."

נאָך זייענדיג אין געפענגניש האָט זיך איהם שוין אויסגעדוכט, אַז ער איז בלויז א לעגענדע. ער, וואָס ליגט צווישען קויטיגע ווענד איז אפשר גאָר אן אנדערער:

„האָב אַלץ שוין פערגעסען,
פון זיך בין איך ווייט:
ווער וויים אפשר האָט מען
שוין לאַנג מיך בעפרייט?
און אפשר געשטאָרבען
בין איך, און ביים טיר
דאָס לעמפּעל ברענט יאהר־צייט,
ברענט יאהר־צייט נאָך מיר?"

וואָלט לייוויק געשריבען אזעלכע געפענגעניש לידער אין אן אנדער שפּראַך, וואָלט ער פאַר זיי אַליין געקרוגען אנערקענונג אלס א דיכטער וואָס האָט געבראַכט גאָר א בעזונדערען אינהאַלט. אבער לייוויק האָט נאָך מעהר געגעבען. ער האָט אנגעשלאָגען אזעלכע טענער ביי זיך וואָס ווייברירען אין דער זעלבער צייט ביי אַלע מענשען. און טראָץ דעם וואָס אין פיעלע לידער פיהלט זיך

די שווערקייט פון קייטן, די קאַלטקייט פון פערביסענע ליפּען, דער פערקלעמטער געשריי מיט פערקריצטע ציינער: איז לייוויק דאָך ניט קיין טורמע דיכטער. ווייל ער האָט אי־בערגעטראַגען דאָס געפענגעניש אויפ'ן גאַנצען לעבען. יעדער מענש זיצט אין צוויי תפיסות: איין תפיסה איז די וועלט... די צווייטע — ער אליין...

: : :

אמת. פּיעלע פון לייוויק'ס לידער זיינען צו ענג אויטאָביאָ־גראַפיש. דער לעזער קען אין זיי ניט אריינדרינגען. ס'איז ניט אָב־געגעבען קיין סביבה, קיין סיטואַציע. ער האָט גענומען א שטימונג וואָס איז פערבונדען מיט א סך ערפאַהרונג און איהר אַזוי אָב־סטראַגירט, אַז דאָס ליעד שיינט בלויז צו זיין אינטעלעקטועלע גימנאַסטיק:

„גרויסע, גרויסע ווערען מיינע אויגען,
איך אליין — אַלץ שווערער...
אין דער פינסטער קוקען מיינע אויגען,
זעה איך מעהרער, מעהרער...
שווערע וואָלקענס? — ניט קיין שווערע וואָלקענס,
עפּעס שווערער, שווערער,
קלאָהרע שטערען? — ניט קיין קלאָהרע שטערען,
עפּעס קלעהרער, קלעהרער..."

אָט דאָס ליעד איז אונפערשטענדליך דערפאַר, ווייל עס האָט ניט קיין הינטערגרונד. די שטימונג העננט אין דער לופט. אבער טיעפקייט איז דאָ. עס איז נאָר נויטיג געווען צו פּראָדוצירען די סיטואַציע. וואָס איז דער הינטערגרונד פון דעם ליעד?

אריבער דריי הונדערט מענשען שלעפען זיך וואָכען לאַנג קיין סיביר. עסען גיט מען ווייניג. איז מען אויסגעמאַטערט פון געהן און הונגער. נאָך לאַנגע טעג און נעכט קומט מען צו א פּלאַץ וואו מען הייסט זיי זיך אוועקלעגען אויף דער האַרטער ערד שלאָפען. אבער אַז די מיעדקייט עסט אויף די כחות — שלאָפט זיך ניט. איז מען ניט קלאָהר, ניט וואַהנזיניג, נאָר עפּעס צווישען... מען קוקט דעמאָלט און מען ווייס אליין ניט וואָס מען זעהט. די אויגען ווערען וואָס אַמאָל גרעסער, דער קערפּער — שווערער. וואָס עס קומט פאַר די אויגען שיינט צו זיין זעהר גרויס. ווייל דאָס איז

נים קיין געוועגליכער זעהען. אָט דאַכט זיך וואָלקענס — עס זעהט אבער אוים צו זיין עפּעס גרעסערס ווי וואָלקענס... און אז די אוי־גען ווערען אַלץ גרעסער קוקענדיג אויף די שטערען — שיינען זיי העלער, גרעסער...

אָט דאָס נים קלאָהרע ליעד דריקט אוים א שטימונג, וואָס איז אפשר צו טיעף איבערצוגעבען מיט ווערטער. אזא שטימונג בלייבט נאָך גרויסע ליידען. מען קען פון זיי ארויסזאָגען בלויז א פּאָר האַלב פּערקלעמטע ווערטער...

לייוויק שרייבט א סך ליעדער פון יענע שטימונגען. טהייל האָט ער נאָך נאָטירט זייענדיג אין געפענגעניש. ער האָט דאָרט איינגעאָטהעמט די מעלאַנכאָליע פון דעם רוסישען גייסט, און פערמישט מיט׳ן איינגעבוירענעם צער פון זיין נשמה.

לייוויק׳ס גייסט האָט זיך אַלעמאָל געפיהלט געפאַנגען. האָט מען זיין קערפּער אויף פערשפּאַרט, האָט ער נאָך מעהר דערפיהלט דעם צאַהם אויף זיך. ער האָט מיר איינמאָל געזאָגט: „זייענדיג א לאַנגע צייט אין געפענגניש, קען מען זיך מעהר נים פּאָרשטעלען דאָס דרויסיגע לעבען. אַלעס וואָס עס עקזיסטירט אויסער דעם געפענגניש ווערט אזוי אונבעגרייפליך ווי יענע וועלט“.

יענער לעבען האָט אויף לייוויק׳ן געמאַכט א טיעפערען איינ־דרוק ווי אויף אנדערע. ער איז דאָרט אריין צו נײַנצעהן יאָהר און איז ארוים צו זעקס און צוואַנציג. דאָס ערקלערט אויך, וואָרום ער איז אזוי ענג פּערזענליך. צו לאַנג געלעבט אַליין, ער זאָל זיך קע־נען שיידען מיט זיין איינזאַמען איך. ער איז געוואָרען פערפרעמדט פון דער וועלט. ער האָט זיינע אויגען אויסגעדרעהט אינוועניג אריין און בלויז געקוקט אין די טיעפענישען פון זיך. די דרויסיגע וועלט איז פאַר איהם געוואָרען א לעגענדע... דערפאַר שפּיעלט ער נים קיין סימפאָניע, נאָר אימער סאָלאָ. אבער די סאָלאָ איז זיין איי־גענע, טיעפע...

וויפיעל סימבאָלישעס, מענשליכעס, וואַקסט ארוים פון די געפענגניש שטימונג:

„די נאָרע איז קורץ,
נאָר שלאָפען מוז יעדער זיך לעגען, —
לייגט איינער די פים
דעם צווייטען ארויף אויף די אויגען.

און איינער דעם קאָפּ
שפּאַרט אָן צו דעם אַנדערענס קייטען...
די נאַרע איז ענג —
מוז יעדערער האַלטען דעם צווייטען..."

לייוויק האָט אַ שטייפע נאַטור, אַז ער האָט אַלץ געקענט איבערטראָגען. פיעלע זיינען פון דאָרט אַרויס צובראָכען, פערלוירען אויף אייביג. אָבער אַז מען ניט אַ קוק אויף לייוויק'ס העל זיידענע האָר, זיין העל ווייס געזיכט, דערקענט מען אַ נשמה, וואָס האָט געפיהרט אַ פערצווייפעלטען קאַמפּף מיט זיך און איז אַרויס די זיעגערין. זיין גליק איז וואָס ער האָט אַ טבע צו קוקען אויף אַלץ ווי אַ פילאָזאָף, פון דער זייט:

„קוק פון דער זייט זיך ביים וואַנד,
ווער געהט אַרויס, ווער אַריין...
ביזט ניט דער ערשטער אין צעל,
וועסט ניט דער לעצטער אויך זיין..."

אין די ליעדער זעהט מען ווי לייוויק קען זיין זיין אייגענער צושויער. ער שטעהט ·ון דער ז י י ט ווי אַן אָבגעזונדערטער פון אַלעם און קוקט גלייכגילטיג אויפ'ן שפּיעל פון לעבען, גלייך ער וואָלט גאָר ניט געהאַט איינצושטעלען אין קאָן — געווינען אָדער פערשפּיעלען... אָבער זיין גלייכגילטיגער קוק איז ניט פון איינעם וואָס קען ניט אַריינדרינגען טיעף, נאָר די קאַלטע ג ל י י כ ג י ל־ ט י ג ק י י ט פון צ ו פ י ע ל ז ע ה ן — צופיעל ליידען...
גרויסע ליידען, אָדער זיי פער'סמ'ען דאָס האַרץ אויף איי־ ביג; אָדער זיי לייטזעליגען און מאַכען ברייטער דעם מענשען, ווען מען איז נאָר גענוג שטאַרק זיי איבערצוטראָגען.
לייוויק איז אַרויס אַ געלייטערטער, אַ ליכטיגער; אַז איהר קוקט אויף זיינע ערענסטע אָבער מילדע אויגען, זעהט איהר אין זיי ליכטען אַ בעהאַלטענעם שמייכעל, זאָגענדיג: „שאַדט ניט, ס'האָט ניט געקענט זיין ערגער..."
ער האָט אַלץ איבערגעטראָגען שטיל, מיט אַן איינגעביסענע צונג, אָבער שטאָלץ און מיט אַ ש ט י י פ ע ר ע ז י ג נ אַ־ צ י ע. ער איז געקומען צו יענע ליכטיגע בעפרייאונג, וואָס גיט כח צו מאַכען מיט אַלעם שלום:

„איך בין מוחל, איך מין מוחל,
כ'טראג אויף קיינעם קיין פערדרוס...
אין א שטילע
קינדיש תפלה
שיק איך אלעמען א גרוס.."

דאס איז די פערגעבונג פון א מענשען, וואס האט זיך דערהויבען איבער דער וועלט און זיינע אייגענע ליידען. און ווייס דעם סוד פון דעם גרויסען אונבעגרייפליכען קנויל פון דער מענשליכער נשמה. קיינער איז ניט שולדיג. אלע פלאנטערען זיך ווילענדיג אדער ניט ווילענדיג. קיינער האט ניט געהאט די ברירה מיט וואס פאר א קניפ צוגעבונדען צו ווערען צום לעבען. מיר זיינען דא אהערגעקומען אהן אונזער אייגענעם פלאן. דער צופאל האט אונז אין דעם אונענדליכען קנויל אריינגעשפינט. און מיר ראנגלען זיך אלע, מיר ווילען דעם צופאל בעזיגען... מיר ווילען דערגעהן צו עפעס, מיר ווייסען אליין ניט צו וואס...

לייוויק שרייבט איצט א דראמא וואס וועט הייסען: „דער גולם". וואו ער וויל פארשטעלען ווי אזוי א מענש ווערט בעשאפען אהן זיין אייגענעם ווילען און קען די גאנצע צייט פון זיין לעבען ניט בעגרייפען, צוליעב וואס ער איז אין גאנצען בעשאפען געווארען. ער וויל אין דער דראמא בעווייזען די גאנצע אומגעלומפערטקייט פון לעבען. די אייביגע אונבעהאלפענקייט פון דעם מענשען. דאס ניט קענען בעזיעגען דאס צופעליגע.... און דערפון דאס גרויזאמע, דאס טראגישע — דורך דער מאכטלאזיגקייט און די שטענדיגע צוטומעלטקייט. ער וויל ווייזען ווי דער מענש דערפיהלט צייטענווייז מיט א העכערען שכל דעם גאנצען אידיאטיזם פון לעבען. דער מענש לעבט עפעס אזוי זינלאז, אידיאטיש, צוטומעלט, עפעס ווי מיר וואלטען פון א שטיק ליים בעשאפען געווארען — ניט וויסענדיג צו וואס פאר א צוועק... בלויז די וואס ווייסען זעהר וועניג, מיינען אז זיי ווייסען צו וואס זיי לעבען... דער קריטישער מענש ווייס אז קיין זאך איז ניט זיכער. אליץ אין דער וועלט איז פאר מיר ווי א געדאנק. אט האלט איך פון איהם, און באלד דאכט זיך מיר, אז ער איז ניט זיכער און איך

בייט איהם איבער אויף א צווייטען, דעם צווייטען אויף א דריטען און אזוי אונענדליך. טא וואו איז די זיכערקייט, אז מיין געדאנק איז די איינציגע מאָס פאר אלע זיכערקייטען?...

דער מענש, וואס האָט דערפיהלט די אונקלאַהרקייט פון אלץ, קען מעהר ניט בעשולדיגען אנדערע, וועלכע זיינען אליין פער־פלאָנטערט. עס בלייבט נאָר צו פערגעבען, צו וועדען קלאַהר אין זיך. אבער די וועגען זיינען געהיימניספור־לע, פערדרעהטע, געהענדיג, דערשרעקט מען זיך פאר׳ן אייגענעם שאָטען. לייוויק איז געגאַנגען אויף יענע מורא׳דיגע וועגען און פיעל מאָל האָט איהם ארומגעכאפּט א שרעק פאר זיך אליין... ער האָט דערפיהלט אזא צושפּאַלטענקייט, אז ער האָט זיך אין גאַנ־צען פערלוירען. ער האָט דערפיהרט דאָס גאַנצע לעבען צו נול, און האָט פלוצלונג א ציטער געטהאַן פאר דער אונבעגרייפליכער הויל־קייט... ער האָט דורכגעלעבט אזעלכע מאָמענטען, וואס בלויז גע־צעהלטע לעבען דורך, ווען זיי שליסען זיך אָב פון דער וועלט.

פון די ליעדער פון יענע איבערלעבונגען וועהט די קעלט פון עפּעס אונבעקאַנטעס... ער האָט אזוי פערבלאָנ־דזשעט אין זיך, אז פאר שרעק דאכט זיך איהם, אז ער איז ניט איינער נאָר צוויי, און יענער צווייטער געהט איהם פער־ביי:

„זעה איך: געהט א מענש פערביי,
גיט זיך מיר א נויג, —
קעהר איך אָב דעם קאָפּ און קוק —
גלויב איך ניט מיין אויג:

זיין געזיכט — ווי מיין געזיכט,
איז דאָס אפשר איך?
אויפ׳ן מיטען וועג אין נאכט
שטעה איך, קוק אויף זיך.

פול מיט שרעק פון צופיעל זעהן
און פון זיך אליין,
קוק איך, וואַרט: וועט אפשר ווער
כאָלד פאַרביי מיר געהן...

קומט ניט קיינער. פוסט דער וועג,
שטערען שיינען קאלט.
שטעה איך אין דעם טויטען שיין
מיר אנטקעגען — מיין געשטאלט...“

לייוויק האט אין דעם ליעד זיך אליין אביעקטיוויזירט אין א צווייטען געשטאלט. ווען מען גראבט זיך טיעף אין זיך, ווערט מען צושפאלטען ניט בלויז אויף צווייען, נאר אויף פיעל מעהר. פי־זיש איז א מענש איינער, אבער גייסטיג—פיעל... ער האט מיט זיין סוביעקטיווען חוש דערפיהלט, אז ער איז ניט איינער. ער דערזעהט זיך טהיילמאל אין נאך אנדערע געשטאלטען. טהיילמאל זעהט ער זיך ע ר ג ע ץ ו ו י י ט און טהיילמאל נאהענט.

לייוויק האט דורכגעלעבט אזעלכע טעג אין לעבען, וואס מא־כען ליכטיגער א מענשענס אויגען. ער קען זעהן דאס אינערליכע, פערבארגענע. און זעהענדיג מאכט עס איהם צו וועלען זעהן נאך טיעפער. ער וויל דערגרונטעווען דאס אייביג סודות׳דיגע. ער הויבט זיך אן ראנגלען מיט יענע אייביג אונבעגרייפליכע פראגען:

וואס איז דאס גאנצע לעבען? פון וואנען קומען מיר און וואוהין געהען מיר? פיהרט אונז ווער? צו וואס? איז איבער־הויפט דא א פיהרער? אדער איז דער מענש און אלץ ארום איהם בלויז א פאלשער שפיעל? און ווער איז דער וואס פיהרט דעם גאנ־צען פאלשען שפיעל? ווער בין איך?

טהיילמאל דאכט זיך איהם, אז זיין „איך“ איז ערגעץ ווייט פערדרעהט. און ער דערפיהלט א פ ר ע מ ד ק י י ט צ ו ז י ך א ל י י ן. עס קומט איהם אריין א געדאנק, אז ער איז גאר אן אויסגעטראכטער:

און מיט אמאל: ס׳איז גאר ניט דו,
א טעות נאר;
ניט דיינע הענט, ניט דיין געזיכט, —
א פרעמדען׳ס גאר.
און וואס דו זעהסט און וואס דו טהוסט—
א פאלשער שפיעל;
א ז א ו י ס ג ע ט ר א כ ט ע ר וואנדעלסט אום
אהן וועג, אהן ציעל...

דער אמת'ער איז ערגעץ ווייט,
איז איינגעדרעהט
און איינגעשרויפט אין זיך אליין,
ווי אין א קייט...
ער שלעפט זיך ערגעץ נאך דער קייט,
געהט טריט ביי טריט...
און וואו? ביז ווען? ניט ער, ניט ווער,
ווייס קיינער ניט..."

ליוויק האט דערהויבען זיין איינזאמקייט צו דער איינזאמקייט פון אלע איינזאמע. אמת, ער דיכטעט אלעמאל פון די איבערלעבונגען פון זיין אייגענעם איך. אבער דאס איז דערפאר ווייל ער האט צוזאמענגענומען אלע שטראהלען פון לעבען און זיי קאנצענטרירט אין זיך און פון דארט שיינען זיי צוריק ארויס מיט די פארבען פון זיין בלוט. דערפאר וואס ער האט געלעבט אבגעזונדערט פון דער וועלט, האט ער זיך געקענט פערטיעפען אין די רעטענישען פון לעבען. און דעריבער לעזען מיר ביי איהם אזעלכע פערבעהאלטענע שטימונגען, וואס זיינען כמעט אונאויסדרוקבאר און ער געפינט פאר זיי אויסדרוק...

פערשטעהט זיך, אז ניט אלע מענשען קענען דאס זעהן. ניט אלע לעבען דורך אזעלכע וויזיאנען, נשמה-זיגזאגען. אם מעהרסטען פיהלען עס די צארטע נאטורען. ניט אלע מענשען פארשען זיך. ניט אלע קענען זיך נעהמען אויפ'ן פערהער. אנדערע בעשולדיגען בלויז די וועלט, צו זיך אליין דערגעהען זיי ניט. אבער ליוויק איז ניט אין כעס אויף אנדערע, נאר אויף זיך אליין... ער פיהלט זיך אלעמאל „א צוויי געשטאלטיגער." גאר אזא זעלבסטקריטישער מענש ווי ליוויק האט געקענט אויפשרייבען די שורות:

„איך בין א צוויי געשטאלטיגער און א פערקעהרטער,
איך בין א טיעף-פארדארבענער פון טאג און טעג,
און קיינער זעהט, ווי קרום עס איז דער וועג
פון מיינע טריט, פון מיינע ניט דערזאגטע ווערטער..."

און ווער קען נאך זיין אזוי שטרענג צו זיך ווי ליוויק? ער שפאנירט די קלענסטע אייגענע בענעה-

מ ו נ ג, און קוקט טהיילמאַל מיט אזא בייז אויג אויף זיך, אז ער דערפיהלט אז עקעל צו זיך אליין:

„בעשערט מיר אויף זיך אליין קוקען
מיט עקעל און גרויל:
די אויגען מיט טרעהרען פערלאפען,
מיט שמייכעל — דער מויל...“

דאס פיהלען אז עקעל צו זיך זעלבסט דערמאנט אן משה ווארשע, נאר יענער האט דאס ניט געקענט אריבערטראגען און איז דערגאנגען צום טויט. אבער לייוויק האט זיך גובר געווען... דורך זיין ק א ל ט ע ן ש מ י י כ ע ל, דורך זיינע ליעדער, וו ע ר ט ע ר א ו י ס ג ע ל י י ז ט פ ו ן ז י ך א ל י י ן...

לייוויק איז ניט דער דיכטער פון דער דרויסיגער נאטור. איהם אינטערעסירט דער מ ע נ ש און נאר דער מענש! אבער איהם אינטערעסירט ניט דער מענש בלויז אין דעם ענג פערזענליכען זין. נאר דער מענש מיט אלע זיינע קוועלונגען און רעטענישען.

ווען א מענש ווערט פריי אין זיך אליין, איז ער נאך אין גאנצען ניט פריי. ער דארף זיך נאך בעפרייען פון דער וועלט אויך. א מענש איז ניט עפעס אבסאלוטעס פאר זיך אליין, נאר מיט מי־ליאנען זונען און נעבלען דורכגעשטראהלט. טהיילמאַל דאכט זיך, אז דער נעבעל איז אזוי דין, אז מען וועט געבען א מאך מיט דער האנד, וועט ער פארשווינדען. אבער וואס מעהר מיר טרייבען די נעבלען פון זיך, אלץ מעהר געדיכטע אונענדליכע נעבלען דערזעהן מיר ארום זיך... ביז — ס'ווערט אין גאנצען פינסטער...

לייוויק האט זיך גענומען ראנגלען מיט די אייביגע וועלט־נעבלען. ער האט זיך גענומען איבער אלץ פרעגען און וואונדערען. א בעוועגונג פון דער האנד ווערט ביי איהם אן אייביגקייט־רעטעניש.

„אין דער טיעפעניש פון נאכט א בעוועגונג מאכט מיין האנד,
קיינער וויים ניט וועמען זוך איך, וועמען זעה איך אין דער נאכט“.

אלעס איז אונבעגרייפליך. און ער ווערט פערוואונדערט אי־בער זיך אליין און איבער'ן גאנצען לעבען אין דער זעלבער צייט.

וואס איז דאס אלעס, וואס מיר זעהען? ווייסען מיר וואס מיר זעהען? וואו איז טאקע אהינגעקומען א בעוועגונג פון דער האנד? אדער א בליק פון מיין אויג? און די מיליאנען לעבענס

פון דור דורות? קיינער ווייס ניט. וועגן די אייביגע רעטענישען קען דער מענשליכער שכל בלויז פרעגן... — בלאנדזשען מיר אין דער דונקעלהייט און זוכען און ווייסען אליין ניט וואס און וועמען...

„איך אליין אויך ווייס ניט וועמען און וואס זוך איך אין דער נאכט און צו וועמען איז געווענדט די בעוועגונג פון מיין האנד...
אין דער טיפענעניש פון נאכט בין איך איינזאם און אליין
פון דער גאנצער וועלט א סימבאל..."

אט דא איז אויסגעדריקט דער לעבענס-פלאנטער אין א פאר שורות. דער גרעניץ און די אייביגע אונרוה. דער דראנג צו בעגרייפען זיך און די וועלט. און דער ווילען צו ענטלויפען פון דעם שווער בעגרעניצטען און ארויסרייסען זיך פון איהם. צו לויפען פון זיך און בעהאלטען זיך פון דער וועלט.

שפארט מען זיך אזוי לאנג, ביז מען קלאפט זיך אן אן די אייזערנע שטאכעטען... און נ י ט א ו ו א ו ז י ך צ ו ב ע ה א ל ט ע ן. די וועלט איז דאך אזוי גרויס — און איז דאך צו קליין פאר א מענש...

: : :

ה. לייוויק איז דער סימבאלישער דיכטער, וואס רייט אויף צוויי פערד — א שווארצען און א ווייסען. דעם ווייסען זעהען אלע, נאר דעם שווארצען זעהט דער רייטער אליין. אויף איינעם וואלט איהם געווען שווער דורכצורייטען די דונקעל פערדרעהטע וועגען פון די טעג...

לייוויק'ס ליעדער האבען אלעמאל א פיעלדייטיגען זין. זיי זיינען פ י ו נ י ס ט י ש, אין זיי קלינגען אלעמאל דורך עטליכע טענער צוזאמען. און איין טאן פערלירט זיך אין צווייטען אריין אויף א מיסטעריעזען אופן...

דאס ליעד: „איך דאנק אייך גוטע מענשען" קען גענומען ווערען אלס אן איינפאכע געזעגענונג מיט די מענשען פון דעם קאלטען לאנד סיביר. און אויב איהר ווילט, איז דא אנגעריהרט דער טרויעריגער סוד פון אונזער לעבען: אז צוויי מאל איבערלעבען דאס זעלבע, קען מען ניט. וואס א מענש טהוט איינמאל, איז פערפאלען אויף אייביג. די גוטע אדער די שלעכטע מינוטען, וואס

מיר האָבן געהאַט, ווען זיך קיינמאָל נים ווידערהאָלן, בלויז איינמאָל וואַנדערן מיר דורך אונזער לעבענס־וועג:

„איך האָב געזעהן איינמאָל
און וועל ניט זעהן שוין מעהר;
מיין וועג איז ווייט, וועל קיינמאָל
נים קומען מעהר אַהער.

צו וואָס איך גיב אַ ריהר זיך
איז דאָס דער לעצטער ריהר:
אַט מאַך איך אייער טיר צו, —
פּילייכט די לעצטע טיר...“

דער צער פון בעוואוסטזיין, מיט יעדער בעוועגונג, וואָס מיר מאַכען פערגעהען מיר... דער אונפערמיידליכער טראַגיזם איז דער אונטערטאָן פון אַלע לייוויק'ס לידער. די קללה פון צופאַל און אויך פון אונפערמיידליכקייט... די גלייכגילטיגקייט צום צוגענגלי־כען און דער ד ר א נ ג צ ו ם א ו נ מ ע ג ל י כ ע ן...

לייוויק'ס לידער זיינען כמעט אַלע סימבאָליסטיש פּילאָזאָ־פיש. אין דער סעריע „אין שניי“ האָט ער אונז ניט בלויז דער־צעהלט פון דעם קאַלטען וועג, אויף וועלכען ער איז אין שרעק געלאָפען פון סיביר, נאָר מיר דערפיהלען, אז דאָס איז אויך דער וועג פון אונזער לעבען — וואו אַלע מענשען לויפען און ווילען זיך בעפרייען... פון דער איינזאַמקייט — פון זיך אַליין... אָבער ניטאָ וואוהין צו לויפען... ניטאָ קיין וועג. אַלעס וואָס מיר קענען טהאָן איז זיך פערשפּילען, פ ע ר ש כ ו ר ' ן א ו נ ז ע ר ב ע ו ו א ו ס ט ז י י ן. אז ניט, איז שווער אריבערצוטראָגען די מאָנאָטאָניע, די לעהרקייט, די אונרוה...

יאָ. מיר ז י י נ ע ן ג ע צ וו א ו נ ג ע ן צו שפּיעלען:

„קינדער האָבען שפּיעלעכלאָך,
שפּיעלען ווען זיי ווילען:
גרויסע שפּיעלען נאָר מיט זיך,
מוזען אייביג שפּיעלען.“

לייוויק איז מזל׳דיק דערמיט, וואָס ער איז געקומען אין אַ צייט, ווען די אידישע פּאָעזיע האָט זיך שוין געהאַט אויסגעטראָטען אַ וועג. ער האָט פיעל צו פערדאַנקען די דיכטער בעפאָר איהם. אָבער ער האָט ניט גענומען פון זיי. לייוויק איז אָריגינעל סיי אין אינהאַלט, סיי אין פאָרם. אין דעם לעצטען איז ער אונפערגלייכבאַר. זיין פּערז איז אַזאַ געזונטער, קאָנצענטרירטער. ער שרייבט ניט נאָר אין קורצע שטריכען, מינאַטור־שטימונגען. דאָס האָבען שוין אַנדערע געטהאָן. ער טהוט פיעל מעהר. ער נעהמט לעבענסרעטענישען, אויף וועלכע אַנדערע דיכטער וואָלטען פערשווענדט הונדערטער שורות, און שרויפּט זיי צוזאַמען אין צוויי דריי סטראָפען. און וויפיעל וועריאַציעס ער מאַכט מיט׳ן ריטהם און מעטער. קומען דאָך זיינע לידער אַרויס אַזוי איינפאַך, אַז מען פיהלט ניט די ווערטער ווען מען לעזט, נאָר ס׳דאַכט זיך, אַז דאָס זיינען אונזערע אייגענע געדאַנקען און געפיהלען.

לייוויק׳ס אָריגינעלקייט ווייזט זיך אַרויס אין זיינע ליעבע לידער. ווי נייע, פּסיכאָלאָגיש און אייגענאַרטיג זיי זיינען.

אַנדערע פּאָעטען האָבען געשריבען ליעבע לידער אַזוי ווי אין אַלע צייטען. אפילו די גאָר אָריגינעלע האָבען נאָר צוגעגעבען נייע פאַרבען און בלויז וואַריאירט מיט דער סענטימענטאַליטעט. אָבער לייוויק שרייבט וועגען ליעבע אויף אַ גאַנץ בעזונדערען שטייגער. עס ווערט אפילו אין זיי ניט דערמאָנט דאָס וואָרט ל י ע ב ע. ער זוכט צו זיין געטריי צו זיך אויך דאָ — אין זיין בעציהונג צום צווייטען געשלעכט. ניטאָ ביי איהם קיין פאַרטיגע, שוין פון לאַנג זינגלאָזע סענטימענטאַלע ווערטער. ער בעזינגט ניט, אידעאַליזירט ניט די געליעבטע אָדער די ליעבע. דאָס זיינען אויבענאויפיגקייטען. לייוויק׳ן ציהט אימער אין די טיעפקייטען. ער דערצעהלט די אונזיכערקייט, פרעמדקייט און ציטערקייט, וואָס איין געשלעכט פיהלט צום צווייטען. דאָס ליעבען און פיינטען אין דער זעלבער צייט...

„לעבערליך און שעהמעוודיג", איז דאָס בעסטע ליעבע ליעד, וואָס איז ווען געשריבען געוואָרען. עס גיט אויך אַזאַ איינפאַכען אופן איבער דעם זיגזאַג פון ליעבע און כאַראַקטעריזירט אין דער־זעלבער צייט אַזוי גוט די שטילע ציטעריגע נאַטור פון דעם דיכטער:

„לעכערליך און שעהמעוודיג
שטעה איך לעבען דיר:
הייסט מיך זיצען — זעץ איך זיך,
גיב זיך ניט קיין ריהר.

הייסט מיך עסען — פאלג איך דיך,
ווערג זיך שטילערהייט,
שנייד פון גרוים צומישעניש
מיט'ן גאפעל ברויט.

שטרעקסטו אוים די הענט צו מיר,
פינגער — וויים און דין,
מיין איך, אז דו זעגענסט זיך —
גולם וואס איך בין!"

לייוויק'ס בעוואוסטזיין איז אימער וואך. דערפאר געדענקט ער ווי ער האט אויסגעזעהן אונטער די פערשיעדענסטע אומשטענדען. ער צוגלידערט אלץ און האלט אימער אן אויג אויף זיך. ער דערזעהט זיך טהיילמאל אין זעהר א לעכערליכע פאזע. און זיי־ענדיג טאפעל סענסיטיוו האט ער מורא פאר זיך און פאר'ן צווייטען. ציטערט עס זאל ניט עפעס אומגעריכטעס געשעהן. ווייל עפעס א צופאל הענגט איבער יעדען מענשענס מזל. דערפאר זיין בעציהונג צום צווייטען געשלעכט אזוי פערפרעמדט, צוטומעלט, אונענטשלאסען:

„איך ציטער אזוי זיך, — איך וויים ניט
פאר זיך, צי פאר דיר, צי פארביידען
איך שרעק מיך מיט דיר זיך צו טרעפען
און נאך מעהר מיט דיר זיך צו שיידען..."

אויך אין לייוויק'ס געזיכט קען מען טהיילמאל דערקענען אזא בעהאלטענעם שרעק. ער ווערט אין גאנצען ציטעריג, ווי די מיס־טישע פיגורען פון איעק. ס'איז איהם געבליבען אזא אונמעכטי־גער געפיהל פון זיין ווייסע איינזאמקייט.

די פלאמען פון אמאליגען בעס זיינען איצט שוין ניטא. אלץ האט זיך ביי איהם איבערגעברענט. געבליבען איז אבער אזא

װ י י ס ע ר א ש. װאָס ליגט צושאָטען אױף אַלע זײַנע שטי־
מונגען. לעצטענס האָט אָבער לײװיק דערפֿיהלט דעם פֿערבליבע־
נעם אַש װי אַן איבעריגע לאַסט — און עס איז בײַ איהם געבױרען
געװאָרען די האָפֿענונג צו דערלײזונג...

: : :

אױסערליך מערקט זיך דאָ און דאָרט לײװיק׳ס עהנליכקײט
צו ראַלניק׳ן. אָבער אין גרונד זײַנען זײ פֿערשידען. ניטאָ בײַ
ראַלניק׳ן דער דואַליזם פֿון מענשען. ראַלניק איז ג אַ נ ץ א י ן
ז י ך — בײַ לײװיק׳ן איז ד אָ אַ ז אַ צ ו ש פּ אַ ל ט ע נ־
ק י י ט. פֿון דעם אײגענעם איך. ראַלניק פֿיהרט קריעג מיט דער
װעלט — לײװיק מיט זיך אַלײן...

בײדע, אי ראַלניק, אי לײװיק, פּאַסען אױף דאָס לעבען װי
אַ געפֿענגעניש. דאָך װי פֿערשידען זײַנען די װעגען פֿון בײדע
דיכטער.

ראַלניק האָט דערזעהן אַז מיר זיצען אין אײנצעלנע צעלען:

„און יעדער שלאָגט זיך בעזונדער
דעם קאָפּ אַן דער װאַנד פֿון זײַן תּפֿיסה,
װען טױזענדע נאָהענטע כאָרכלען
אין לעצטע מינוטען פֿון גסיסה.“

און קײנער קען פֿון דאָרט ניט אַרױסגעהן, זאָגט ער אונז.
װײַל:

„די אײביגע װענד זײ פֿערשטעלען.“

ראַלניק איז טאַקע פֿערבליבען אין זײַן תּפֿיסה. די תּפֿיסה
איז געװאָרען זײַן ה י י ל י ג ע ר ט ע מ פּ ע ל. זײַן גרױס
קעניגרײַך.

לײװיק זאָגט:

„אײַנגעשמידטע זײַנען מיר,
יעדער אין אַ קאַמער זיצט בעזונדער:
אײַנגעשפּאַרטערהײט בײַם טיר
שטעהען מיר און װאַרטען אױף אַ װאונדער:
פּלוצלונג עמיץ שטילערהײט
עפֿענען װעט אַלע טירען,
װעט צורײַסען אונזער קײט,
אונז פֿון תּפֿיסה אַרױספֿיהרען“.

ביי לייוויק'ן פיהלט איהר דעם דראנג צו זעלבסט בעפרייאונג. ער וויל זיך אויסלייזען פון זיך אליין: „עס האט דערעסען מיר צו זיצען אין דער טונקעלהייט אין ווינקעל, און איינגעמאטערט איז מיין אויג געווארען אויף זיך אליין צו קוקען...“

און ער בענקט „...מיט פייערען זאל ווערען פול מיין צימער. און זאלען קומען געסט, אי פריינד, אי פרעמדע צוזעצען זיך און עסען. טרינקען, ריידען און ליכטיג זאלען זיין ביי אלעמען די אויגען און רוהיג, רוהיג...“

ווייל ער איז שוין מיעד פון זיין איינזאמקייט:

„איינגעמאטערט איז מיין הארץ געווארען.
פאר מיר אליין צו קלאפען...“

ער האט זיך דעריבער אנגעהויבען רייסען צו ליכטיגקייט: „און איצט מעג זיין ליכטיג, מיין קאפ איז ניט אייביג געבויגען. איך קוק דיר שוין גלייך אין די אויגען, — דורך אפענע אויגען ארוים וועט דער אונרוה פון ביידען. און איצט צינד אן פייער...“

לייוויק וויל זיך בעפרייען פון די וואכעדיגקייט, פון די שווארצע נעבלען. ער זוכט נייע פארבען, נייע ליכטיגקייט. אין פיעלע ליעדער פליהט ביי איהם שוין דורך עפעס ווייסעס:

„אין דער פינסטער זיינען מיר
ווייסער נאך געווארען.
אין א ווייסען שרעק אזא
ביידע זיך פארלארען.

קוקסט אויף מיר, און איך אויף דיר, —
דו בעהאלסט די אויגען:
עפעס ווייסעס איז אין לופט
אונז פערביי געפלויגען.“

ווי פיעל טרייסט ליגט אין די הארציגע ווערטער: אין דער פינסטער זיינען מיר ווייסער נאך געווארען“? און וואס פאר א גרויסע האפענונג וועקט אין אונז דער דיכטער מיט דעם סימבאל: „עפעס ווייסעס איז אין לופט אונז פערביי געפלויגען“.

איז דאָס ניט קיין אנזאָג אויף א נייע פריידּ? אז נאָך אַלע מיס־פּיהלען, ראַנגלערייען, און קריגען, וועט דאָך קומען דער פריעדען וואָס וועט דערנעהנטערען איין מענש צום צווייטען....

לייוויק איז דער סימבאַליסט פון דעם מענשענס בעוואוסטזיין און פון די אינטימסטע שטימונגען. און ס'איז א פרייד צו וויסען אז ער, דער איינזאַמסטער צווישען די איינ־זאַמע, האָט דערזעהן דעם פּאַך פון א ווייסען פליגעל...

דאָס ווייסע וואָס פליהט דורך, — דאָס איז דער העלער שיין. וואָס שטראַהלט אויף, ווען איין מענש דערנעהענט זיך צום צוויי־טען אין אויסערגעוועהנליכע מאָמענטען. יענע רגעס זיינען די טהייערסטע אין לעבען. מען דערפיהלט דעמאָלט, אז מען איז דאָך ניט אין גאַנצען אַליין אויף דעם עלענדען פּלאַנעט. אבער יענע מאָמענטען זיינען זעלטענע ביי יעדען מענשען.. אמעהרסטען זיי־נען מיר אַליין אין דער וועלט. מיר בלאָנדזשען יעדער פאַר זיך הינטער הויך געמויערטע ווענד... פון צייט צו צייט הערען מיר איינער דעם צווייטענס הויכען געלעכטער און פערצווייפעלטע שטימען.. פרעהליכע טענץ און פערביסענע זיפצען... אבער מיר ווייסען קיינמאָל ניט ווי מיר זעהען אויס... אייזערנע גראַטען פערשטעלען אונז איי־נער פון צווייטען. נאָר אמאָל קומט א דיכטער מיט אזוניגע נשמה און צוגליהט די אייזערנע גראַטען — דאַן פליהט דורך עפּעס ווייסעס... אזא העלער שטראַהל פון איין נשמה צו די צווייטע...

אין זיין סעריע לידער „אין שניי" מערקט זיך שוין לייוויק'ס דערגעהן צו ווייסקייט, ליכטיגקייט. ער האָט פערקליידעט אַלע זיינע שרעק־שטימונגען אין שניי און ס'איז פון זיי געבוירען גע־וואָרען א ווייסער טרוים... דער טרוים פון זיך־בעפרייאונג!...

שניי, ליכט, ווייסע טרוימען זיינען זעהר כאַראַקטעריסטישע טרוימערייען ביי לייוויק'ן. אַליין איז ער אויך אין גאַנצען א וויי־סער. זיינע האָר זיינען בלאָנד ווייס, זיינע אויגען־ברעמען העל־ווייס, זיין גאַנץ געזיכט איז ליכטיג ווייס.

און פיהרען פיהרט ער אונז אויך אין א ווייסע וועלט....

: : :

ביאָ־ביבליאָגראַפיע.

דוד איגנאַטאָוו — געבוירען 1885, אין ברוסילאָוו, קיעווער גוב. געקומען אין אמעריקא 1906. אָנגעהויבען דרוקען אין די זאַמלונגען „יוגענד“. ארויסגעלאָזט אַ נאָוועלע: „צוויי קרעפטען“. געדרוקט אין „דאָס נייע לעבען“, „אידישע וועלט“, „ליטעראַטור“, „אַרבייטער“, „צוקונפט“ און אַנדערע. זיינע הויפּטווערק געפינט מען אין די זאַמעלביכער „שריפטען“ און „וועלט איין וועלט אויס.“

זישא לאַנדוי — געבוירען 1889, אין פּלאָצק. געקומען קיין אַמעריקא 1906. געדרוקט אין „פאָרווערטס“, „ציית גייסט“, „אַרבייטער“, „דאָס נייע לעבען“, „ליטעראַרישע וועלט“, „דאָס נייע לאַנד“, „ליטעראַטור און לעבען“, און די זאַמעלביכער „שריפטען“, „וועלט איין וועלט אויס“ און אַנדערע.

א. ראַבאָי — געבוירען 1885, אין זאַוואַליע ביים טייך דניעסטער, אין באַסאַראַביע. געקומען קיין אַמעריקא 1904. געדרוקט אין „אַרבייטער“, זאַמלונגען „יוגענד“, „טרוימען און ווירקליכקייט“, „ליטעראַטור“, „אַרבייטער פריינד“, „ליטעראַרישע וועלט“, „פון מענש צו מענש“, „אונזער וואָרט“, „צוקונפט“, „שריפטען“, „איסט בראָדוויי“, „וועלט איין וועלט אויס“, „ליטעראַטור און לעבען“, „טאָג“, „פיהרער“, און אַנדערע צייטונגען און זשורנאַלען. ארויסגעגעבען אַ בוך: „הערר גאָלדענבארג“.

מאָני לייב — (בראַהינסקי) געבוירען 22טען דעצעמבער, 1884 אין ניעזשין, טשערניגאָווער גוב. אָנגעהויבען דרוקען אין דער לאָנדאָנער „נייע צייט“. געקומען קיין אמעריקא 1905. געדרוקט אין „פאָרווערטס“, „פרייע אַרבייטער שטימע“, „יוגענד“, „אידישער קעמפפער“, „וואַרהייט“, „אַרבייטער“, „דאָס פאָלק“, „דאָס נייע לעבען“, „צוקונפט“, „נייע וועלט“, „טרוימען און ווירקליכקייט“, „פון מענש צו מענש“ און אנדערע. די מיינסטע לידער זיינע געפינט מען אין זאַמעלבוך „ליטעראַטור“, „שריפטען“ און „ליטעראַטור און לעבען“.

יוסף ראָלניק — געבוירען 1879, אין זשוכאָוויץ, מינסקער גוב. געקומען קיין אַמעריקא 1899. געדרוקט אין „פרייע אַרבייטער שטימע“, „דאָס אידישע פאָלק“, „דער אידישער קעמפפער“, „דאָס נייע לעבען“, זאַמעלבוך „ליטעראַטור“, „צוקונפט“, מיניקעס „סכות־בלאַט“, „די נייע היים“. ארויסגעגעבען צוויי ביכער: „אויפ׳ן זאַמדיגען וועג“, און „לידער“.

י. אַפּאַטאָשו — געבוירען 1886, אין מלאַווא, פּלאָצקער גוב. געקומען נאָך אַמעריקא 1907. געדרוקט אין צווייטען זאַמעלבוך „ליטעראַטור“, „שריפטען“, „די נייע היים“, „צוקונפט“, „ליטעראַטור און לעבען“, „דאָס נייע לאַנד“, „ליטעראַרישע וועלט“, „קעמפפער“, און „טאָג“. ארויסגעלאָזט צוויי ביכער: „פון ניו יאָרקער גהעטאָ“, און „א ראָמאַן פון אַ פערד־גנב און אַנדערע ערצעלונגען“.

משה נאַדיר — (יצחק רייז). געבוירען 1885 אין נאַראַיאָוו, גאַליציען. געקומען קיין אַמעריקא אין 1898. געדרוקט אין פּ. א. ש. „צוקונפט“, „נייע צייט“, „דאָס אידישע וואָכענבלאַט“, „די וואָך“, „פון מענש צו מענש“, „ליטעראַטור און לעבען“, רייזענ׳ס „דאָס נייע לאַנד“, אין מאַרינאָוו׳ס „הומאָר און סאַטירע“, „קונדס“, „קיבעצער“, „אידישען גזלן“, „טאָג“. אין די ענגלישע זשורנאַלען: „די סמאַרט סעט“, „די פּעיגען“, „ניו פּיקשען פּאַבלישינג קאָ.“, „אַמעריקען היברו“. ארויסגעגעבען אַ קליינעם בוך „ווילדע רויזען“. זיינע פּסעוודאָנימען: יוד־קא ריש־זעט; דילענזי מירקאַראָש; י. סטריער; פּילאַטוס; אַנאַ דאַנאַ; דר. האַציקעל; רינאַלדא; דעמ.רויזענקאַוואַליער.

ראובן אייזלאַנד. — געבוירען 1884 אין גרויס ראַדאָמישעל, גאַליציען. געקומען קיין אַמעריקא 1903. געדרוקט אין „דאָס נייע לאַנד“, „ליטעראַרישע וועלט“, „פרייע אַרבייטער שטימע“, „ליטעראַטור“, „ליטעראַטור און לעבען“, „פון מענש צו מענש“, „שריפטען“ 1 און 3 באַנד. „וועלט איין וועלט אויס“.

מ. ל. האַלפּערן. — געבוירען אין זלאָטשעוו, גאַליציען. געקומען קיין אמעריקא אין 1908. געדרוקט אין לעמבערגער „טאָגבלאַט“, „אידישען פאָלק“, „פרייע אַרבייטער שטימע“, „די וואָך“, „שריפטען“, „ליטעראַטור און לעבען“ און אַנדערע. ארויסגעגעבען צוויי זאַמעלביכער: „פון מענש צו מענש“ און „איסט בראָדוויי“.

ה. לייוויק — (לייוויק האַלפּער). געבוירען אין 1888 אין איהומען, מינסקער גוב. רוסלאַנד. געקומען אין אַמעריקא אין 1913. געדרוקט אין „ליטעראַטור און לעבען“, „צוקונפט“, „פרייע אַרבייטער שטימע“, „פון מענש צו מענש“, „איסט בראָדוויי“, „טאָג“ און אַנדערע.